STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05240

IN DI VAYSE TSOFN-VELDER

William J. Long

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. לאָנג:

אין די ווייסע צפון־וועלדער

ז. לאָנג.

אין די ווייסע
צפון־וועלדער.

באַרבעט דורך קאַסעל.

פאַרלאַג / ב. שימין /

וואַרשע 1 21

WARSZAWA
Druk. SZ. SIKORA i I. MYLNER, Nowolipki 6.

דער קליינער, שייגער

און ליבער חיהלען. —

ד. קאסעל.

2498

פאָרוואָרט.

וויליאַם לאָנג געהערט צו יענע זעלטענע נאַטורפאָרשער, וואָס שיידן זיך אָפּ לחלוטין פון וועלט און מענטשן און פאַר־זינקען איינגאַנצן אין זייער אַרבעט. און דידאָזיקע אַרבעט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַזונדער וועלט, אין וועלכער זיי געפינען דאָס, וואָס אַ געוויינלאַכער מענטש געפינט אין אַלזייטיקן לעבן. לאָנג האָט זיך פאַרשטעקט אין די ווייטע ווייסע אַמעריקאַנישע צפונוועלדער, אין די הויכע ווילדע פעלזנשטחים, דאָרט, וואו עס בלאָנקען־אַרום איינזאַמע, רויט־פנימדיקע, שטומע אינדיאַנער און גרויע קלוגע ערנסטע וועלף. לאָנג האָט אַריינגעדרונגען אין דער מלוכה פון וואָלף כמעט ווי אַ מיטגליד פון אַזאַ מלוכה: איינזאַם און אַליין, אָן אַ ביקס אויפן רוקן מיט פאַרפרעסטע ליפּן און מיט שאַרף אויסגעשפּיצטע אויגן, איז ער געגאַנגען, ווי אַ וואָלף, איבער די שפורן פונם וואָלף און האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרטיפט אין די סודות, אייגנשאַפטן, כאַראַקטער,

געוויינהייטן, מדות און טעמפּעראַמענט פון דערדאָזיקער אויסער־געוויינלאַך קלוגער, שטאַרקער און זעלבשטענדיקער חיה.

און דער וואָלף האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים, ווי עס אַנטפּלעקט זיך אַ פעלד, ווען דער באַגינענעפּל פאַלט־אַראָפּ פון אים. דער וואָלף הערט־אויף צו זיין אַ חיה, נאָר אַ באַשעפעניש, וואָס איז אין אַ סך פּרטים ענלאַך צו אונז: ער קאָן ליבן און האַסן, זיך פרייען און וויינען, טאַנצן און גליווערן. ער ווייס פון מרה־שחורה און שמחה, פון צער און מסירת־נפש, פחדנות און העלדישקייט. ער קאָן פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן, לויט באַשטימטע געזעצן און כּללים, און קאָן פירן אַ קאַמף פאַר דעמדאָזיקן לעבן, אויך לויט באַשטימטע געזעצן און כּללים. זיין באַוועגונג איז אַ באַשׂכלטע, אין זיין טאַט איז פאַראַן אַ לאָגיק. פון דער נאָרע, וואו ער ווערט געבאָרן, ביז דער נאָרע, וואו ער מאַכט־צו די אויגן, ציט זיך אַ שטיק לעבן, וואָס איז אויסגעוועבט מיט שׂכל. דער וואָלף קאָן אפילו טראַכטן. ער מאַכט זיך אַ חשבון: וואָס האָט ער צו טאָן פאַרן טאָג? וואוהין דאַרף ער גיין? וואָס קאָן ער עסן אויף דעם אָדער יענעם שטח? ווי לייגט מען אַוועק אַ הירש? וויאַזוי פאַקט מען אַ פוקס? וואו קאָן מען געפינען קעניגלאַך? און וויאַזוי באַשיצט מען זיך פון אַ מענטשן? די אַלע פראַגן פאָדערן זייער אַ געניטן, זייער אַ פראַקטישן און זייער אַ קלוגן ענטפער, אַנישט קאָן מען אָדער הונגערן אָדער זיך באַצאָלן מיטן לעבן. וויל דער וואָלף עקזיסטירן, מוז ער קודם־כּל זיך האַלטן פעסט אין די באַשטימטע כּללים און געזעצן, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט דורך לאַנגע־לאַנגע דורות פון וועלף, און וויל מען זיך האַלטן אין די כּללים און געזעצן, מוז מען האָבן שׂכל.

דאָס, וואָס ווערט פאַרשטאַנען, ווערט אויך נאָענט, און לאָנג באַזינגט די וועלף. ער באַזינגט זייער שטאַרק, קלוג און

העלדיש לעבן. ער באַזינגט זיי נישט ווי אַ מענטש, דאָס הייסט, ווי אַ העכערע באַשעפעניש, נאָר ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, אָן מענטשלאַכער גאווה, אָן מענטשלאַכן חוזק און אויך אָן דעם שווערן טריבן ערנסט פון אַ נאַטורפאָרשער.

מיט דער אייגענער ליבע און, איך וואָלט זאָגן, קאָרעקטקייט, מיט וועלכער לאָנג איז שטיל און איינזאַם אַריינגעדרונגען אין דער מלוכה פון וואָלף, איז ער אויך אַריינגעדרונגען אין די שטאַטן פון אַנדערע חיות, וואָס נעסטיקן זיך אין די צפונוועלדער פון אַמעריקע. דעם בער ברודערל, פעקוואַם דער פישכאַפער, מאַטוואָק פון די אייזבערג און אפילו דער לאַקס פון יענע צפונטייכן—דאָס זיינען אַלץ חיות, מיט וועלכע לאָנג האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַרברידערט און זיך צוזאַמענגעלעבט. די חיות האָבן דערקענט זיין שאָטן און דערשפירט זיינע שפורן. זיי האָבן, משמעות, געפילט, אַז דער דאָזיקער הויכער אויסטערלישער מאַן, וואָס שפּאַנט אַרום אָן אַ ביקס איבער די געדרייטע געהיימע גנבישע שטעגעלאַך פון די געדיכטע וועלדער, איז זיי נישט קיין שונא, און, מעגלאַך, אַז טאַקי דערפאַר האָט לאָנג געהאַט אַ מעגלאַכקייט אויסצופאָרשן דאָס סאַמע אינטימסטע לעבן פון די סאַמע פאַרבאָרגנסטע און איינזאַמסטע חיות.

לאָנג אַליין האַלט זיך נישט פאַר אַ נאַטורפאָרשער אינם שטרייגן זין פון וואָרט. מיט אַ מערקווירדיקער באַשיידנקייט זאָגט ער: „אין אַלע מיינע אַרבעטן, אָדער, ריכטיקער, אין מיין צייטפאַרטרייב צווישן פעלדער און וועלדער, האָב איך מיך געסטאַרעט אויפצוכאַפן בלויז יענע שטריכן און באַוועגונגען, וואָס באַצייכענען די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון דער חיה. די קלאַסיפיקאַציע און די אַלגעמיינערע אייגנשאַפטן פון די חיות לאָז איך איבער פאַר די מער געניטע נאַטורפאָרשער, וואָס וועלן עס מאַכן בעסער, ווי איך. צוליב דעם אייגענעם טעם

בשעת איך געפין מיך אָבער צווישן חיות, בשעת איך זיץ אין אַ שטילן פאַרגאַכט אין אַ ישוב פון ביבערס, פאַרגלייך איך נישט דאָס לעבן פון בעלי-חיים מיטן לעבן פון מענטשן. מיין געדאַנק און מיין אויג—ביידע זיינען בעת מעשה אַזוי באַשעפטיקט, אַז איך פאַרגעס מיך אין די מענטשן און זייערע רווישיקע שטעט. פאַר מיר ליגט אַן עלט, נישט קיין מעכאַניש לעבן, וואָס באַדאַרף צוערשט פאַרשטאַנען ווערן און נאָכדעם געשילדערט ווערן, אַ לעבן, וואָס האָט זיין צער און פריידן, זיין קאַמף און מנוחה, און אויב איך וויל עס בעסער פאַרשטיין, מוז איך צוגיין צו דעם מיט יענער לעבנסמאָס, וואָס איז מיר אַמבעסטן באַקאַנט און פאַרשטענדלאַך, דאָס הייסט מיט דער מאָס פון מיין אייגן לעבן. אַזאַ מין מיטל איז נישט דורכזיכטיקשוואַך און נישט סענטימענטאַל, ווי עס ווילן אונז איינריידן די שעפער פון דער מעכאַנישער נאַטורגעשיכטע, נאָר, פאַרקערט, דער איינציקער מעגלאַכער וועג, דורך וועלכן מען קאָן אַריינדרינגען אין דער וועלט פון חיות.״

אַזוי רעדט נישט קיין נאַטורפאָרשער, נאָר אַ קינסטלער, אַ דיכטער. און לאַנג איז טאַקי געגאַנגען צו די חיות מער מיטן אויג און האַרץ, איידער מיטן ניכטערן און קאַלטן קאָפּ פון אַ נאַטורפאָרשער.

נאָנט און טייער ווערן אונז די שטילע געהיימע וועגעלאַך און שטעגעלאַך, איבער וועלכע לאָנג האָט איינזאַם געשפאַנט מיט אַ קלאַפּאַנדיק האַרץ און נאָנט און פאַרשטענדלאַך ווערן אונז זיינע חיות. פאַר אונזערע אויגן שלייכן דורך „טיפּן״ און „געשטאַלטן״ פון וועלף און פעקוואַמס, פון פוקסן און הירשן, און מיר זעען זייער זיסע קינדהייט און זייער פריילאַכע יוגנט און זייער זאָרגלאָזע עלטער און זייער קאַמף פאַרן קיום. און מיר פאַרלירן די גאווה פון אַ מענטשן און דאָס געפיל פון גרינגשע-

סטינקט, וואָס באַוועגט, ווי מיר מיינען, די חיות. און כּל־זמן מיר האָבּן נאָך נישט אַנטדעקט עפּיס אַ נייע כֿעמיע, וואָס זאָל לחלוטין איגנאָרירן די בּיזאיצט פעסטגעשטעלטע אַטאָמען און די געזעצן וועגן אַטאָמען, און כּל־זמן מיר האָבּן נאָך נישט אַנטדעקט עפּיס אַ נייע פּסיכֿאָלאָגיע, וואָס זאָל לחלוטין אָפּוואַרפֿן דעם זאַץ, אַז חיות בּאַזיצן פאַרשטאַנד און שכל, מוזן מיר צופּאַסן דאָס אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן זיך, אויך צו יענע קליינע און שוואַכֿע אָרגאַניזמען, מיט וועלכֿע מיר זיינען פאַרבּונדן אין אַ געוויסער קרובֿהשאַפט, הגם אַ גאַנץ ווייטער.

עפּטער ווילן מיר פאַרבּאָרגן אונזער בּלינדקייט און אונזער פּעלער, אַז מיר זיינען שלעכֿטע בּאַאָבּאַכֿטער, און מיר פאַרוויקלען מיט סודות דאָס לעבּן פון חיות. מיר האָבּן אַ נאָמען פאַר זייער לעבּן—אינסטינקט. איז אָבּער דער אינסטינקט בּלויז אַ געהיימע אויסשליסלאַכֿע אייגנשאַפט פון אַ חיה, וואָס האָט לחלוטין אויסגעמידן דעם מענטש? אין בּעסטן פאַל איז עס נישט מער ווי אַ בּאַגריף, וואָס האָט קיין שום זין נישט, ווייל קיינער האָט נאָך בּיז אַהער געניי נישט בּאַשטימט, וואָס דאָס איז אַזוינס און קיינער האָט נאָך בּיז אַהער נישט פּעסטגעשטעלט, וואו הויבּט זיך אָן און וואו ענדיקט זיך דאָס בּאַוואוסטזיין, און וואָס איז דער אונטערשייד צווישן די ערשטע אינסטינקטן פון אַ קינד און די אינסטינקטן פון אַ חיה.

דער, וואָס האָט טריי און פריינטלאַך נאָכֿגעפאָרשט דאָס לעבּן פון חיות, ווייס זייער וואויל, אַז די מאָטיוון, וואָס בּאַוועגן די חיה צו טאָן דאָס אָדער יענץ, זיינען על־פּי־רובֿ ענלאַך צו אונזערע, און דער אונטערשיד ליגט בּלויז דערין, וואָס די חיה טוט עס פּשוטער און נאַטירלאַכֿער פון אונז. די חיות, וואָס שטייען אויף אַ מער אָדער ווייניקער העכֿערער מדרגה, פירן אַ קלוג זעלבּשטענדיק לעבּן.

בין איך פאַרבייגעגאַנגען הונדערטער חיות און עופות און האָב מיך בעסער אָפּגעשטעלט אויף איין עקזעמפּלאַר פון עפּיס אַ מין. דערביי האָב איך אויפגעכאַפּט נאָר יענע אייגנשאַפטן און שטריכן, וואָס קאָנען אַנטפּלעקט ווערן בלויז פאַר אַזעלכע מענטשן, וועלכע זיינען בכוח צו האַלטן אָפּן די אויגן אויף דער חיה לאַנג, שטיל און עקשנותדיק."

אַזוי האָט לאָנג געקוקט אויף דער חיה און אַזויאַרום האָט ער זיך באַקענט מיט די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פונם וואָלף אָדער פונם בער ברודערל. די חיה האָט אים געעפנט די טונקעלע קעמערלאַך פון איר וועזן, און לאָנג האָט אונז דער ערשטער געגעבן די אינערלעכע וועלט פון אַ חיה. אין דעם פּרט דאַרפן מיר קוקן אויף לאָנגן, ווי אויף אַן אַנטדעקער, וואָס האָט אונז אַנטפּלעקט איינעם פון די גרעסטע נאַטורסודות.

אין זיין שיינעם פאָרוואָרט „מיין שטאַנדפּונקט" שרייבט לאָנג: „באַגייסטערטע שרייבער פון אַלע צייטן האָבן געוואָלט תופס-זיין געטער און מלאכים מיט דעם אייגענעם שכל, מיט וועלכן זיי האָבן זיך נאָכדעם אַראָפּגעלאָזט צו מוראַשקעס און קעניגלאַך, דאָס הייסט, זיי האָבן באַנוצט די אייגענע לעבנס-מאָס פאַר געטער, ווי פאַר מוראַשקעס. ליבע און האַס, פּחדנות און העלדישקייט, שמחה און צער, יסורים און הנאה,—מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס פאַרנעמט אַזויפיל אָרט אין אונזער לעבן, עקזיסטירט ביי חיות, ווי ביי מענטשן. די אייגענע געפילן נעסטיקן זיך אין זיי, ווי אין אונז, און ווילן מיר זיי מעסטן, מוזן מיר געברויכן איין אַלגעמיינע מאָס. אָנרופן אַן אייגנשאַפט ביי איין וועזן שכל און ביים צווייטן—רעפלעקסיעס, ביי איינעם ליבע אָדער גוטסקייט און ביים צווייטן—בלינדער אימפּולס—הייסט נאָך זיין בלינדער פון יענעם אינ-

צונג צו חיות, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אונז דורך גאַרישע ביכער און שלעכטע לערער. פאַרקערט, מיר דרינגען זיך דורך מיט אַ געפיל פון אַכטונג און דרך-ארץ צו זייערע פריידן אוןליידן, צו זייערע באַדאַכטע מעשים און לעבנסשטיי- גער, און גלייכצייטיק פילן מיר אויך אַ וואַרימע דאַנקבאַרקייט צו דעם אַנטפּלעקער פון זייער לעבן, צו דעם נאַטורפאָר- שער-דיכטער, וואָס האָט אונז איבערגעגעבן אין די הענט אַריין אַזא טייער, האַרציק און גוט בוך.

ד. ק.

צווישן בערג און וואלד



צווישן בערג, וואָס האָבן קיין נעמען נישט און צווישן טונ־
קעלע היילן און פעלזן, נישט ווייט פון אַ פאַרוואָרפענעם
האַפן, האָט זיך איינמאָל באַוויזן אַ גרויסע וועלפין, וואָס האָט
זיך שטיל געגנבעט, ווי אַלע וועלף, בשעת זיי גייען-אַרויס פון
דער נאָרע. אירע אויגן האָבן געברענט, ווי צוויי גרינע פייַ־
ערן, אָבער דער גרויסער גרויער קאָפּ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן
מיט דער גרויער פאַרב פון די נאַקעטע פעלזן.

זי איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די טונקעלע פעלזן,
וואו דאָס סאַמע שאַרפסטע אויג וואָלט נישט געקאָנט באַמערקן
אירע באַוועגונגען. דאָרט איז זי געבליבן שטיין און נאָכדעם מיט
גרויס הנאה אויסגעצויגן די פאָדערשטע פיס און געשמאַק אָפּ־

געגענעצט. נאָכדעם איז זי אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ הויכן פעלז און זיך אַנידערגעזעצט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, דעם דיקן עק צוגעלייגט צו די פאָדערשטע פיס און גענומען קוקן מיט די שאַרפע גרינע אויגן גלייך צום ים, וואָס האָט זיך וואר־נישט־וואו אַרויסגעזען צווישן די פעלזן.

מיט אַ מינוט צוריק איז דאָ אַלץ געווען טויט און שטום, ווי פאַרגליווערט, אָן שום באַוועגונג, און די אַלטע וועלפין מיט אירע שטילע טריט האָט אויך נישט באַלעבט די אַרומיגע טויטקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז דאָ געשטאָרבן און וועט שוין מער קיינמאָל נישט אויפלעבן.

אָבער דער וואָלף האָט בטבע אַ גוט אויג און אַ גוטע נאָז און ער זעט אַ באַוועגונג און שפּירט אַ גערויש אין דערדאָזיקער טויטקייט. ער זעט די בין, וואָס פלאָנטערט זיך ערגעץ אין די מאַי־גלעקעלאַך און זעט די ווייטע, ווייטע פישער־שיפלאַך, וואָס באַוועגן זיך, ווי פּינטעלאַך אין די פרייע כוואַליעס פון ים. זיי־נע שאַרפע אויערן, וואָס שטעקן אים פון ביידע זייטן קאָפּ, ווי קליינטשיקע טורמלאַך, לאָזן נישט דורך דעם קלענסטן שאָרך, דעם מינדסטן גערויש, און פאַר זיין נאָז, וואָס שפּירט אַלץ, גייט נישט פאַרפאַלן דער קלענסטער ריח, וואָס קומט מיטן ווינט.

דער היינטיקער טאָג האָט גאָר אַ באַזונדער באַדייטונג פאַר דער וועלפין. היינט וועט זי אַרויספירן פון דער נאָרע אירע קינדער און צום ערשטן מאָל זיי באַווייזן גאָטס גרויסע וועלט. היינט וועט זי זיי לאָזן דאָס ערשטע מאָל פראַנק און פריי זיך שפּילן פאַר דער נאָרע, און קיין שום וועלפישע מאַמע וועט עס בשום אופן נישט טאָן, וואו זי וועט פריער נישט גוט אַרומקוקן און גוט אַרומשמעקן די געגנט און אָננעמען אַלע וועלפישע מיטלען, אַז זיי זאָל קיין שום שלעכטס נישט געטאָן ווערן.

אַ לייכט ווינטל האָט זיך דורכגעטראָגן דורך די בערג, און די

אַלטע קלוגע וועלפין האָט אַריינגעטאָן איר נאָז אינם ווינטעלע און עס אויסגעפרעגט. נישט ווייט פון איר, אויף אַ צווייטן פעלז איז געשטאַנען אַ גרויסער אַמעריקאַנישער הירש, פונקט ווי אויסגעטאָקט פון שטיין, און האָט געקוקט אויף דער שטילער פאַרגליווערטער לאַנדשאַפט, וואָס איז געלעגן אונטער זיינע פיס. מעגאַליפ*) איז אַלע טאָג געקומען אַהער אויסצוקוקן די געגנט און די אַלטע וועלפין האָט עפטער געזען די סימנים פון זיינע טריט אינם האַרטן פעלזנמאָך. דאָך האָט זי אים מוחל געווען זיין פלייש, וויל אין דער צייט פון יאָר האָט זי נאָך געהאַט גענוג וואָס צו עסן און אַ וואָלף איז שטענדיג רוהיק געשטימט, ווען עס פייניקט אים נישט דער מאָגן.

דער הירש האָט עס געפילט און האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער וועלפין, ער האָט אויך געוואוסט, וואו עס געפינט זיך איר באָרע און האָט גאָרנישט געטראַכט פון אַ קריג מיט דער וועלפין. יעדעס מזרחווינטעלע האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון דער אַלטער וועלפין, אָבער ער איז געווען זיכער אין זיינע כוחות און אין דער גוטער שטימונג, וואָס באַהערשט זומער אַלע גרויסע חיות. אַלע טאָג איז ער געקומען אַהער, אויפן גרויסן פעלז און פונדאַנען האָט ער, אַ פערגאַפטער, געקוקט אין האַפן, וואו קליינטשקע מענטשעלאַך האָבן זיך שנעל באַוועגט אויף געשיקטע שיפלאַך. ער האָט געקוקט און געשטוינט און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דעמדאָזיקן בילד.

אַ משונה פּאָרל איז דאָס געווען — אַ בייזע ווילדע באַרג־וועלפין, וואָס האָט פאַרבאַהאַלטן אירע קינדער אין די שפּאַלטן און היילן פון די בערג און אַ רוהיקער פאָרזיכטיקער מאַיעסטעטישער וואַנדערער פון די ברייטע הירשנטאָלן. אָבער זיי האָבן אויסגע-

---

*) מעגאַליפ — אויף אינדיאַניש אַ הירש.

צייכנט גוט פאַרשטאַנען אייגאַנדער און האָבן גאָרנישט געטראַכט דערפון, אַז איינער פון זיי קאָן אַמאָל באַפאַלן דעם צווייטן. און ביידע האָבן זיך רוהיק פאַרהאַלטן אויף זייערע ערטער.

אויעזיס*) האָט אויסגעקליבן זייער אַ גוטן פּלאַץ פאַר אַ נאָרע. פון איין זייט האָט זיך געצויגן אַ שטיק פעלד אויף גאַנצע זעכ־ציק וויאָרסט און פון דער צווייטער זייט האָט זיך געהויבן אַ באַרג כּמעט ביז צו די וואָלקנס. די נאָרע האָט זיך געפונען ביים פוס פון באַרג און די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן באַגינען דערוואָרימט די ערד אַרום דער נאָרע. דאָ זיינען גע־וואַקסן זייער שיינע מאַי־גלעקעלאַך. אונטן איז געווען גרין און אויבן—ווייס: אייביקער שניי איז געלעגן אויפן שפּיץ באַרג. פון דעם אייגענעם באַרג איז געלאָפן אַ שטאַרקער שטראָם, וואָס האָט גערוישט, ווי אַ וואַסערפאַל און זיין שוים האָט זיך געהויבן אי־בערן וואַסער, ווי אַ ווייסער וואָלקן. אַז מען האָט געקוקט פון אונטן אויפן באַרג, האָט דער שטראָם אויסגעוויזן, ווי אַ גע־דרייטע זילבערנע לענטע, צוגעבונדן צו אַ שפּיגעלע און דאָס שפּיגעלע איז געווען נישט מער ווי אַ קליינע אָזערע, אין וועל־כער עס איז אַריינגעפאַלן דער באַרגשטראָם.

דאָ איז שטענדיק געווען ליכטיק און וואַרים און רוהיק, און די אַלטע וועלפין האָט דאָ געקאָנט אויסרוען אירע אַלטע ביינער. דאָס איז געווען זייער אַ זיכערער אָרט, און הגם פונדאַנען האָט די וועלפין געקאָנט זען דאָס הייזל פונם אַלטן אינדיאַנער, וואָס האָט דאָ אויסגעזען, ווי אַ קליין שטיינדעלע ביים ברעג פון ים, דאָך זיינען די בערג געווען אַזוי הויך און משופּע און די

---

*) אויעזיס—אויף אינדיאַניש אַ וואָלף.

תהומות זיינען געווען אַזוי טיף און טומנע, אַז קיין שום מענטש־
לאַכער פוס האָט זיך נישט געקאָנט אַרויפקריגן אַהער.

עס איז שווער צו זאָגן, צי האָט דער וואָלף—דער טאַטע געוואוסט דעם אָרט, וואו זיינע קינדער ליגן פאַרבאַהאַלטן. דער וואָלף—דער טאַטע איז געווען אַן אומגעוויינלאַך גרויסער וואָלף מיט אומגע־וויינלאַכע וועלפישע כוחות, קלוג ווי נאָר אַ שטאַרקער וואָלף קאָן זיין קלוג, און אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעקראָכן און איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע סטעפּעס, וועלדער, פעלדן און הירשנ־טאָלן און געהאַלטן אין איין אויסשמעקן און אויסשפּירן יעדעס שטעגעלע און וועגעלע. דאָך אָבער האָט ער זיך געהאַלטן אויף אַזאַ מהלך פון דער נאָרע, אַז מען האָט שטענדיג געקאָנט הערן זיין וועלפישן געשריי אָדער געיאָמער: אַזוי־אַרום האָט ער געהיט די קינדערשע נאָרע, וואָס ער האָט מסתמא קיינמאָל אין די אויגן נישט אָנגעזען. טיילמאָל האָט אים אָנבאַגעגנט די וועל־פין. האָבן זיי זיך רוהיג אָנגעקוקט און ביידע צוזאַמען אַוועק אויף יאַגד. טיילמאָל פלעגט ער איר ברענגען אין די ציין אַ פוקס אָדער אַ גאַנז, און אַמאָל, בשעת זי האָט געהאַט אַ שלעכטן טאָג און האָט גאָרנישט געפאַנגען, פלעגט ער איר פלוצלונג אויסוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, פונקט ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געהאַט אַ שלעכטן טאָג, און פלעגט זי אויפן וואונק אַוועקפירן אין אַ שטיל ערטל, וואו ער האָט גע־האַט פאַרגראָבן אין דער ערד אַ פּאָר העזלאַך אָדער קעניגלאַך.

אָבער נישט־געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך זייער הייס באַ־צויגן צו זיין געזינדל און האָט אַלעמאָל געהאַט אויפן אויג די נאָרע, איז ער דאָך קיינמאָל נאָנט נישט צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו די נאָרע האָט זיך געפונען. די אַלטע וועלפין וואָלט אים זיכער מקים־פּסק־געווען פאַר אַזאַ זאַך, און מיט דער אַלטער

וועלפין וויל ער זיך נישט אָנהויבן.

און מען באַדאַרף מודה-זיין: די אַלטע וועלפין איז גערעכט געווען, וואָס זי האָט נישט צוגעלאָזט דעם מאַן צו דער נאָרע פון אירע קינדער. וואָרום וועלף, ווי קעץ אָדער פוקסן, אָדער ווי דאָס רוב רויב־חיות, האָבן זייער אַ מאוסע טבע: אַז זיי קריגן זיך אַריין אין דער נאָרע פון זייערע קינדער, וואָס געפינען זיך בעת־מעשה אָן דער שוץ און השגחה פון דער מוטער, פּטרן זיי אַוועק די קינדער. מען באַדאַרף אָבער זאָגן, אַז דער קלוגער וואָלף, דער טאַטע, האָט דאָך אַ ביסל יושר אין זיך אויך. בעצם איז ער שטאַרקער פון דער וועלפין. אין אַ געשלעג וואָלט ער די זיכער בייגעקומען און אַזוי־אַרום וואָלט ער געקאָנט אַריינדרינגען אין דער נאָרע, אָבער ער טוט עס נישט, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמיידן דעמדאָזיגן נסיון. אין דער צייט, ווען וועלפין איז אַ מוטער, איז ער זייער גוט צו איר, און וואו ער קאָן נאָר, העלפט ער איר אויס.

די וועלפין, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן פעלז, און אויסגעקוקט און אויסגעפאָרשט די געגנט מיט די אויגן און מיט דער נאָז, האָט, צולעצט, באַשלאָסן, אַז מען קאָן זיין פולשטענדיק רו־היק: קיין שום אומאָרדנונג איז נישט צו זען און קיין געפאַר איז אויך נישטאָ. און לאַנגזאַם האָט זי אַוועקגעקערט דעם קאָפּ צו דער נאָרע. אין דער נאָרע זענען די קליינע וועלפעלאַך געלעגן שטיל, ווי שלאָפנדיקע הינטלאַך און זיך געפלייסט נישט אַרויסצעווייזן קיין שום סימן פון לעבן. פאַראַן אָבער, קענטיק, אַ געהיימער פאַרקער צווישן דער וועלפין, וואָס איז געזעסן אויפן פעלז און די וועלפעלאַך, וואָס זיינען געלעגן אין נאָרע, און קוים האָט די ערשטע אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו דער נאָרע, האָבן זיך די לעצטע תיכף באַוועגט. די חברהלייט האָבן אָנגעהויבן ביס־לאַכוויין שלאָגן איינאַנדער, יאָמערן וועלפיש, קראַצן מיט די נעגל

דעם נאָרע־מאָך, שטופּן די פּיסקעס איינאַנדער אין זייט אַריין און אַ דריי שטיק זייגען אינגאַנצן אַרויסגעלאָפּן פון דער נאָרע.

דאָס זיינען געווען קלייניטשקע וועלפּעלאַך, ענלאַך צו הינטלאַך, מיט יונגע געלע פּעלכעלאַך, מיט געלע אויגלאַך, שאַרפע פּיסקעס און שפּיציקע אויערן. זיי האָבן פאַרזשמורעט די אויגן פון דער זון, וואָס האָט זיי געשלאָגן אין די קעפּלאַך, אָבער אַז זיי האָבן דערזען דעם גרויסן שטח אַרום מיט די ליכטיקע האָריזאָנטן, די ריזיקע בערג מיט דעם יאָגנדיקן שטראָם, האָבן זיי פאַרהאַלטן דעם אָטעם פון התפּעלות און פּחד. די גרויסע פרייע וועלט איז קענטיק, גאָרנישט ענלאַך צו זייער נאָרע, אויבן אַ זון מיט אַ הימל, אונטן בלומען, טאַנצנדיקע וואַסערלאַך און הויכע גראָזן און אין לופטן—זינגענדיקע פייגעלאַך, זשומענדיקע בינען און גאָלדענע שמעטערלינגען. קוקט מען, ווידער, טיף אונטער זיך, זעט מען משונהדיקע שטיינער, אָנגעוואָרפן אויף איינאַנדער, פּונקט ווי אַ ריזנהאַנט וואָלט זיי גלייך אַ וואָרף געטאָן פון דערהויך, און ווייטער, אַראָפּ, נידריקער, זעט זיך אַ גרינע רוהיקע אויבערפלאַך פון ים מיט קלייניטשיקע פינטעלאַך־שיפעלאַך, פינטעלאַך־מענטשעלאַך...

און די וועלפּעלאַך זיינען געשטאַנען און געגאַפט און געגאַפט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, האָט זיך גאָרנישט געלאָזט פאַרשטיין. עס איז געווען צו־גרויס און צו־העל און צו־רייך, אָבער דער איינדרוק פון דעם אַלעם האָט זיי געקיצלט די נאָז, די אויערלאַך, די לאַפּקעס און די עקלאַך, און צולעצט האָבן זיי באַשלאָסן, אַז אָט דער גרויסער שטח, וואָס ליגט אונטער אַ גאָלדענער זון און אַ בלויען הימל און וואָס איז באַגאָסן מיט פרייד און פייגלגעזאַנג, איז מסתמא באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר זיי.

פאַר זייערטוועגן, צו עסן, צו שטיפן און צו שפילן.

דעמאָלט האָבן אַלע דריי זיך אַנידערגעזעצט מיט די עקלאַך אונטער זיך און זיך איינגעגעסן מיט די אויגן און מיט די פיסקעס אין ים אַריין, וואו זיי האָבן געזען קליינינטשקע באַוועגלאַכע שיפלאַך מיט מאָדנע ווייסע זעגלען. דאָס אויג פון אַ קלייטשיק וועלפל איז ווי דאָס אויג פון אַ קינד: ביידע קאָנען ריכטיק נישט אָפשאַצן אַ געוויסע ווייטקייט, אַ מהלך, אַ שטח, און איין וועלפל האָט אויסגעצויגן די לאַפקע צו אַ שיפזעגל, וואָס איז פון אים דערווייטערט געווען ביי אַ צען וויאָרסט; אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָס זעגל דרייט זיך אים סאַמע אונטער דער נאָז און ער האָט עס געוואָלט צושלעפן צו זיך... אַ צווייטער וועלפל האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלאַך און מיט די פאָדערשטע צוויי האָט ער געוואָלט אַראָפשלעפן פון הימל אַ ווייס וואָלקנדל, וואָס האָט אים פון אויבן מחיהדיק געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

פלוצלונג אָבער האָט זיי אַ לינד ווינטעלע פאַרטראָגן אַ ווייס פעדערל פון אַ באַרגפייגל, האָבן זיי אַלע דריי פאַרגעסן מיט אַמאָל די זון און דעם הימל און דעם ים און די ווייסע זעגלען און די בלימעלאַך און די אויסטערלישע פעלזן און די גאָלדענע שמעטערלינגען און זיך הענדום־פענדום אַ לאָז געטאָן צו דעמדאָזיקן פעדערל און בעת-מעשה אומגעוואָרפן און איבערגעקוילערט איינאַנדער מיט אָפענע מיילעכלאַך פון שמחה און געלעכטער.

און די אַלטע וועלפין, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן פעלז האָט געכאַפט אַ קוק אויף די קינדער און דאָס האַרץ איז איר פאַרלאָפן מיט הייסן פריילאַכן גליקלאַכן בלוט.

די וועלפעלאך
וואקסען.



פֿריער זיינען די וועלפֿעלאַך וואָכנלאַנג געלעגן אינדערפֿינסטער אין נאָרע און געדולדיק געוואַרט אויף דער מאַמען. איצט זיינען זיי עפּטער אַרויס פֿון דער נאָרע און זיך מיט גרויס הנאה געשפּילט אין די וואַרימע שטראַלן פֿון דער זון. אָבער איצט, ווי פֿריער, האָבן זיי גוט געוואוסט, אַז זיי האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן, אַז זיי קאָנען זיין רוהיק, אַז די מאַמע מיט'ן גרויסן קאָפּ און מיטן געדיכטהאָריקן דיקן עק שטייט אויף דער וואַך און היט זיי אויס פֿון אַלע סכּנות.

נישט אַלעמאָל אָבער גייען זיי אַרויס פֿון דער נאָרע, ווען זיי ווילט זיך. אַמאָל גיט זיי די מאַמע אַ זאָג מיט די אויגן, זיי זאָלן ליגן אין נאָרע און מער נישט אַרויס אויף גאָטס וועלט,

פֿאָלגן זיי איר, רירן זיי זיך נישט פֿון אָרט, גייען זיי נישט אַרויס, הגם דער הונגער, טרעפֿט אַמאָל, טרייבט מיט אַלע כּוחות פֿון דער פֿינסטערער נאָרע אויף גאָטס ליכטיקער וועלט. אַז די מאַמע הייסט נישט, טאָר מען נישט אַרויס. און פֿאַר דער מאַמען טאָר מען נישט לייגן. אַ ליגן העלפֿט נישט. די מאַמע האָט זייער אַ גוטע נאָז און זי דערשמעקט באַלד, אַז מען האָט איר נישט געפֿאָלגט און זי איז מכבּד מיט גוטע קלעפּ.

אָבער על־פּי־רוב לאָזט זיי די מאַמע שפּילן פֿאַר דער נאָרע, אונטערן בלויען הימל, ווייל זי ווייס, אַז די נאָרע ליגט אין אַ רוּ־היקן אָרק, וואו מען זעט נישט קיין געפֿערלאַכע חיות און קיין מענטשן מיט ביקסן און הינט זיינען דאָ גאָרנישט בנמצא. און די וועלפּעלאַך זיינען זיך געוואַקסן, ביסלאַכווייז אַריין אין די כּוחות און שכל און אַז זיי זיינען אַרויס פֿון דער נאָרע, האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז ווען מען קוקט אַראָפּ, זעט מען דעם ים, קוקט מען, ווידער, אַרויף, זעט מען דעם הימל און די זון. און הינטער זיך ליגט די נאָרע און אין נאָרע איז פֿינסטער און דרויסן איז ליכטיק.

איינמאָל אָבער, בשעת אין דרויסן איז שוין כּמעט פֿינסטערלאַך געווען און חברה איז געלעגן אין נאָרע, האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן די מאַמע. זי האָט זיי נישט געגעבן צו עסן, ווי אַלעמאָל אין דער צייט, נאָר זי האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן אַ וועלפּל אין די ציין אַריין און איז העגדום־פּעגדום אַנטרונען געוואָרן דערמיט.

דעם קליינעם וועלפּל, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט דערווייטערט פֿון דער נאָרע מער ווי אויף דריי טריט, האָט דער וועג איצט אויסגעוויזן אומגעווייַנלאַך לאַנג. מייל נאָך מייל האָט אים די מאַמע געטראָגן צווישן די ציין, און ער האָט געזען שוואַרצע וועלדער, שוואַרצע פֿעלדער, שוואַרצע פֿעלזן און אַ שוואַרצן הימל

מיט גאָלדענע שטערנדלאַך.

ערגעץ האָט פּלוצלונג אויסגעשריען אַ סאָווע;

—או־או־או־או... או־או־או־או...

אין די שטילע נעכט, אין דער נאָרע, האָט ער אפילו עפּטער געהערט דעמדאָזיקן ווילדן אויסגעשריי, איצט אָבער איז אים עפּיס באַפאַלן אַ פּחד און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. דער ווינט האָט עפּיס משונה געראַוישט אין די שפּיצן ביימער, אַ פּייגעלע איז אָפּגעשפּרונגען פון וועג; די וואַסערלאַך פון באַרג־שטראָם האָבן געפּאַטשט איינאַנדער, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט; אַ גרויסער זילבערנער פיש איז פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער, ווי עמיץ וואָלט אים נאָכגעיאָגט. איינמאָל האָט זיך דערהערט אַן אימהדיקער געשריי פון אַ האָז, וואָס איז, קענטיק, אַריינגעפאַלן אין די שאַרפע ציין פון אַ שטאַרקערער חיה, באַלד דערויף איז טויט־שטיל געוואָרן, און עס האָט זיך בלויז געהערט דער אומרוהיקער שאָרך אונטער די פיס פון דער וועלפין, וואָס איז געלאָפן מיטן וועלפל איבער טרוקענע בלעטער.

אָט די אַלע קלאַנגען, וואָס האָבן דורכגעלעכערט די שטילקייט אין אַ זומער שוואַרצקייט, האָבן פאַרציילט דעם קליינעם וועלפעלע פון שוואַרצע נעכט, פון איילנדיקע גיכע חיהשע פיס, פון טויט און פאַרצוקונג, פון לויערונג און אָנפאַלן, און דאָס ערשט מאָל האָט דאָס קליינע וועלפעלע דערשפּירט עכטן חיהשן פּחד און דאָס ערשטע מאָל האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויף דער וועלט איז נישט אַזוי לייכט צו לעבן.

דער לאַנגער וועג האָט זיך דאָך געענדיקט און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ באַרג מיט אַ פינסטערער שמאָלער גרוב. פון גרוב האָט זיך געטראָגן דער ריח פון זיין מאַמען און דערזעלבער ריח האָט זיך אויך געטראָגן פון די בערג. דאָס האָט עטוואָס

באַרוהיקט דאָס קליינע וועלפּעלע. באַלד דערויף האָט איס די מאַמע אַריינגעטראָגן אין אַ נייער נאָרע, וואָס איז שוין געווען גרעסער און גרוימער פון דער פריערדיקער נאָרע, און האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ געלעגער פון ווייכע בלעטער און גראָזן, וואָס האָבן געשמעקט מיט וואַלד. די מאַמע איז תּיכּף אַנטרונען געוואָרן און ער איז געבליבן ליגן שטיל, שטיל, אָן שום באַוועגונג. דער פּחד האָט אים, ווי מיט אַ האַמער, געזעצט אין האַרצן אַריין...

עס איז אַוועק אַ לאַנגע שווערע שעה. וועלפּישע טריט האָבן זיך, ענדלאַך, דערהערט און נעבן אים איז אַנידערגעלייגט געוואָרן אַ צווייט וועלפּעלע. די מאַמע איז ווידער אַנטרונען געוואָרן און ווידער האָט זיך געצויגן אַ שווערע שעה אין פּחד און אין פינסטערניש. און נאָכדעם איז אַ דריט וועלפל אַנידערגעלייגט געוואָרן. דעמאָלט האָט זיי די מאַמע געגעבן צו עסן און זיי זיינען איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי זיי זענען אויפגעשטאַנען און זיך גוט אויסגעגענעצט און אויסגעצויגן די פאָדערשטע און הינטערשטע פיסלאַך, האָבן זיי אַ קוק געטאָן דער מוטער וועלפין אין די אויגן אַריין. און די אויגן האָבן געזאָגט, אַז זיי מעגן אַרויס פון דער נאָרע, אָבער ווייט נישט אַוועקגיין.

און ווען די וועלפלאַך זיינען אַרויס צום ערשטן מאָל פון דער נאָרע, האָבן זיי דערזען אַן אומבאַקאַנטע און טריבע געגנט. די אַלטע היים איז שענער און ליבער געווען. דאָרט האָט מען געקענט זען אַ ים מיט קליינטשקע שיפעלאַך און ווייסע זעגלען, בלימעלאַך מיט שמעטערלינגען און גרינע זעפטיקע גראָזן. דאָרט האָט געזונגען דער באַרגשטראָם און קליינטשקע פריילאַכע פייגעלאַך. דאָ, אַרום דער נייער היים, זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן גרויע אומעטיקע פעלזן און וואו־נישט־וואו זיינען געשטאַנען מאַגערע געלבע קוס־

טעס. נישטאָ דאָ יענע רחבות און יענע פריילאַכקייט.
מען באַדאַרף זיך אָבער שטענדיק באַנוגענען מיט דעם, וואָס די מאמע גיט, און די וועלפעלאַך האָבן זיך באַנוגנט מיט דער מאַמעס נאָרע און מיט דער טריבער געגנט. באַלד האָבן זיי שוין געשטיפט און אומגעוואָרפן אייניאַנדער, אָבער דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי היינט, איינמיטן שטיפן, נאָכגעמאַכט דער מאַמעס באַוועגונגען און איר פאָרזיכטיקייט. פלוצלונג האָבן זיי זיך אני־דערגעזעצט און אויסגעשפיצט אַן אויערל, געצויגן מיט דער נאָז און אויסגעפרעגט דעם ווינט...
זיי האָבן אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, למאי האָט מען זיי איבערגעטראָגן פון יענער נאָרע אַהער, בשעת דאָרט איז געווען אַ סך פרייער און ליכטיקער, אָבער אַז זיי האָבן זיך דערמאָנט אין דער נאַכט, אין די ציטריקע שטערנדלאַך און אין די אויסטערלישע סומנע נאַכטקלאַנגען, האָבן זיי אַזוי ווי פאַרשטאַנען, אַז יענע נאָרע האָט געמוזט פאַרלאָזט ווערן.
די אמתע סיבה אָבער איז פאַרבליבן פאַר זיי אַ סוד אויפן גאַנצן לעבן. די אַלטע וועלפין האָט פאַרלאָזט איר נאָרע דערפאַר, ווייל זי האָט באַמערקט, ווי מען קוקט איר נאָך: צוויי מענטשישע אויגן און צוויי הינטישע אויגן... דעם מענטשן איז געהאַנגען אַ ביקס אויפן אַקסל.
אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק, און די וועלפעלאַך האָבן זיך צוגעוויינט צו דער נייער נאָרע. איצט האָבן זיי עפּטער געהאַט קנאַפּ צום עסן. ביז אַהער פלעגט זיי די מאַמע ברענגען פאַרטאָג אַ קעניגל, אַ העזעלע אָדער עטלאָכע מייזלאַך, וואָס זי פלעגט זיי שלעפן פאר די צאַפלדיקע עקלאַך. דאָס אַלץ האָבן זיי באַקומען ווי אַ מין הוספה צום זויגן. אָבער מיט יעדן טאָג האָבן זיי איצט געשפירט הונגער און עפּטער האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט מיט רויב־אויגעלאַך...

דעמאָלט האָט זיי די מאַמע אַרויסגעפירט פון דער נאָרע און אין די שטילע פארנאַכטן האָט זי זיי גענומען לערנען די קונסט פון יאַגד. לכתחילה האָט מען אָנגעהויבן פון די נאַרישע וועררעם, וועלכע מען האָט געקאָנט לייכט פאַקן שלאָפנדיק אונטער אַ שטיינדל אָדער אונטער אַ וואָרצל. נאָכדעם איז מען איבערגעגאַנגען צו זשוקעס, וואָס האָבן שוין געקאָנט מאַכן פליטה אין אַ מינוט פון סכנה און, צולעצט, האָט מען זיך געכאַפּט צו די הייפערדעלאַך, וואָס האָבן זיך אָבער שטענדיק אַרויסגעדרייט סאַמע אונטער דער נאָז פון די וועלפעלאַך.

זייער פרי און שנעל האָבן די וועלפעלאַך פאַרשטאַנען, אַז מען מוז זיין זייער געשיקט און קלוג, אויב מען וויל כאַפּן עפּיס אַ לעבעדיק בריאהלע. פון זיך אַליין פאַלט עס קיינמאָל נישט אַריין אין מויל. און אָנשטאָט צו גיין אָדער צו לויפן פריי און אָפן, האָבן זיי זיך גענומען גנבענען און זיך פאַרבאַהאַלטן אין די הויכע גראָזן, הינטער די בערגלאַך, הינטער שטיינער, אין גריבער און מיט גרויס נייגיר און מיט קלוגע אויגלאַך נאָכגעקוקט נאָך יעדער בריאה, וואָס האָט נאָר אַרויסגשטעקט דאָס קעפל אויף גאָטס ליכטיקער וועלט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, זיי זי טראָגן אין זיך דעם אימפעט פון אַן אָנפאַלער און אַז זיי טאָרן זיך דערייבער נישט אַרויסזען. אָבער דער וואָלף, וואָס האָט פריער נישט געפּרובט זיינע פעהיקייטן אויף אַ הייפערדעלע, וועט קיינמאָל אין לעבן נישט פאַקן אפילו אַ העזעלע. און דעריבער האָט זיי די אַלטע מאַמע שטענדיק אַרויסגעפירט פון וואַלד, וואו עס האָט געשווימלט און געגריבלט מיט האָזן, קעניגלאַך און אַנדערע חיות און עופות, אינם פרייען לייטזעליקן הירשנפעלד. וואו עס האָבן אַרומגעשמייעט מיליאָנען הייפערדעלאַך. דאָ, אינם טרוקענעם גראָז, האָבן די וועלפעלאַך שעהנלאַנג זיך אַרומגעיאָגט נאָך די געשמיידיקע און שטיפערישע הייפערדעלאַך, זיך געדרייט און געפלאָנ־

טערט אין אַלע זייטן, געשפרונגען אינדערהויך, כּדי זיך אויסצולערנען אַ פאַטש צו טאָן מיטן לאַפּקע דעם קרבן אין אַזאַ מאָמענט, ווען יענער הויבט זיך אויף העכֿער פון דער ערד. זיי האָבן זיך געלערנט שפּרינגען אינדערהויך און אין דער זייט און פון בערגל צו בערגל, און האָבן אויסגעאַרבעט דעם אָטעם, ער זאָל קאָנען אויסהאַלטן לייִנגער.

פאַרן זייטיקן האָט עס אויסגעזען, ווי אַ לייכט פריילאַך שפּיל. אינדעראמתן אָבער איז עס געווען אַ שווערע לעקציע, און די וועלפעלאַך האָבן זיך בעת־מעשה אַזוי צעהיצט, ווי גרויסע וועלף צעהיצן זיך, בשעת זיי באַפאַלן אַ מחנה הירשן. און זיי האָבן גאָר אַליין נישט באַמערקט, ווי ווייט זיי האָבן געשטייגט אין דידאָזיקע לעקציעס, ווי געשיקטער און האָפערדיקער זיי זיינען געוואָרן און ווי עס אַרבעט זיך שטאַרקער אויס דער חוש פון די פיסקלאַך, פון דער נאָז און די אויגן.

אין דער צייט פון דידאָזיקע לעקציעס איז די מאַמע געלעגן פאַרבאָרגן אינם הויכֿן גראָז, זיך גאָרנישט אַרויסגעזען, אָבער די אויגן האָבן איר געברענט און זי האָט באַמערקט יעדע באַוועגונג פון די וועלפעלאַך. זי האָט גוט געזען זייער ערפאָלג און זייער דורכפאַל, אָבער זי האָט געוואוסט, אַז יעדער דורכפאַל פירט אומפאַרמיידלאַך צום ערפאָלג. וואָרום די וועלפעלאַך, וואָס האָבן געמאַכֿט אַ פעלער, אַ טעות, האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז מער טאָר מען זיך קיינמאָל נישט וואַרפן פון דער העלער הויט אויף אַ חיה, ווייל יענע וועט זייער לייכֿט מאַכֿן פליטה סאַמע אונטער דער נאָז פונם אָנפאַלער, נאָר מען באַדאַרף בעסער געניי און פינקטלאַך אויסשפּירן דאָס אָרט, וואו די חיה געפינט זיך על־פּי־רוב. מען באַדאַרף זיך באַקענען מיט איר נאַטור, מיט אירע געוויינהייטן, מיט איר שטייגער לעבן. ערשט דעמאָלט קאָן מען זי פאַקן און ערשט דעמאָלט קאָן זי זיכֿער אַריינפאַלן אין די

צוואַנגנלאַפּעס פון אַ וואָלף.

דאָס איז איינס פון די אייזערנע וועלפישע געזעצן, פון וועלכן דער וואָלף טרעט שוין נישט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן. און אַ מאָדנע זאַך: וויפיל שכל דאָס וועלפעלע האָט אַרויסגעוויזן אין זיין אָנפּאַק, אַזויפיל שכל האָט דאָס קליינע הייפערדעלע אַרויסגעוויזן אין זיין באַשיצן זיך. טיילמאָל איז אים דאָס הייפערדעלע אַנטרונען סאַמע אין דער מינוט, ווען ער האָט עס צוגעטראָגן מיט דער לאַפּקע צום מויל און עס געוואָלט אַראָפּשלינגען. ווייל דאָס הייפערדעלע איז כלל נישט געלעגן טויט אונטער דעם וועלפּעלעס לאַפּקע, ווי דאָס וועלפעלע האָט געמיינט, נאָר עס האָט פּשוט געמאַכט אַזאַ אָנשטעל און מיט אַלע חושים אָפּגעוואַרט יענע מינוט, עס זאָל קאָנען אַנטרונען ווערן. דערפון האָט דאָס וועלפעלע אַראָפּגעלערנט, אַז קוים כאַפּט ער עפּיס, מוז ער עס קודם האַלטן צווישן צוויי פעסטפאַרדריקטע לאַפּעס, און בשעת ער רוקט אין זיי אַריין דעם פּיסק, טאָר אין די לאַפּעס נישט ווערן קיין שום שפּעלטעלע. זיי טאָרן זיך נישט פאַנאַנדעררוקן. ווייל אַזוי־אַרום קאָן אים נאָך, חלילה, אַנטרונען ווערן דאָס רויב. עס איז זייער קאָמיש צו זען, ווי אַזוי דאָס וועלפעלע קייט דאָס הייפערדעלע, ווי אַזוי עס אַרבעט בעת־מעשה מיט די יונגע ציין, מיט אַזויפיל ערנסט, פּונקט ווי עס וואָלט געגעסן אַ גאַנצן האָז. און אויב דאָס הייפערדעלע, וואָס אפילו אַ מינוט פאַרן טויט זוכט עס נאָך אַלץ אַ מיטל, ווי אַזוי צו מאַכן פּליטה, באַוועגט זיך דעם וועלפעלע אויף דער צונג, פערדריקט ער תיכף־ומיד די ציין און פאַרקוועטשט די ליפּן—דאָס רויב זאָל אים נישט אַנטרונען ווערן, און כל־זמן ער שלינגט אים נישט אַראָפּ, ליגט אים נאָך אַלץ אויף די אויגן און אויפן פּיסק אַן אויסדריק פון ספקות.

הגם די אַלטע וועלפישע מאַמע ליגט פאַרבאָרגן אינם הויכן גראָז און זעט זיך נישט אַרויס, דאָך שפּירן די וועלפעלאַך אירע אויגן

אויף זיך, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך געפינען אין אַ פעסטן רונג פון איר השגחה, און ווייטער פון דעמדאָזיקן רונג טאָר מען נישט אַרויס. פאַרלויפט עמיץ ווייטער, דערהערט ער באַלד אַ שאַרף—קיין שום מענטש אין דער וועלט וואָלט דעמדאָזיקן שאַרף נישט געקאָנט הערן—און ער ווייס, אַז דאָס איז אַ וואָרנונג, אַז מען באַדאַרף זיך אומקערן צוריק אין דעם רונג פון דער מאַמעס השגחה און ער קערט זיך אום צוריק, ווי דאָס סאַמע געהאָרכזאַמסטע קינד.

אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף די הייפערדעלאַך, גייען איבער די וועלפעלאַך צו אַ העכערער מדרגה פון יאַגד—צו וואַלד־מייז, וואָס גענסטיקן זיך אינם טרוקענעם מאָך אין וואַלד. איצט מוז מען אַרויסווייזן נאָכמער געשיקטקייט און שכל, ווי פריער, מחמת די וואַלדמייז באַוועגן זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ שטראַל און זענען געוואַלדיק כיטרע. אַלעמאָל נאַרן זיי אָפּ דעם אָנפאַלער און פאַרפירן אים שטענדיק אויף אַזעלכע וועגן און צווישן אַזוינע געדיכטע קוסטעס, אַז ער קאָן זיך נישט אַרויספּלאָנטערן פון זיי.

די וועלפעלאַך האָבן באַלד באַנומען מיטן שכל, אַז אויב דער טוקיס*) באַווייזט זיך ערגעץ און באַלד דערויף פאַרבאָרגט ער זיך, איז עס נישט דערפאַר, ווייל ער האָט באַמערקט דאָס וועלפעלע, דעם אָנפאַלער, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט שוין אַזאַ טבע, און אַנדערש ווייזט ער זיך נישט אויף גאָטס וועלט, ווי נאָר אַזוי: אַ שפרונג—און באַלד זיך פאַרבאָרגן, אַ שפרונג—און נעלם געוואָרן אין מאָך אָדער אין גראָז. זיך באַקענט מיט דערדאָזיקער טבע פון די מייז, האָבן זיך די וועלפעלאַך פאַרוואַנדלט אין קעץ: זיי האָבן גענומען גיין אַזוי ווי קעץ, מיט די

---

*) טוקיס—אויף אינדיאַניש אַ מויז.

סאַמע שטילסטע טריט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן עק און נאָר די אויגן האָבן געברענט מיט אַן אָנגע־שטריינגטן גנבישן פייער. האָט נאָר ערגעץ אַ פּאָך געטאָן דאָס גרויע פעלכל פון אַ וואַלדמויז, האָט זיך דאָס וועלפּעלע אַ וואָרף געטאָן אויף דעמדאָזיקן אָרט, ווי אַ בליץ, אָבער געכאַפּט האָט ער גאָרנישט, ווייל דאָס אָרט איז געווען ליידיק. די מויז פאַר־באָרגט זיך קיינמאָל נישט אין יענעם אָרט, וואו זי מאַכט דעם שפּרונג, נאָר עטוואָס ווייטער, וואו זי פאַרגראָבט זיך אין מאָך אָדער אין זאַמד. אַזויאַרום איז זי רוהיק, אַז דאָרט, וואו מען וועט זי זוכן, וועט מען זי נישט געפינען.

די וועלפּעלאַך האָבן זיך גענוג אויסגעמוטשעט און גענוג אויס־געמאַטערט ביז זיי זיינען דערגאַנגען דעמדאָזיקן סוד, און דע־מאָלט האָבן זיי זיך שוין נישט געגנבעט איבערן מאָך, ווי קעץ, נאָר געזעסן אויף איין אָרט, אָן שום באַוועגונג און מיט דער גרעסטער געדולט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך אינם מאָך. לויטן שאָרך האָבן זיי פריער גענוי באַשטימט דאָס אָרט פון דער מויז און ערשט נאָכדעם האָבן זיי געמאַכט דעם אָנפאַל אָן אַ שום פעלער. געפּאַקט דעם טוקיס, האָט מען זיך תיכף גע־נומען צו דער אכילה און מען האָט געפרעסן מיט אַזאַ תענוג, אַז מען האָט להלוטין פאַרגעסן דערין, ווי אַזוי מען האָט פריער שווער און ביטער געאַרבעט, ביז מען האָט זיך דערקראָגן צו דער מויז. דער וואָלף איז אין פלוג אַ רוהיק באַשעפעניש, און אַז ער איז זאַט, איז ער גאַנץ צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט.

עס איז געווען נאָך אַן אָרט, וואו די וועלפּעלאַך האָבן געכאַפּט די מייז אויף אַן אַנדער שטייגער און מיט מער תענוג.

אין די בערג פון ניופאַונדלענד ליגט דער שניי אַ גאַנץ זומער. פון ווייטן ווייזט־אויס, ווי די בערגשפּיצן וואָלטן טראָגן

קליינע ווייסע היטעלאַך. קומט מען אָבער נענטער, זעט מען, ווי גרויסע לאַנגע שטרעקעס זיינען באַדעקט מיט דינע קלאָרע שניי־ליילעכער, און דידאָזיקע ליילעכֿער זיינען דורך און דורך באַוועבט מיט געדרייטע שטריבֿעלאַך פון מייז־לאַפּקעלאַך. די מייז האָבן באַזונדערס ליב דידאָזיקע שנייפעלדער. אומעטום פאַרשרייבן זיי דעם שניי מיט זייערע לאַפּקעלאַך און פון דעמדאָזיקן שריפט קאָן מען זען, ווי פריילאַך זיי פאַרברייגען די לבנה־נעכט. דאָ, אונטערן שניי האָבן זיי זייערע טונעלן און שפּייכֿלערס, וואו זיי פאַרבאַהאַלטן דאָס עסנוואַרג, וואָס קאָן קאַליע ווערן אין דער וואַרימער נאָרע אין מאָך. אַ סך חיות און עופות וואַרטן דאָ אָפּ די מויז, צו שטילן מיט איר דעם הונגער. עס וואַרט די סאָווע און דער פוקס און די ווילדע קאַץ און דער טכייר, אָבער די מויז מאַכֿט זיך ווייניק דערפון און הוליעט אַלע נאַכֿט אויפן ווייסן שניי.

איינמאָל, אין אַ העלער לבנה־נאַכֿט, האָט די אַלטע וועלפין געבראַכֿט אירע קינדער אויף איינעם פון די שנייפעלדער און די שאַרפע אויגלאַך פון די וועלפעלאַך האָבן באַלד באַמערקט טונקעלע גופימלאַך, וואָס שמייען־אַרום אַהין און צוריק איבער די ווייסע שניי־ליילעכער. קיין רגע האָט נישט געדויערט און מען האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן נאָך זיי. אָבער פונקט ווי עס איז מעגלאַך צו כאַפּן אַ לבנה־שטראַל, אַזוי איז מעגלאַך צו כאַפּן אַ מויז אָן געוויסע פאָרזיכֿטסמיטלען און אָן שכל. אין יעדן פעלד זיינען פאַראַן מיליאָנען לעכֿער, און דידאָזיקע לעכֿער זיינען די בעסטע שיצערטער פאַר אַ מויז אין אַ מינוט פון סכנה. און די וועלפעלאַך האָבן זיך דערמאָנט אין די לעקציעס ביי די הייפערדעלאַך און אין די לעקציעס ביי די וואַלדמייז און דאָס בלוט האָט זיך באַלד איינגעשטילט אין זיי און פאָרזיכֿטיקער איז זייער לאַפּקע געוואָרן און גנבֿישער דאָס אויג און קליגער דער טראָט,

און אין אַ צען מינוט אַרום האָט שוין יעדעס וועלפל אויפגע־
פרעסן אויף זיין חלק אַ דריי־פיר מייז. די אַלטע וועלפין איז,
ווי איר טבע, געלעגן בעת־מעשה פאַרבאָרגן הינטער אַ גרויסן
שטיין און זיך אויך געלאָזט וואויל־גיין: זי האָט געפאַקט יענע
שטיפערישע מייז, וואָס האָבן, אין זייער שטיפעריי, נישט באַ־
מערקט איר באַוועגונג און נישט דערשפּירט איר ריח און זיינען
איר אַריינגעפאַלן גלייך אין פּיסק אַריין. די וועלפעלאַך האָבן
אָבער באַמערקט, אַז די מאַמע לאָזט זיך וואויל־גיין גאָר אָן אַר־
בעט, האָבן זיי אויך געטאָן דאָס אייגענע: מען האָט זיך אויס־
געלייגט אויפן שנײ אין פאַרשידענע ערטער און מען האָט גע־
דולדיק געוואַרט. לאַנג האָט מען נישט באַדאַרפט וואַרטן: דאָ
און דאָרט האָט זיך באַלד באַוויזן אַ מייזל און דאָ און דאָרט
איז עס תיכף־ומיד פאַרצוקט געוואָרן פון אַ יונגן וועלפל. פאַר
דער נאַכט האָבן זיי זיך אַזוי אָנגעפרעסן, אַז זיי האָבן שוין נישט
געקאָנט לויפן, און אַז זיי זיינען אַוועק אַהיים, האָבן זיי אי־
בערגעלאָזט אין שנײ טיפע סימנים פון שווערע פיס.
אינגיכן האָט זיי די אַלטע וועלפין באַקאַנט מיט אַ נייעם מין
יאַגד און מיט אַ נייעם מאכל: מיט די אייער פון קאַטשקעס.
דערצו מוז מען שוין אַראָפּגיין צום ים און מען באַדאַרף זוכן
אין די שפּאַלטן פון די פעלזן. דאָ, אין די שפּאַלטן פון די
פעלזן, געפינען זיך די נעסטן פון קאַטשקעס.
קודם האָט זיי די מאַמע באַוויזן די ערטער, וואו מען באַדאַרף
זוכן די אייער, און אַז זי האָט געפונען אַ נעסט מיט אייער,
האָט יעדעס וועלפל באַקומען אַ גלייכן חלק און דערביי איז אים
אָנגעזאָגט געוואָרן מיטן אויג, ער זאָל עסן באַזונדער, ווייט אָפּ־
גערוקט פון אייבאַנדער, כדי עס זאָל נישט קומען צו אַ קריג.
זיך באַקענט צום ערשטן מאָל מיט דעמדאָזיקן מאכל, האָבן די
וועלפעלאַך איינגעפונען, אַז ער איז גאָרנישט שלעכט, און חברה

האָט זיך באַלד צעשפּרייט איבער די ברעגפעלזן און מען האָט געשטופּט דעם שנוק אין יעדן שפּאַלט. מען האָט געהאַלטן אין איין זוכן אייער.

די וועלפּעלאַך האָבן געבּרענט, די אייגלאַך זיינען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פייער. מען איז געלאָפן פון פעלז צו פעלז און געשמעקט און גענישטערט און געזוכט, און געפונען האָט מען וואַרימען איינגעדריקטן פוך, קלוג און קונציק אויסגעלייגט אין אַ פעלזנשפּאַלט, און אינם פוך—אַ פינף אָדער זעקס גרויסע בלאַסגרויע אייער, וואָס זיינען טאַקי דאָ אויפן אָרט העגדום-פעגדום אויפגעפרעסן געוואָרן צוזאַמען מיטן שאָלאַכטס אויס מורא, טאָמער וועט קומען אַן אַנדער וועלפּל און וועט וועלן אַרויסכאַפּן דידאָזיקע מציאה.

טיילמאָל האָט זיך אַ וועלפּעלע מוראדיק איבערגעשראָקן: אַ גרויער פויגל פלעגט אים אַרויספליען סאַמע אונטער די פיס און פלעגט בעת-מעשה משונה און ווינטיק פאָכן מיט די גרויסע פליגלען. פלעגט זיך וועלפּעלע אַנידערזעצן און אַרונטערבויגן דעם קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דער הימל זאָל אים נישט אַרויספאַלן אויפן קאַרק און פלעגט זיצן אַזוי לאַנג, ביז דער משונהדיקער פויגל פלעגט אַנטרונען ווערן אין די כוואַליעס פון ים. דעמאָלט פלעגט וועלפּעלע קומען צו זיך און פלעגט זיך ווידעראַמאָל לאָזן זוכן אייעלאַך. אָנגעפרעסן זיך איבער די כּוחות, האָט וועלפּעלע געכאַפּט אַן איבערגעבליבן איי אין די ציין און גענומען אַרומלויפן דערמיט אַהין-און-צוריק, רעכטס און לינקס, ווי אַ הונד מיט אַ ביין, און אַרומגעלאָפן איז ער אַזוי לאַנג, ביז ער איז געקומען צו דער דעה, אַז קיינער שפּירט אים נישט נאָך און קיינער זעט אים נישט. דעמאָלט האָט ער אויסגעגראָבן אַ גריבל און פאַרבאַהאַלטן דערין דאָס איי. צוריקוועגס האָט ער אָנגעטראָפן אַ ברודער-וועלפּעלע, וואָס איז אויך אַרומגעלאָפן אַהין-

און-צוריק מיט אַן איי אין די ציין, ביידע האָבן זיך איבערגע־
קוקט און ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען און איינער האָט נישט
געשטערט דעם צווייטן.
פון מייז און אייער זיינען די וועלפעלאַך איבערגעגאַנגען צו
קעניגלאַך און העזלאַך. מיט דידאָזיקע חיות האָבן זיי זיך גע־
שפּייזט אַ לענגערע צייט, ווייל די מייז האָבן זיך שוין פאַר־
גראָבן טיפער אין דער ערד און אַזויאַרום זיך עטוואָס באַשיצט
פון זייערע אומצייטיקע פיינט. ערשט איצט האָבן די וועלפעלאַך
צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט זייער טאַטן, וואָס האָט זיך
פּלוצלונג באַוויזן אין אַ שטילער פאַרנאַכט-שעה, בעת די וועלפע־
לאַך האָבן זיך גראַדע געגויטיקט אין אים.
געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף די וועלפעלאַך, האָט ער מיט גדלות
אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַנידערגעשטעלט נעבן דער וועל־
פין און נאָכדעם האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער
שורה און זיך פאָרזיכטיק אַריינגעשניטן טיף אין וואַלד אַריין.

די וועלפעלאַך זיינען שוין געוויינט געוועזן צו נאַכט-וואַנדערונ־
גען און צו נאַכט-יאַגד אויף מייז און קעניגלאַך, וואָס האָבן על־
פּי־רוב פריילאַך געשפּילט אינם ציטריקן ליכט פון דער לבנה.
מיט דעם טאַטן איז אָבער דער נאַכט־יאַגד אַנדערש צוגעגאַנגען.
דער טאַטע האָט אַרויסגעוויזן גרויס בריהשאַפט און די יונגע
וועלפעלאַך האָבן צום ערשטן מאָל געזען אַ וואונדערלאַכן שפּרונג
און אַ שטילע, געשיקטע באַוועגונג פון אַ שטראַל. כאַפּן אַ קע־
ניגל איז נישט פון די לייכטע זאַכן. דאָס קעניגל אַנטלויפט שטענ־
דיק מיט כיטרע וועגן, קליגעריש, קונציק, זיגזאַגיש: ער וואַרפט
זיך און שפּרינגט אין אַלע זייטן, אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס,
אַמאָל פאָרויס און אַמאָל אַפילו צוריק, אין דער ריכטונג פון
אַנפאַלער, וואָס ווערט אַזויאַרום צומישט און פאַרלירט אים פון

די לאַפּעס. אָבער דער אַלטער וואָלף, דער טאַטע, האָט שוין אפּנים, גוט געקאָנט די טבע פון זיין קרבן, און קיין איין קעניגל איז נישט נצול־געוואָרן פון זיינע ציין. די וועלפעלאַך האָבן נאָר געזען אַ געוואַלטיקן שפּרונג, נאָכדעם אַ קלאַפּ מיט די ציין, ווי מיט צוויי שטיקער שטאָל און באַלד דערויף איז דאָס קעניגל געפלויגן מיט די פיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ גלייך אין מויל אַריין צו די וועלפעלאַך. יעדעס וועלפעלע האָט באַקומען זיין חלק און אַפילו די מאַמע, וואָס איז דאָסמאָל געזעסן מיט פאַרלייגטע לאַפּעס, האָט אויך באַקומען אַ גרויסן חלק און האָט זיך אָן שום פּראַצע אָנגעפּרעסן צו זאַט. דאָס איז עפּיס געווען נישט קיין יאַגד, נאָר אַ פאָרשטעלונג, וואו אַ גרויסער אַלטער וואָלף האָט פאַר אַ וועלפישן עולם באַוויזן, ווי אַזוי מען באַדאַרף און מען קאָן כאַפּן קעניגלאַך אויף אַ הונגעריקן מאָגן. אַז אַלע האָבן זיך אָנגעפּרעסן צו זאַט און די וועלפעלאַך האָבן באַוואונדערט דעם אַלטן וואָלף, זיין כוח און זיינע געשיקטע באַוועגונגען, האָט ער זיך ערשט גענומען פון דאָסניי צו די קעניגלאַך: ער אַליין האָט אויך באַדאַרפט עסן, און ער האָט זיי געגעסן אָן אַ שיער און אָן אַן ערך... נאָכדעם האָבן זיי אים נישט געזען עטלאַכע טעג צייט.

איינמאָל, בשעת די וועלפעלאַך זיינען געווען זייער הונגעריק און די פעלדער און וועלדער האָבן שוין נישט געהאַט אַזאַ שפע פון קליינע חיות, האָט זיי די מאַמע אַוועקגעפירט אין אַ ווייטן וואַלד, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך קעניגלאַך. אָבער דער־דאָזיקער וואַלד איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט דאָרט בשום אופן נישט געקאָנט נאָכיאָגן עפּיס אַ חיהלע, און דעמאָלט האָט זיך ווידעראַמאָל באַוויזן דער אַלטער וואָלף. ער איז אַפילו באַלד אַנטרונען געוואָרן, און די וועלפעלאַך האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער איז אַזוי שנעל אַוועק. מיט אים איז עפּיס

אַ סך זיכערער געווען. אין דער אייגענער רגע האָט זיי די מאַמע אָנגעזאָגט מיטן אויג, אַז זיי זאָלן זיך פאַרבאָרגן, און די וועלפעלאַך האָבן געפאָלגט. איינער האָט זיך פאַרבאָרגן הינטער אַ שטיין, אַ צווייטער הינטער אַ קוסט, אַ דריטער האָט זיך פאַרבאָרגן אין אַ גרוב. געשען איז עס אין אָנהויב וואַלד, וואו די ביימער זיינען נישט געווען אַזוי געדיכט, ווי טיפער אין וואַלד. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ מאָקטאַקועס*). ער איז געגאַנגען, ווי אַ הינקענדיקער, אַזוי ווי אָפּגעשוואַכט און איז טאַקי תיכף־ומיד אַריינגעפאַלן אין די ציין פון דער אַלטער וועלפין. נאָך דעמדאָזיקן קעניגל האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער, און אַ דריטער, און אַ פערטער און אַ פינפטער, אָבער דערזען די וועלף, האָבן זיי זיך הענדום־פענדום געלאָזט צוריק אין וואַלד אַריין. די וועלפעלאַך האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט־פאָר און זיך איבערגעקוקט מיט איינאַנדער יעדער פון זיין באַהעלטעניש. ביז אַהער האָבן זיי נאָך נישט געזען, אַז קעניגלאַך זאָלן אַרויסגיין בייטאָג פון די נאָרעס און סתם פון דער העלער הויט לויפן אין דער וועלט אַריין. פלוצלונג אָבער איז אַרויסגעשפרונגען פון וואַלד אַ גרויסער רויטער פוקס, וואָס האָט זיך גענומען גנבענען, ווי אַ שאָטן, דרייען מיט די אויגן אין אַלע זייטן, שפיצן מיט די אויערן, ציען מיט דער נאָז, אויפהויבן און אַראָפּלאָזן דעם האַלז.

דערזען דעם עמילאָס**), זיינען דער וועלפינס אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ בייזן פייער. ווי אַן אָדלער, מיט איין געשיקטן און האַסטיקן שפרונג, איז זי אַרויפגעפאַלן אויפן פוקס. אירע שאַרפע אייזערנע ציין האָבן זיך איינגעגעסן אין זיין רוקן.

---

*) מאָקטאָקועס—אויף אינדיאַניש אַ קעניגל.

**) עמילאָס—אויף אינדיאַניש אַ פוקס.

וואָס האָט געוואָלט מאַכן פּליטה און איר געשריי האָט בעת־מעשה דורכגעשניטן די לופט, ווי אַ שמיץ פון אַ בייטש. זי האָט צוגע־רופן די קינדער און אַ שליידער געטאָן פון זיך דעם פוקס, וואָס האָט שוין געהאַט אַ דורכגעביסענעם רוקן. אָבער עמיל׳אָס האָט געוואָלט מאַכן פּליטה אפילו מיט אַ דורכגעביסענעם רוקן. דער אָנפאַל איז געשען אַזוי פּלוצלונג, אַז דער פוקס איז נישט באַלד גע־קומען צו די רעיונות. אין דער געגנט האָט ער זיך בכלל נישט גערעכנט אויף אַ וואָלף און אין דער מינוט האָט ער פיינגלאַך און אָנגעשטרייגט געזוכט עפּיס אַ וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון דערדאָזיקער געפאַר. די געפאַר איז אָבער שוין געווען שטאַרקער פון זיינע כחות. באַלד זיינען אים באַפאַלן די וועל־פעלאַך. איינער האָט זיך אים איינגעגעסן אין האַלז מיט אַלע ציין, אַ צווייטער האָט אים געשלעפּט פאַר אַ פוס, אַ דריטער איז באַפאַלן דעם עק... אַ הייסער תענוג פון רויב, בלוט און נצחון איז באַפאַלן די וועלפעלאַך, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געהאַט צו טאָן מיט אַ שטאַרקער חיה. פון ערגעץ האָט זיך באַוויזן דער אַלטער וואָלף, דער טאַטע, וואָס האָט אַזוי ווי שטום געזעדט: אַרבעט, אַרבעט, קינדערלאַך, זאָל אייך וואויל באַקומען!

דאָס איז געווען איין לעקציע, אָבער אַ שטאַרקע, און זי האָט שוין געניגט די וועלפעלאַך אויפן גאַנצן לעבן. נאַטירלאַך, זיי האָבן זיך נאָך באַדאַרפט אַ סך, אַ סך לערנען, אָבער זייערע קענט־נישן האָבן זיי שטענדיק געשעפּט פון דערדאָזיקער לעקציע, ווי פון אַ קוואַל, וואָס נעמט זיך נישט אויס. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז מען טאָר זיך קיינמאָל נישט יאָגן נאָך אַ פייגל, נאָר מען באַדאַרף זיך גנבענען הינטער אים פּאַוואָליע, פּאַוואָליע. אַנישט וועט ער זיך אויפהייבן און צעפּליען אויף אַ בוים. אַ ווילדע קאַץ, ווידער, באַ־דאַרף מען באַפאַלן פּלוצלונג, מיטאַמאָל, האַסטיק, מיט איין

אָטעם און אַזוי־אַרום צוטומלען זי. אַנישט, קאָן זי איינס־און־צוויי
מאַכֿן פליטה. אַ פוקס מוז מען אָפּנאַרן, אויב מען וויל אים פאַקן.
מען מוז אים איינגעבן אַ פאָרגעפּיל, אַז אַ הונט גייט אים נאָך
און תיכּף־ומיד פאַרלויפן אים דעם וועג. אַ ביבער קאָן מען אַנ־
דערש נישט כאַפּן, וואו מען זאָל אים פריער נישט נאָכֿגיין מיט
געדולט, שטיל, אָן כאַפּעניש און איילעניש, כּדי ער זאָל וואָס
ווייטער אַוועק פון טייך, וואָס איז זיין שטענדיקער שוץ. דאָס
אַלץ האָבן זיי שוין גוט געוואוסט און זיי האָבן געהיט דידאָזי־
קע קלוגע כּללים, ווי זיי האָבן געהיט זייער לעבן פון אַ שטאַר־
קערן פיינט. זיי האָבן אויך געוואוסט פונם כּלל, אַז זאַלבענאַנד
איז לייכטער צו כאַפּן אַ חיה, איידער אַליין, מיט די אייגענע
כּוחות. און דעריבער טרעפט מען וועלף עפּטער פאָרווייז. איי־
נער העלפט דעם צווייטן, זיי פאַרטיילן צווישן זיך די אַרבעט,
פונקט ווי זיי פאַרטיילן דאָס רויב אויף גלייכֿע חלקים. יעדער
באַקומט זיין געהעריקן חלק. מען באַליידיקט נישט איינאַנדער.
פאָרווייז גייען די וועלף אויף יאַגד, אַזוי ווי די אָדלערס, וואָס
האָבן שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז דער ערפאָלג פון יאַגד איז אַ
סך זיכֿערער, ווען מען מאַכֿט אים זעלבאַנאַנד. די וועלף גייען
פאָרווייז, איינער הינטער דעם צווייטן, און בשעת זיי ווילן באַ־
פאַלן אַ יונגן הירש אויף אַן אָפּענעם פעלד, וואו מען קאָן זיך
נישט גנבֿענען און אויסבאַהאַלטן, זעט דער הירש פון ווייטן איין
וואָלף, ווייל דער הינטערשטער גייט נאָך טריט אין טריט דעם
פאָדערשטן און לאָזט זיך נישט אַרויסזען, און דער הירש ווערט
נישט אַזוי צושראָקן און איילט זיך נישט צו אַנטלויפן. דאָס פאָר־
דערט זיך ביי דעם ערשטן טייל פון אָנפאַל. ביים צווייטן טייל
איז שוין נויטיק, אַז דער הירש זאָל זיך שרעקן און זיך פאַרלירן
פון שרעק, און דעמאָלט שפּרינגט אַרויס דער הינטערשטער וואָלף
פון דער זייט. דער הירש זעט פלוצלונג איין, אַז ער האָט פאַר

זיך צוויי גרויסע כּוחות, גיט ער זיך לייכטער אונטער. אין אַזאַ פאַל האָט ער זיך שוין נישט וואָס צו ראַנגלען.

מיט דעם אייגענעם מיטל, ווי מען האָט מיר פאַרציילט, באַנוצן זיך אויך די אינדיאַנער פון די קאַליפאָרנישע סטעפּעס. דער וואָלף האָט דאָ אויסגעלערנט דעם מענטשן, ווי אַזוי צו כאַפּן אַ חיה אין אַן אָפענעם אָרט, וואו מען קאָן זיך נישט פאַרבאַהאַלטן.

איינמאָל, פאַרנאַכט, זיינען אונזערע וועלפעלאַך געגאַנגען מיט דער מאַמען אַהיים. דער וועג האָט זיך געצויגן דורך אַ וואַלד, און די וועלפעלאַך האָבן גייענדיק איבערגעשמעקט אַלע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, צווייגן, שטיינדלאַך און מאָך, און בעת־מעשה, ווי די טבע זייערע איז, געכאַפּט אַ שטיף צווישן זיך, אַ שפרונג און אַ טאַנץ, ווייל אין זיי האָט געשוימט די יוגנט און דאָס געזונטע פריילאַכע וועלפישע בלוט. פלוצלונג האָבן זיי באַמערקט, אַז זיי גייען אָן דער מאַמען. נישטאָ די מאַמע, אַנטרונען געוואָרן. אַ פּחד האָט זיך פאַרגנבעט אין די וועלפישע הערצלאַך, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און נישט זיכער גענומען גלאָצן מיט די אויגן אין וואַלד אַריין און געשפּיצט מיט די אויערן, פּונקט ווי זיי וואָלטן אין יעדן שווייגנדיקן בוים געזען אַ גרויסן שונא. אַ טויטע שטילקייט איז געלעגן אויפן וואַלד, וואָס האָט זיך אויך אַזוי ווי צוגעהערט צוזאַמען מיט די וועלף און אויך, אַזוי ווי זיי, אָפּגעוואַרט מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם אין דערדאָזיקער שווערער שטילקייט.

פלוצלונג האָט אַ שטאַרקער קלאַפּ צוריסן די טויטע שטילקייט און באַלד דאַרויף האָט זיך דערהערט נאָך אַ קלאַפּ און נאָך אַ קלאַפּ: „בום!.. בום!..” און דער וואַלד איז מיט אַמאָל אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַזאַ ווילד בילן, מיט אַזאַ אויסטערלישן קוויטשען און וואָיען, אַז די וועלפעלאַך האָבן עס נאָך קיינמאָל אין זייער לעבן

נישט געהערט. האָבן זיי זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן אויף זייערע שטאָלענע פיסלאַך, הענדום־פּענדום זיך אַוועקגעלאָזט טיפער אין וואַלד און אין די אימהדיקע קולות אַריינגעגאָסן אויף זייערע יונגע וועלפישע קולכלאַך, פול רויב און פאַרצוקונג. זיי האָבן אָבער באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ געשיט, בשעת זיי האָבן מיט די שאַרפע נעזלאַך דערשפירט דעם ריח פונם צפון־הירש. איצט האָבן זיי נאָך העכער געבילט, ווי פריער. איינגיכן האָבן זיך פאַר זייערע ברענענדיקע אויגן אַדורכגעטראָגן די ברייטע גראָע פלעקן פון הירשנרוקנס, און צוויי אַלטע גרויסע וועלף האָבן זיי שטיל, קלוג און געניט געיאָגט פון צוויי זייטן. די יונגע וועלפעלאַך האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געגאַפט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווילן אויסשרייען:

„וואָס פאַר אַ גרויסע חיה אַ הירש איז!“

באַלד דערויף זיינען זיי אַרויס פון וואַלד, און דאָ, צווישן צע־וואָרפענע פעלזן און היילן, האָבן זיי געטראָפן די צוויי אַלטע וועלף, דער מאַמען מיטן טאַטן. איצט זיינען די אַלטע וועלף רוהיק געזעסן אויף די הינטערשטע פיסלאַך, און נישט ווייט פון זיי, נעבן אַ הויכן פעלז, איז געשטאַנען אַ יונגע הירשין מיט צוויי קליינע הירשעלאַך. דאָסמאָל זיינען די גוטע אויגן פון דער הירשין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צוויי בייזע פייערן. אַ ווײַלע האָט זי געקוקט אויף די קינדער און אַ ווײַלע אויף די וועלף. דערזען די וועלף נישט ווייט פון אירע קינדער, האָבן גענומען ברענען אירע אויגן נאָך שטאַרקער, ווי פריער און זי האָט גע־טופּעט מיט די שלאַנקע פיס און געשפּרונגען אין דער הויך פון גרימצאָרן און געברומט און געקלאַפּט און צולעצט זיך געוואָרפן צו די וועלף מיט אויסגעשטרעקטע, דראָענדיקע פיס, ווי מיט ביקסן. די וועלף אָבער האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. זיי זיינען אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און זיך ווידער אַנידערגעזעצט

איף די הינטערשטע פיס. די קליינע וועלפעלאַך האָבן זיך איבער־געקוקט און געגאַפּט און באַוואונדערט די דרייסטקייט פון די גרויסע וועלף. זיי, די וועלפעלאַך, וואָלטן שוין לאַנג אַנטלאָפן.

ביז אַהער האָבן די וועלף נישט געטשעפּעט די הירשין, וואָס האָבן פריי אַרומגעבלאָנקעט איבער די וועלדער, בערג און טאָלן. דער וואָלף געהערט נישט בטבע צו יענע חיות, וואָס דער דורשט צו טויטן און פאַרניכטן איז ביי זיי גרעסער, ווי דער אַפּעטיט צום עסן. און אַ מאָדנע זאַך, אויב ער קריגט נאָר עפּיס צום עסן, אויב ער קאָן נאָר שטילן דעם הונגער, טשעפּעט ער נישט דעם הירש. פאַרוואָס ער טוט עס אַזוי, איז שווער צו דערקלערן, ווי עס איז בכלל שווער צו דערקלערן דעם גרעסטן טייל פון זיינע איינפאַלן און מעשים. מעגלאַך, אַז דער וואָלף איז משער, אַז אויב ער וועט אים איצט נישט טשעפּען, וועט ער אים האָבן שפּע־טער, אין דער צייט, ווען עס שטאַרקט זיך דער הונגער און דער וואַלד קאָן אים גאָרנישט געבן. בלויז די יונגע וועלף האָבן אַ טבע צו באַאומרוהיקן די הירשן, באַזונדערס אין דער צייט, ווען זיי בלאָנקען־אַרום אָן דער מאַמען, און די הירשן, וואָס האָבן פיינט, אַז מען שטערט זיי, וואַנדערן תיכף איבער אין אַ נייעם אָרט. די אַלטע וועלף אָבער פאַרשטייען דעם שאָדן דערפון. זיי פאַרשטייען, אַז, אויסערדעם, וואָס די הירשן פאַרלאָזן די אַלטע ערטער, וועלכע זיינען באַקאַנט און באַקוועם פאַר די וועלף, ווערן זיי אויך ווילדער, בייזער און שרעקעווודיקער, און פון מינוט צו מינוט וואַקסט זייער פאָרזיכטיקייט, אַזוי, אַז מען קאָן גאָר־נישט צוטרעטן צו זיי. און אַזוי האָט זיך עס שוין אויסגעאַרבעט, געוואָרן אַ מין געזעץ ביי די וועלף: אַלע, סיי די גרויסע, סיי די קליינע, נערן זיך מיט קליינע חיהלאַך, מיט מייז, קעניגלאַך, האָזן און דעסגלייכן, אָבער אַז עס קומט־אָן די שווערע צייט, אַז די

ערד ווערט באַדעקט מיט שניי, איבער וועלכֿן עס טאַנצן ווינטער־זאַווערוכֿעס און די קליינע היהלאַך נעמען זיך אויס, פֿערבאַהאַלטן זיך אין די נאָרעס און ווייזן זיך מער נישט אַרויס אויף גאָטס ווייסער ווינטער־וועלט, גייט דער וואָלף צו דעם הירש. ער גייט שטילן זיין הונגער מיט אים. אַן אַרבעט איז דאָס זייער אַ שווערע. יאָגן דעם הירש טאָר מען נישט, ווייל אין אַזאַ פֿאַל וועט מען אים קיינמאָל נישט כֿאַפּן. דאָ באַדאַרף מען האָבן אַ סך באַדאַכֿטקייט, רוהיקייט און שכל. מען באַדאַרף זיך פֿאַרבאָרגן און ליגן און אויסוואַרטן, און ערשט דעמאָלט געלינגט אַמאָל אַוועקצולייגן אויף אייביק דעם געשיקטן שלאַנקן הירש.

אַז די נאָענטע הירשן ווערן זייער ווילד און פֿאָרזיכֿטיק, וואָס קומט, ווי עס איז שוין געזאָגט, פֿון באַאומרוהיקן זיי, גייען־אַוועק די וועלף צו ווייטע אומבאַקאַנטע הירשנסטאַדעס, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט געזען אין די אויגן קיין וועלף און זיינען דעריבער רוהיק, נישט אַזוי פֿאָרזיכֿטיק, מער צוגעלאָזט, נאָכֿגיביק און אַנטלויפֿן נישט אַזוי ראַש און שנעל פֿונם שונא.

אין אַ געדיכטן וואַלד האָט די אַלטע וועלפֿין נאָז אָן נאָז זיך אָנגעשטויסן מיט דער הירשין און אירע קליינע הירשעלאַך, און די אַלטע וועלפֿין האָט זיך תיכּף דערמאָנט, אַז די וועלפֿעלאַך האָבן היינט געהאַט אַ שווערן טאָג, אַז זיי גייען-אַרום מיט ליידיקע מאָגנס און וואָיען — און זי האָט אָפּגעשניטן דער הירשין דעם וועג. קוים האָט זי זיי געפּאַקט אין אַזאַ אָרט, האָט מען שוין געקאָנט עפּיס אויפֿטאָן. עס האָט שוין באַלד געשמעקט מיט אַ גוטער סעודה, אָבער די אַלטע וועלפֿין, וואָס האָט שוין געזען נישט ווייניק יאַגדן אין איר לעבן, האָט דאָסמאָל געהאַט גאָר אַן אַנדער פּלאַן. פּאַוואָליע און פֿאָרזיכטיק האָט זי גענומען אַרויסיאָגן די הירשין אין אָפֿענעם פֿעלד, וואו

זי האָט גערעכנט אויך צוציען די קינדער צו דעמדאָזיקן העכסט
וויכטיקן יאַגד. און אַזוי איז טאַקי געווען: אין אָפענעם פעלד,
וואו די וועלפעלאַך האָבן פריער אַרומגעבלאָנקעט מיט ליידיקע
מאָגנס און מרה־שחורהדיקע פּיסקעס, האָט זיך אָנגעהויבן דער עכ־
טער יאַגד. דאָס שפּיל איז געווען אַזאַ: די אַלטע וועלפין האָט
געמאַכט אַ יתומדיקע מינע און זיך וואַקלענדיק געלאָזט צו דער
הירשין. איז די הירשין תיכף־ומיד אַריינגעפאַלן אין גרויס גריב־
צאָרן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער וועלפין און איר
גוט מכבד־געווען מיט די האַרטע ברייטע קאָפּיטעס אין זייט
אַריין, אַזוי, אַז די אַלטע וועלפין האָט געמאַכט פּליטה אויף
דריי פיס, ווייל אויפן פערטן האָט זי שוין געהונקען פון אַ פעסטן
קלאַפּ. די וועלפין איז געלאָפן הענדום־פענדום פאָרויס און די
הירשין איז איר נאָכגעלאָפן מיט גרויסע מוראדיקע קלעפּ. אינ־
מיטן אָבער האָט זיך די הירשין דערמאָנט אין אירע קינדער,
האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק, און דאָ האָט זי דערזען, אַז די
איבעריקע וועלף, וואָס האָבן, קענטיק, מער דרך־ארץ פאַר איר,
האָבן זיך פאַררוקט אין די פעלזנשפּאַלטן.

דערווייל אָבער האָט זיך ווידער באַוויזן די אַלטע וועלפין און
די הירשין האָט זיך ווידעראַמאָל אַ לאָז געטאָן צו איר. איצט
איז שוין די וועלפין געלאָפן נישט מיט אַזאַ האַסט, ווי פריער,
נאָר די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן אויף די אויגן פון דער הירשין
און אַזויאַרום זי פאַרשלעפּט וואָס ווייטער פון די קינדער. דאָ
איז פּלוצלונג אַרויסגעשוואומען דער אַלטער וואָלף — דער טאַטע־
שנעל, ווי אַ בליץ, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ יונג
הירשל. עס האָט זיך בלויז דערהערט אַ קנאַקן פון ציין, פּונקט
ווי צוויי שטיקער שטאָל וואָלטן זיך אָנגעקלאַפּט און באַלד דע־
רויף איז דער אַלטער וואָלף אָפּגעשפּרונגען און איז אַוועק צו די וועל־
פעלאַך, פּונקט ווי ער וואָלט זיי געוויזן אַן אומשולדיק פריילאַך

שפּילכל. דער וואָלף מיט די וועלפעלאַך האָבן דעריאָגט די וועל־פין און די הירשין איז מיט גרויס נצחון געלאָפן צוריק. איר האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שום חיה אין דער וועלט וועט זי איצט נישט בייקומען. די וועלף האָט זי אייגנטלאַך פאַרטריבן, דער וועג איז פריי, האָט זי פריילאַך אַ רוף געטאָן די קינדער און איז אַוועק מיט זיי אין יענעם וואַלד, וואו די וועלפין האָט איר פריער אָפּגעשניטן דעם וועג.

מיט איר אָבער איז געגאַנגען איין הירשעלע. דאָס צווייטע האָט בלויז געמאַכט אַ פּאָר טריט, באַלד דערויף זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און זיך אַנידערגעלייגט אויפן זייט. בשעת די וועלף זיינען פאַוואָליע צוגעגאַנגען צו אים, אָן שום ווילדע געשרייען און אָן שום גרימצאָרן, נישט ווי זיי ווערן געוויינלאַך געשילדערט אין די פערשידענע יאַגד־מעשיות, איז שוין דאָס הירשעלע גע־לעגן אָן אַן אָטעם, ווייל די ציין פונם אַלטן וואָלף האָבן אים אַדורכגעביסן דוקא יענעם אָרט, וואו עס קלאַפּט דאָס האַרץ. זיין מוטער איז דערווייל געלאָפן אין וואַלד צוזאַמען מיטן היר־שעלע. זי האָט נאָך נישט געוואוסט פון איר שאָדן און האָט זיך זייער געאיילט. הגם זי איז געוועזן זיכער, אַז קיין שום חיה וועט זי נישט בייקומען, דאָך האָט זי געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער נישט אַריינצוגיין אין נאָענטע מחוקות מיט די וועלף. זי האָט זיך אָבער אומזיסט געאיילט, ווייל קיינער פון דער וועלפישער חברה האָט נישט געהאַט בדעה זי נאָכצויאָגן. מער ווי דאָס הירשעלע האָבן זיי נישט געוואָלט און דאָס האָבן זיי גלענצענדיק דערגרייכט.

דער זומער איז אַוועק און עס איז געקומען די זאַטע הערבסט־צייט מיט אירע פאַרשידענע חיות און עפות, וואָס זיינען אַזוי גוט צום עסן, און די הירשן האָט קיינער נישט באַאומרוהיקט. דאָס איז אייגנטלאַך געוועזן די צייט פון ווילדע הינער און קאַטש־

קעס און גענז און טויבן. מען האָט געהאַלטן אין איין עסן און יעדעס מאָל האָט מען געגעסן עפּיס אַנדערש. צו וואָס כּסדר עסן גענז אָדער הון, אַז מען קאָן אַמאָל איבערכאַפּן דעם הונגער מיט אַ לאַקס אָדער מיט אַ פאָרעל, וואָס פּילן־אויס די פלאַכע טייכן און מען קאָן זיי כאַפּן הונדערטערווייז. דער ים, ווידער, מיט זיין צופלוס און אָפּפלוס לאָזט אויך עפּיס איבער אין מויל אַריין. בשעת דאָס וואַסער פאַלט־אָפּ, פאַרבלייבן אויפן זאַמד איינגעשלאָפענע הערינג אָדער אַנדערע גרעסערע פיש, וואָס זייַנען על־פּי־רוב זייער באַטעמט. דער וואָלף באַדאַרף בלויז אַדורכ־לויפן איבערן זאַמד אַ וואָסערע פאָר ווי־אָרסט און ער פרעסט זיך אָן אַזוי, אַז צוריקוועגס גייט ער שוין מיט שווערע פיס פון זאַטקייט. פאַראַן נאָך אַ מאכל ביים ים, וואָס אויב מען זאָל נאָר אַ ביסעלע צוהאָרעווען דערויף, קאָן מען עס באַקומען. דאָס זייַנען די אומגעלומפּערטע פעטע ים־הינט, וואָס זעען־אויס אַזוי ווי געשוואָלן און וואָס ליגן, ווי גרויסע בערגלאַך אויפן ברעג און בילן ווי הינט. וויל מען פאַקן אַזאַ מציאה, מוז מען אַריין אין דער סטאַדע און תּיכּף באַפאַלן דעם גרעסטן פון דער ים־זייט. דער וואָלף האָט נישט ליב זיך איינצועסן אין זיין קרבן און זיך טענטלען מיט אים אַזוי לאַנג, ביז ער לאָזט־אַרויס דעם לעצטן אָטעם. זיין טבע איז—אַ כאַפּ און אַ לאָז־אָפּ, א כאַפּ און אַ לאָז־אָפּ און אַזוי כּסדר, ביז דער קרבן איז פאַרטיק. מיט די ים־הינט אָבער קאָן מען נישט אַזוי. דאָ מוז ער גיין קעגן זיין טבע, דעם ים־הונט מוז ער האַלטן, זיך איינעסן אין אים און אויף אַ רגע נישט אָפּלאָזן, ווייל ביי דער קלענסטער מעגלאַכקייט מאַכט יענער אַ ויברח אין וואַסער אַריין—און רוף אים קנאַק־ניסל. דער קאַמף מיט אַ ים־הונט איז זייער אַ הייסער און אַ לעבעדיקער, דער וואָלף קאָן דאָ אַרויסווייזן זיין גאַנצע קונסט פון אַן אָנפאַלער, אָבער אַמאָל טרעפט אפילו, אַז דער ים־הונט דרייט זיך

אַרויס פון גאַנצע פיר וועלף, וואָס אַטאַקירן אים פון אַלע זייטן.
דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זעען די וועלפעלאַך אַזאַ שפע פון חיות און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָבן זיי געטויט מער, וויפיל זיי האָבן פאַרברויכט. דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אויפעסן, האָבן זיי פאַרבאַהאַלטן, ווי דאָס טוען אַלעמאָל וועווערקעס, וואָס גרייטן זיך אָן שפייז אויף ווינטער. פּלוצלונג זיינען די וועלפעלאַך געוואָרן זייער קאַרג, ווי אויסגערעכנטע באַלעבאָסטעס. זיי האָבן אפילו נישט געטראַכט פון שלאָפן. אַלעמאָל פלעגן זיי נאָכן עסן זיך שפילן און שלאָפן, איצט זיינען זיי בעסער געגאַנגען מיט דער מאַמען אויף יאַגד, און דאָס, וואָס זיי האָבן געכאַפּט, האָבן זיי פאַרגראָבן אין די שנייגריבער און פעלזן. יעדעס וועלפל האָט שוין געהאַט זיין באַזונדער אָרט, זיין שפייז-אַלקירל, פון אויבן באַשאָטן מיט שניי, אַז דער ריח פונם פלייש זאָל נישט צוציען פון דער זייט עפּיס אַ כיטרע פּיקסל. גוט אָנגעפּאַקט די אַלקירלאַך, האָט מען זיך ווידער געשפּילט און ווידער געשטיפט און אינם שפּילן האָט זיך געפילט עפּיס אַ זיכערקייט: פאַראַן וואָס צו עסן... די אַלקירלאַך האָבן אָבער לאַנג נישט געהאַלטן: קוים האָבן די וועלפעלאַך דערשפּירט הונגער און זיך געפּוילט צו גיין אויף יאַגד, האָט מען זיך שטילערהייט, בגנבה, אַוועקגעלאָזט צו די געהיימע אַלקירלאַך און געמאַכט דאָרט אַ תּכלית אינם שפּייז, און איידער עס האָט זיך נאָך אַוועקגעשטעלט דער ווינטער, איז שוין קיין זכר נישט געבליבן פון די אָנגעגרייטע מאכלים. נאָכדעם, בעת דער עכטער ווינטער-הונגער איז ווי אַן אכזר באַפאַלן די אָרימע וועלפישע מעגעלאַך, פלעגן די וועלפעלאַך קויפן צען מאָל אַ טאָג צו די ליידיקע שפּייכלערס און דאָרט נישטערן און שמעקן און זוכן, אפשר איז פון דער גרויסער שפע פאַרבליבן כאָטש אַ קליין ביינדעלע, און יעדעס מאָל פלעגן זיי לויפן צוריק מיט אַראָפּגעלאָזטע עקן און

מיט גרויס מרה־שחורה אין די אויגן. קיין ביינדעלע אפילו נישט געפונען.

דערווייל אָבער איז נאָך געווען פריילאַך, די אַלקירלאַך זיינען נאָך געווען פול מיט שפייז און די וועלפעלאַך האָבן געהאַט לוס־טיקע פיסקעס און האָבן געקוקט אויף גאָטס וועלט מיט גרויס שמחה. מער פון אַלץ האָט זיי איצט אינטערעסירט דער הירש. עפּיס איז ער זייער גרויס, דער הירש, און משונהדיקע הערנער האָט ער און סטאַדעסווייז גייט ער, און שטאַרקע פיס האָט ער און דער ריח פון זיין פעל ציט ווי געבראָטנס, און וואו מען זאָל נישט גיין אָדער שטיין און וואו מען זאָל זיך נישט קערן און ווענדן—אומעטום שפירט זיך זיין ריח. אומטום לאָזן זיך מערקן זיינע שפורן. פונוואַנען גייען זיי און וואוהין גייען זיי און פאַרוואָס וואַנדערן זיי סטאַדעסווייז — דאָס אַלץ זיינען אַזוינע שווערע פראַגן, וואָס די וועלפעלאַך קאָנען זיי בשום־אופן נישט פאַרענטפערן. זומער זעט מען זיי כמעט נישט. זעלטן בלויז טראָגט זיך דורך פאַר די אויגן אַ הירשין מיט אַ קינד אָדער אַן אַלטער הירשן-רייז שטייט אויף אַ גרויסן פעלז, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, און מען קאָן בשום־אופן נישט צו גיין צו אים. זיין מאַכט פאַרכשופט פון ווייטן און שוואַכט-אָפּ דעם ווילן. באַלד אָבער, ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ דער הערבסט אויף דער ערד, הויבן זיך אָן צו ווייזן די הערנערדיקע קעפּ פון די הירשן און מען זעט זיי אומעטום, אין וואַלד און אין פעלד, אויפן באַרג און אין טאָל. מען זעט זיי אפילו אין וואַסער, און עפּטער שווימען זיי אַריבער גרויסע טייכן און אָזערעס. זיי שווימען סטאַדעסווייז און דער טייך ווערט אַזוי ווי באַצויגן מיט אַ וואַלד פון הערנער.

די וועלפעלאַך שרעקן זיך בלויז פאַר די גרויסע הירשן, פאַר די יונגע שרעקן זיי זיך נישט. נאָכדעם, ווי דער מאַטע האָט

אויף זייערע אויגן געטויט דאָס יונגע הירשעלע, האָבן זיי אויך געטאָן דאָס אייגענע און מיט גרויס ערפאָלג. פאַקן אַ הירשעלע, זעט-אויס, איז גאַנץ לייכט, און עטלאָכע טעג זיינען זיי אַרומ-געגאַנגען מיט שווערע פיס, ווייל זיי האָבן זיך איבערגעגעסן מיט הירשנפלייש. זיי זיינען מאָדנע דיק געוואָרן און די פעל האָט געגלאַנצט אויף זיי, פונקט ווי דער בער, וואָס איידער ער גייט אין נאָרע שלאָפן זיין ווינטערשלאָף, פרעסט ער זיך גוט אָן מיט הירשנפלייש און קלייבט אויף זיך אָן אַ סך שמאַלץ. אָבער די מאַמע פלעגט זיי כמעט נישט צולאָזן צו די הירשן. זי האָט געהאַט אירע מחשבות: בעסער כאַפן קליינע חיהלאַך, וואָס מיט זיי שווימלט און גריבלט אין די פעלדער און וועלדער, און די הירשן לאָזן צורו...

אין אָקטאָבער האָבן זיך שוין אויף די אָפענע פעלדער באַוויזן גרויסע ריזנהירשן, מיט דיקע העלזער, מיט אויגן, פאַרלאָפן מיט בייזן בלוט און מיט גריוועס, וואָס דער ווינט האָט זיי צע-שפרייט, ווי אַ פעכער. אַ וואָלף האָט נישט געטאָרט זיך ווייזן אויף זייערע אויגן און יעדע חיה, וואָס זיי האָבן געטראָפן אין וועג, האָט געמוזט תיכף מאַכן פליטה, אַנישט האָט זי זיך באַ-צאָלט מיטן לעבן. דער הירש האָט איצט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַלע חיות און אַז די אַלטע וועלפין, וואָס די קליינע וועלפעלאַך זיינען איר אומעטום נאָכגעלאָפן, האָט אים אָנבאַגעגנט, האָט זי קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט און איז באַלד נעלם געוואָרן פון זיינע אויגן. טיילמאָל, בשעת די וועלפעלאַך זיינען געווען שטאַרט באַשעפטיקט מיט כאַפן האָזן, האָבן זיי פלוצלונג דערהערט אַ קנאַקן פון טרוקענע צווייגן און באַלד דערויף האָט זיך באַוויזן אַ הירשנקאָפּ מיט אַ קריין פון הערנער, און אַ פּאָר גרויסע אויגן, אָנגעגאָסן מיט בייז בלוט, האָבן זיך איינגעגעסן אין זיי. די וועלפעלאַך האָבן געמאַכט פליטה, נאָר אָפגעלאָפן אַ

פאָר הונדערט טריט, האָט מען זיך אומגעדרייט מיט די קעפלאַך, זיך אַנידערגעזעצט אויף די הינטערשטע פיסלאַך און מיט גרויס בייגיר פון ווייטן געקוקט אויף דערדאָזיקער וואונדערלאַכער חיה, וואָס טראָגט אַזוינע אויסטערלישע צווייגן אויפן קאָפּ. זיי האָבן געקוקט און געקוקט און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. ווען נישט די שרעק, וואָלטן זיי צוגעלאָפן צו אים און אים גוט אַרומגעשמעקט און אַרומגעקוקט און אפשר פאַרזוכט זיינס אַ שטי־קעלע פלייש פון אַ זייט... מאַכט אָבער דער הירש אַ דראָענדיקע באַוועגונג, שפּרינגען־אָפּ די וועלפעלאַך און לויפן שוין אַהיים, אין נאָרע, און, לויפנדיק, טראַכטן זיי פון די וועלדער און פעל־דער און בערג און טייכן און הירשן און פוקסן און האָזן, און אַ לייכטקייט פילן זיי אין די פיס און כוחות אין די ביינער, און אַז זיי קומען אין נאָרע און ציען זיך אויס אויפן ווייכן נאָ־רע־געלעגער, פאַלט־צו די נאַכט און גרויסע שטערן טרעטן אַרויס אויפן הימל, ווי גאָלדענע אויגן און אַ גאָלדענער שיין טריפט־אַריין פון זיי אין נאָרע און די וועלפעלאַך זעען דער מאַמען, וואָס זיצט דערביי, ווי אַ גרויער שאָטן, און די מאַמע קוקט אויף זיי מיט קלוגע אויגן, פונקט ווי זי וואָלט שעפּטשען:

„זיי זענען שוין גרויסע, די וועלפעלאַך... גרויסע... געזונטע... זיי קאָנען שוין אויסקומען אָן מיין הילף“...

און דאָסמאָל לייגט זיך נישט די מאַמע צוזאַמען מיט זיי, נאָר זי זיצט און קוקט און ציט מיט די אויערן, און די וועלפעלאַך, וואָס דרעמלען שוין איין, הערן דורכן דרעמל אַ ווייט רופן פון אַ וואָלף. ווער רופט דער וואָלף? וואָס וויל ער? אפשר יאָגט ער אַ הירש? אפשר באַפאַלט ער אַ פוקס? אפשר רופט ער די איבעריקע וועלף, זיי זאָלן אים קומען צוהילף?

—או-אַאַ... או-אַאַ... או-אַאַ... — רופט דער וואָלף.

די וועלפעלאַך זיינען אָבער מיד און קאָנען נישט בייקומען דאָס

דרעמל. זאָל ער רופן, דער וואָלף. זיי ווילן שלאָפן. אַ זיסע וואַ־
רימקייט נעמט-אַרום זייערע גלידער.

עס שלאָפט אָבער נישט די אַלטע וועלפין. זי זיצט און שפּיצט
גאָך אַלץ מיט די אויערן. זי ווייס, ווער עס רופט.

דאָס רופט זי דער אַלטער וואָלף. זי הויבט זיך אויף און גייט-
אַרויס פון דער נאָרע אונטער אָן אויסגעשטערנטן הימל. מיט
פעסטע, אָבער שטילע וועלפישע טריט שלייכט זי צווישן די פעלזן
און טראַכט בעת־מעשה:

„די וועלפעלאַך זיינען שוין גרויסע. זיי נויטיקן זיך שוין נישט
אין דער מאַמען. אפילו אַ יונגער הירש קאָן שוין פאַלן פון זיי־
ערע ציין...“

און די אַלטע וועלפין האָט זיך באַגעגנט מיט דעם אַלטן וואָלף.

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט, וואָס די וועלפעלאַך האָבן
געשלאָפן אָן דער מאַמען.

פעקואס
דער פישכאפער



פּעקוואַם דער פישכאַפּער*) פלעגט גערן נאָכגיין נאָך מיין שפור, אָבער קיינמאָל איז ער מיר נישט פאַרלאָפן דעם וועג. ווי אַ טונקעלער שטן פלעגט ער זיך אַדורכשמוגלען צווישן דיביימער פון די געדיכטע וועלדער. שטענדיק און אַלעמאָל איז ער ענלאַך צו אַ שאָטן, וואָס ווייזט זיך אויף אַ רגע און ווערט באַלד אַנטרונען פון די אויגן.

פאַרוואָס אייגנטלאַך הייסט ער פישכאַפּער? קיינער ווייס נישט פאַרוואָס. אַז איר וועט פרעגן ביי די היגע סוחרים, וואָס האַנדלען מיט פעלכלאַך און פיש, וועלן זיי אייך אפשר זאָגן, אַז פיש־כאַפּער הייסט ער דערפאַר, ווייל עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ גע־

---

*) פּ ע ק וו א ם — מיט דעמדאָזיקן נאָמען באַצייכענען די אינדיאַנער דעם מאַרדער. פאַר זיין פעל צאָלט מען זייער טייער.

שיקטער גנב, ווי ער, וואָס זאָל קאָנען אַזוי גוט און לייכט אַרויס־לקחנען די פישן פון די פּאַסטקעס און קאָפּקאַנעס, וועלכע ווערן אַוועקגעשטעלט פאַר די גרויסע חיות. ער באַגנבעט אַלע פּאַסט־קעס און פאַלט קיינמאָל אין זיי נישט אַריין. די פּאַסטקע האָט קיין שום שליטה נישט איבער אים.

ער האָט נאָך אַ נאָמען — „קליינשטשקער דשוזק", אָבער דערדאָזיקער נאָמען האָט שוין קיין שום שייכות נישט צום נאָמען פישכאַפּער. די אַמאָליקע נאַטורפאָרשער, וואָס האָבן זעלטן געזען אין די אויגן אַ פּעקוואַם און וואָס האָבן זיך מער פאַרלאָזן אויף זייערע קענטענישן, ווי אויף דער דערפאַרונג פון די אינדיאַנער, האָבן אים אַ נאָמען געגעבן פישכאַפּער, ווייל זיי האָבן אים אָנגע־נומען פאַר אַ מין טייכהונט, וואָס האָט גאָרנישט פיינט קיין פיש, בלויז איין־איינציק מאָל איז מיר געלונגען צו זען, ווי אַזוי פּעקוואַם האָט געכאַפּט פיש. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַ־סער — דאָרט איז געווען נישט טיף — און האָט גענומען אַרומ־לויפן און אַרומשמייען אַהין און צוריק. ער האָט אַזוי צעיאָגט און צעקלאַפּט דאָס וואַסער, אַז עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ נעבל פון וואַסערטראָפּנס און דאָ, אין געפּילדער און גערויש, האָט ער געפּאַקט אַ גרויסן פיש און איז תּיכּף אַנטרונען געוואָרן אינם שאָטן פון דערבייאיקן וואַלד.

פּעקוואַם האָט נאָך אַנדערע נעמען. אין יענע ערטער, וואו ער באַווייזט זיך זעלטן, רופט מען אים שוואַרצער פוקס, הגם ער איז לחלוטין נישט ענלאַך צו דערדאָזיקער חיה. ביי די יע־גערס און פעל־סוחרים הייסט ער שוואַרצע קאַץ און זיי פּאַקן אים נאָר דעמאָלט, ווען ער, אַן אָנגעפרעסענער און אַ זאַטער, דרעמלט ערגעץ אין אַן אויסגעהוילטן שטאַם פון אַ געפאַלענעם בוים. אָבער ווי ער זאָל נישט הייסן און וואָס פאַר אַ נעמען מען זאָל אים נישט געבן — אומעטום, סיי אין פעלד, סיי אין וואַלד, איז

וואַסער און אויף דער יבשה איז ער געשיקט און רירעוודיק און קלוג און ענערגיש, אַזוי, אַז ער האָט כמעט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט פון חיות. דאָס איז דער שאָטן פון וואַלד. מען זעט אים קיינמאָל נישט, נאָר מען פילט אים. פאַרן אויג לויפט ער דורך ווי אַ בליץ, אָבער זיין רויב פאַלט אים שטענדיק אַריין אין די גיריקע לאַפּעס.

אַזוי ווי ער איז ווייניק באַקאַנט אַפילו די נאַטורפאָרשער, וועל איך אייך פּרובן באַשרייבן, ווי אַזוי ער לעבט און זעט-אויס אין זיין היימישן וואַלד. איר קאָנט אים זען נאָר אין דעם פאַל, ווען איר וועט אים נאָכגיין מיילנווייט איבערן שניי און וועט געפינען די שיריים פונם חיהלע, וואָס ער האָט פאַר דער צייט געטויט, ביז איר וועט אַזויאַרום, נאָך לאַנגער מי און מאַטערניש, צוקומען צו זיין נאָרע, און ערשט דעמאָלט וועט איר אויך נישט מער זען, ווי אַ צאַפּל פון אַ שוואַרץ פאַסיקל, עפּיס אַ באַוועגונג פון אַ שאָטן, וואָס ווערט פאַרפאַלן ערגעץ אין די פעלזן אָדער אינם מאָך אונטער אַ בוים.

פאַר אָט דעם קורצן אויגנבליק פאַרבלייבט אייך דער איינדרוק פון עפּיס אַ בריאהלע, וואָס איז ענלאַך צו אַ גרויסער קאַץ, וועלכע ווערט מוראדיק געיאָגט פון הינט. אויב פעקוואַם וועט זיך גראָד צושטעלן אויף אַ רגעלע, און וועט אייך געבן אַ מעג-לאַכקייט אָנצוקוקן די גרעסטע זעלטנהייט פון וואַלד, וועט איר זען אַן אומגעווייגלאַך-נערוויאַישע חיה, וואָס וועט אייך גלייכצייטיק דערמאָנען אַ קאַץ און אַ שנייוויזעלע. ער איז אַ סך גרעסער פון אַ שטוביקער קאַץ. קורצע פיס האָט ער און אַ שאַרף פּיסקעלע, ווי ביי אַ מאַרדערל. און אָנגעטאָן איז ער אין אַ גלאַנציקן שוואַרצן פעל. מער וועט אייך נישט געלינגען צו זען. אין בעסטן פאַל וועט זיך אייך אַ שאָטן טאָן זיין לאַנ-גער, געדיכט-האָריקער עק, ווען פעקוואַם וועט אַריבערשפּרינגען

איבער אַ געפאַלענעם בוים. ער וועט נאָך אומישנע פּאַנאַנדער־בלאָזן דעם עק, ווי דאָס טוט אַ קאַץ, כּדי אויסצעוויזן גרעסער און אַזויאַרום אייך דערשרעקן.

אַ מאָל צוויי־דריי האָב איך אים געזען אין וואַלד ווי אַ שאָטן, און בלויז איין מאָל האָב איך געהאַט די מעגלאַכקייט אים בעסער צו באַטראַכטן, הגם איך האָב דעמאָלט גאָרנישט געקלערט פון יאַגד און ער האָט אויך נישט גערעכנט, אַז איך גיי אים נאָך. רוהיק און שטיל בין איך געזעסן באַגינען אין וואַלד און געוואַרט אויף הירשן. פלוצלונג האָב איך דערהערט הינטער מיר אַ שאָרך. באַלד דערויף איז אַרויסגעשפּרונגען אַ מאָקטאַקועס*) און זיך אַוואָרף געטאָן, ווי משוגע, פון איין זייט אין דער צווייטער אַהין און אַהער, ווי דאָס טוען שטענדיק האָזן, בשעת עמיץ פאַרפאָלגט זיי.

„דאָס יאָגט אים אודאי אַ קאַגאַקס**),—האָב איך אַ טראַכט געטאָן און מיך אומגעדרייט: ערשטנס, האָב איך געוואָלט זען דעם מאַרדער און, צווייטנס, האָב איך נישט געוואָלט דערלאָזן אַז דאָסדאָזיקע אכזרל—דער מאַרדער זאָל סתּם באַגינען אומזיסט און אומנישט פאַרצוקן דאָס אומשולדיקע שוואַכע העזעלע. אָבער אין דער אייגענער רגע איז גאָר פּעקוואַם אַרויסגעשפּרונגען פון אַ קוסט. דאָס פּיסקל האָט אים נערוויייאיש געצוקט, דער עק האָט געפלאַטערט. פּעקוואַם האָט זיך אויך געוואָרפן רעכטס און לינקס, דאָ זיך צוגעשטעלט, דאָ הויך אַ שפּרונג געטאָן, און עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט. יעדעס הערעלע אויף זיין פעל האָט אויסגעזען, ווי אַ לעבעדיקס

---

*) מאָקטאַקועס—אויף אינדיאַניש אַ האָז.

**) קאַגאַקס—אויף אינדיאַניש אַ מאַרדער.

און אײנגאַנצען האָט ער געמאַכט אַן אײנדרוק פון אַ שוואַרץ אומרויִק פײערל.

איך האָב מיך בעת-מעשה דערמאָנט אין אַ יונגען פּעקוואַס, וואָס איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין אַ גרויסן שטײג און איך פלעג אים קאָנען באַאָבאַכטן עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד. צי ער האָט געשלאָפן, צי ער איז געווען וואַך, צי ער איז געזעסן אויף דער ערד אָדער בײ זיך אויפן בוים,—שטענדיק און אַלעמאָל האָט ער געמאַכט אַן אײנדרוק, ווי ער וואָלט געהאַט פון אַלע זײטן אויגן און אויערן. דער קלענסטער שאָרך, דער מינדסטער קלאַנג, וואָס איז קוים דערשוואומען צום אויער, האָט אים תיכּף-ומיד אויפגעריסען פון אָרט און ער האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ און שפּרינגען און צאַפּלען אין שטײג.
אײנמאָל, אין אַ מינוט, בשעת ער האָט באַזונדערס שטאַרק אײנגעשלאָפן, האָב איך לײכט אַ קראַץ געטאָן מיט אַ נאָגל. דאָס איז געווען אַזאַ שוואַכער קלאַנג, אַז אַ וואָלף, וואָס האָט אַזאַ שאַרף געהער, וואָלט אים בשום אופן נישט געהערט אין שלאָף. אָבער פּעקוואַס איז שוין אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אַן אויפגערעגטער, און האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַן אײנגעשרומפּן נעזל.

דעם אײגענעם אײנדרוק פון אָנגעשטרײנקטער ענערגיע און אימפּעט האָב איך אויך געהאַט דאָסמאָל, ווען די ווילדע באַשעפעניש איז מיר פאַרבײגעלאָפן און בעת-מעשה געבערענט פון קאָפּ ביז די פיס. בײ אַ צען שריט פון מיר איז ער אַ ווײלע געבליבן שטײן אויף יענעם אָרט, וואו דער האָז האָט געמאַכט אַ פּאַר-צווײפלט-דרײסטן שפּרונג; נאָכדעם האָט פּעקוואַס אומגעדרײט דעם קאָפּ און זיך, קענטיק, געסטאַרעט צו באַשטימען מיטן חוש-הריח די ריכטונג פון האָז. באַלד דערויף האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס, נאָכדעם ווידעראַמאָל צוריק און נאָכאַנאַנד גע-

שמעקט די ערד און נאָכדעם, ווי ער האָט איינגעזען, אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם ריכטיקן שפור, איז ער נישט אַוועק צוריק, ווי דאָס וואָלט געטאָן יעדע חיה אויף זיין אָרט, נאָר ער האָט גענומען שפרינגען און דרייען זיך. ווי אַ בליץ האָט ער זיך גע־דרייט אין דער לופטן און אַזוי אַרום געפּאַקט דעם אמתן שפור און אַוועקגעלאָפן העגדום-פּעגדום נאָכן האָז, אָבער שוין גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג.

דאָס איז געווען די סאַמע שנעלסטע, די סאַמע אומגעוויינלאַכ־סטע באַוועגונג, וואָס איך האָב ווען געזען ביי אַ לעבעדיק וועזן. אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך ווידעראַמאָל פאַרבייגעטראָגן ווי אַ בליץ, און האָט, אפנים, גאָרנישט חושד געווען, אַז איך זיץ און קוק אים נאָך.

אַלס יעגער, האָט דער פּעקוואַם קיין גלייכן נישט צו זיך צווישן די וואַלד-איינוואוינער. נאָכן שפור לויפט ער מיט דער עקשנות און איינגעשפּאַרטקייט פון אַ שנייוויזעלע און וואַרפט זיך אויף זיין רויב מיט אַן אויסערגעוויינלאַכער שנעלקייט.

זייער אָפט בין איך ווינטער-צייט געגאַנגען נאָכן שפור פון אַ מאַרדער אַ פישכאַפּער, און דערדאָזיקער שפור האָט מיך שטענדיק, פריער אָדער שפּעטער, געבראַכט צו יענעם אָרט, וואו ער האָט געטויט זיין רויב, אַזוי, אַז איך האָב מיט אַלע פּרטים געקאָנט צוזאַמענשטעלן דאָס גאַנצע בילד פון דער רציחה, פּונקט ווי איך וואָלט דערביי געשטאַנען. איר קאָנט נאָכגיין עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד נאָך די שפורן פון אַ פוקס און סוף-כל-סוף וועט איר זיך איבערצייגן, אַז דער פוקס האָט גאָרנישט געפּאַקט און האָט זיך אודאי געלייגט שלאָפן פון גרויס עגמת-נפש ביי זיך אין נאָרע. איר קאָנט אויך נאָכגיין צענדליקער וויאָרסט נאָך די טיפע שפורן פון אַ לוקס און איר וועט קיין שום זכר נישט געפינען פון דעם, אַז דער לוקס האָט דאָ ערגיץ געגעסן, און

סוף-כל-סוף וועט אייך דורכנעמען עפּיס אַ געפיל פון רחמנות צו דערדאָזיקער גרויסער, בלוטדורשטיקער און גאַרישער חיה, וואָס ליידט פיינלאַכן הונגער און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן אין אַ שווערער מינוט. פון אַלע זיינע שפורן וועט מען קלאָר, אַז ער האָט גאָרנישט געפאַקט און אַז ער איז אַוועק מיט אַ ליידיקן מאָגן. אומזיסט איז ער געגאַנגען צום הייזל פון ביבער, צו דעם פאַשעפעלד פון הירש און אַפילו צו דעם שנייגריבעלע, וואו די פעלדהון האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל היים אויף דער נאַכט. די אַלע חיות האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון אים און ער איז אַוועק מיט גאָרנישט.

פּרובט אָבער גיין נישט פיל מיט די שפורן פון אַ פעקוואָם און איר וועט באַלד איינזען, וואָס פאַר אַ רייכע סעודות ער האָט געהאַט: דאָ אַ מויז, דאָרט—אַ האָז, דאָ—אַ וועווערקע, דאָרט—אַ באַרגציגעלע. אַ וועג באַלייגט מיט די שענסטע מאָלצייטן. לאָמיר אָבער שוויַיגן אַ ווײַלע. פעקוואָם האָט זיך אַזוי אָנגעגעסן, אַז ער וויל שלאָפן, די אויגן קלעבן זיך אים און מען קאָן אים אודאי געפינען אַ שלאָפנדיקן אונטערן שניי אין אַן אויסגעהוילטן בוים.

נישט-געקוקט אויף זיין וואוקס, איז ער דאָך אַן אויסגעצייכנטער קריכער אויף ביימער, נישט ערגער פון אַ וועווערקע און ער קאָן דורכמאַכן גאַנצע וויאָרסטן, שפרינגענדיק פון צווייג צו צווייג. ער איז אַ בריה אויף דער ערד און אַ בריה אויפן בוים. ער קאָן אויך אַראָפּשפרינגען אויף דער ערד פון העכסטן בוים אַזוי ווי די וועווערקע. בעת-מעשה ציט ער אויס אין לופטן דעם גוף און דעם עק, ווייל דאָס פאַרקלענערט דעם כוח פון פאַלן. ווי נאָר אַראָפּגעשפרונגען אויף דער ערד, הויבט ער זיך שוין אויף אויף די פיס און טראָגט זיך ווייטער, פונקט ווי ער וואָלט אַראָפּגעשפרונגען פון אַ נידריק צווייגעלע. אַמאָל פאַרקלייבט ער

זיך אויף אַ הויכן צווייג און באַפֿאַלט פֿון דאָרטן זיין קרבן אויף דער ערד, ווי דאָס טוען מאַנכע שטאַרקע חיות, וואָס גע־הערן צו דער משפּחה פֿון קעץ. דאָך טוט ער עס זעלטן, ווייל ער האָט אַ צו־גוטן חוש־הריח און אַ צו־גוטע ראיה און ער איז בכלל צו־געשיקט און רירעוודיק, ער זאָל באַדאַרפֿן זיצן אויף אַ צווייג און פֿון דאָרטן אויסוואַרטן אויף זיין רויב.

לויט זיינע שפּורן אויפֿן שניי, קאָן מען לייכט אויספֿאָרשן זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע, וואָס דאָס קאָן, איבעריגנס, געזאָגט ווערן אויך וועגן אַלע אַנדערע גרויסע חיות.

די געדיכטע צפֿונדיקע וועלדער זיינען ווינטער אינגאַנצן טויט. פֿראָסט און שנייען האָבן אַלץ דערשטיקט און באַגראָבן. ווייטער, אין דרום, גייט דאָס לעבן אָן שום הפסקה. לופֿט, ערד און וואַ־סער זיינען אין אַלע ציטן פֿון יאָר דאָרט אָנגעפֿילט און אָנגעפּראָפּט מיט פֿאַרשידענע מינים חיות. דאָ אָבער איז טויט און שטיל, ווי אין אַ קבֿר. פֿון באַגינען־אָן, ווען אַלץ שטאַרבט־אָפּ אונטער דעם אָטעם פֿון פֿראָסט, ביז דער קורצער נאָכמיטאָג־שעה, ווען די בלאַסע זון דערוועקט צום לעבן די קראָ, וואָס האַלט אין איין קראַקען אָדער די אומדערמידלאַכע וועווערקע, ביז די פֿרי־איקע פֿאַרנאַכט־שאָטנס, בשעת די ביימער הויבן־אָן צו קרעכצן און גיבן־אַרויס אַ טרוקענעם קנאַק, פּונקט ווי דער שאָס פֿון אַ ביקס און די קאָרע שרומפּט זיך איין און פּלאַצט אין די אייז־אָרעמס פֿון פֿראָסט—וואַנדערט איר דאָ אַרום איבערן שניי און אַ טויטע שטילקייט פֿילט אייך אָן און אייך דאַכט זיך, אַז איר זענט אַליין אין דער גאַנצער וועלט. קיין שום פּאָך פֿון אַ ברייטן פֿליגל, קיין שום שימער פֿון אַ גלאַנציקער געדיכט־האָריקער פֿעל פֿון אַ חיה, קיין גראָער שאָטן נישט פֿון אַ הירש, וואָס דאָס אַלץ באַלעבט שטענדיק די שטילשווייגנדיקע ביימער. אייער איי־געגער אָטעם, וואָס דער פֿראָסט טראָגט אים פֿאַנאַנדער, ווי אַ

נעבל צווישן די ביימער, איז דער איינציקער צייכן פון לעבן אין דערדאָזיקער ווייסער טויטקייט.

איצט גיט אייך אָבער אַ קוק אונטער די פיס. איר שטייט אַקוראַט אויף יענעם אָרט, וואו דער פיינער שפור פון אַ פוקס האַקט־איבער די ברייטע לאַפּע־צייכנס פון אַ שטעכלשוויין. איר גייט אָבער ווייטער און קוקט זיך צו צו דעם לשון פון די צייכנס. און דערדאָזיקער לשון דערציילט אייך, אַז דער עלימאָס האָט זיך געקווינקלט: צי זאָל ער גיין ווייטער מיט דידאָזיקע לאַפּע־שפורן פונם שטעכלשוויין, צי זאָל ער זיך פאַרנעמען ערגעץ אין אַן אַנדער וועג. דידאָזיקע פראַגע האָט ער באַטראַכט צוזאַמען מיט זיין ליידיקן אויסגעפייניקטן מאָגן. עס איז שוין אַז אָך און וויי צו אים, אַז ער בדאַרף זיך באַשליסן אויף דעמדאָזיקן שטעכלשוויין, וואָס שטעכט זיך ווי מיט מיליאָנען נאָדלען און וואָס אַז מען בייסט אים שוין איבער דעם האַלז און ער קאָן זיך שוין מער נישט שטעכן, קאָן מען ערשט זיין פלייש נישט עסן, ווייל עס איז זייער האַרט און נישט געשמאַק. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז דער מאָגן טרייבט און יאָגט און לאָזט נישט אָפּ אויף אַ רגע. נאָכן ישוב־הדעת מיטן מאָגן לויפט דער פוקס נאָכן שטעכלשוויין, אָבער אַז ער קומט שוין נאָנט צום ציל, דערזעט ער, ווי דידאָזיקע מאוסע באַשעפעניש, צו וועלכער ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט, ווען נישט דער פאַרשאָלטענער הונגער, זיצט זיך רוהיק אויפן שפּיץ פון אַ הויכן בוים און קוקט־אַראָפּ מיט אַ פּאָר חוזק־פייערלאַך אין די קליינע אויגלאַך... דער פוקס האָט דאָ גאָרנישט געמאַכט אַפילו מיטן שטעכשוויין.

עס איז, אַלזאָ, אַ טעות, אַז אין דערדאָזיקער טויטער ווייטקייט איז נישטאָ קיין לעבן. עס איז יאָ פאַראַן לעבן, מען דאַרף עס אָבער קאָנען אַרויסגעפינען און אַרויסשפּירן אין די קאַלטע ווייַ־

סע ליילעכער פון די שנייען און צווישען די טונקעלע שווייגנדיקע שטאַמען פון די ביימער. אומעטום, אין אַלע ריכטונגען, קאָן מען געפינען פאַרשידענע שפורן, סימנים פון פיס. און די־דאָזיקע סימנים האָבן אַ רייכן לשון, און אויב איר קאָנט נאָר לייענען, וועלן זיי אייך פאַרציילן, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט די פאַרגאַנגענע נאַכט, אָנגעהויבן פון די קלייניטשקע פיס-קריצלאַך פון די וואַלדמייז, וואָס שליינגלען זיך פונקט ווי פּאַטשערקעס איבערן שניי און געענדיקט מיט די שווערע, האַלב מיט שניי פאַרדעקטע צייכנס פון אַ גלעגנטיר, וואָס ווערן פאַרפאַלן ערגעץ אין די בערג־פעלזן. פון די אַלע צייכנס שלאָגט־אַרויס אַ געהיים און אָנגעשטריינגט לעבן, וואָס שטרעבט בלויז צו איין ציל, צו איין תּכלית, איינצושטילן דעם מאָגן, קאָנען אָטעמען אַ זאַטער.

קוקט איר ווידער אויפן שניי, דערקענט איר אייערע נעכטיקע טריט אָדער די סימנים פון אייערע פוס-שליטעלאַך און דערביי זעט איר די געדרייטע טריט פון פעקוואַמען. קוקט איר זיך בעסער צו, זעט איר, אַז ער איז אייך נעכטן נאָכגעגאַנגען טריט אין טריט און איז אַפילו צוגעקומען מיט אייך צו אייער הייזל. און מעגלאַך, אַז אַפילו איצט, אין אָט דער מינוט, שטייט ער ערגעץ הינטער אייך און באַשמעקט מיט גרויס התמדה אייערע טריט, וואָס זיינען אים אַזוי אומבאַקאַנט און טשיקאַווע און וואָס מאַכן אַזוי אומרוהיק זיין בלוט.

איינמאָל בין איך מיר אַזוי געמיטלאַך געגאַנגען אין פעלד און האָב פלוצלונג דערשפּירט, אַז עמיץ גייט מיר נאָך. האָב איך זיך תּיכּף אומגעדרייט און מיך אומגעקוקט צוריק. דעמאָלט האָב איך געפּאַקט דעם חברהמאַן, אַזוי צו זאָגן, אויפן אָרט פון פאַרברעכן: ווי אַ שאָטן איז ער מיר נאָכגעגאַנגען טראָט אין טראָט... און וואָס האָט ער געוואָלט? וואָס איז געווען דער־

תכלית פון זיין נאָכגיין? דאָס איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד ביז צום היינטיקן טאָג.

פאַראַן אַ מיטל, ווי אַזוי צו געווינען דעם צוטרוי פון די וואַלד-איינוואוינער צו די טריט פונם מענטשן: מען באַדאַרף פאַנאַנדערוואַרפן שפייז הינטער זיך. אָבער נאָך פריער, איידער איך האָב מיך באַנוצט מיט דעמדאָזיקן מיטל, איז פעקוואַם מיר שוין נאָכגעגאַנגען, ווי אַ גנב. עס קאָן זיין, אַז פריער איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך די יעגערס-שומרים און אַרויסגעגנבעט ביי זיי די אַריינגאַרונגס-שפייז פון די פאַסטקעס, וואָס זיי האָבן גע-שטעלט פאַר די מאַרדערס און אַזויאַרום איז ביי זיי געוואָרן אַ געוווינהייט נאָכצוגיין נאָך אַ מענטשן.

איינמאָל, אין אַזאַ קאַלטן און טויטן פרימאָרגן, האָב איך פאַרלאָזט מיין הייזל אין דענהאַרוואַן און האָב מיך אַוועקגעלאָזט צו מזרח-צו, דאָרט, וואו גאַנצע לאַנדשטרעקעס ליגן נישט באַ-זעצט פון מענטשן. אייגנטלאַך האָב איך געהאַט בדעה צו גיין אויף יאַגד אויף די צפונדיגע הירשן, אָבער אַז איך האָב דורכ-געמאַכט עטלאַכע ווי̇אָרסט, האָב איך געטראָפן מיין באַקאַנטן אינדיאַנער, דעם אַלטן ניועל, וואָס זיין הייזל איז געשטאַנען אין דער הויך ביים טייך. ער איז זייער שנעל געפלויגן אויף זיינע פוס-שליטעלאַך און בעת-מעשה נאָכגעקוקט נאָך די פרישע שפורן פון עפּיס אַ חיה.

„העי, גוטער ברודער. נאר ווענמען יאָגסטו זיך אַזוי?"— האָב איך אים נאָכגעשריען.

האָט ער עפּיס אַרויסגעברומט אונטער דער נאָז און אַ וויז געטאָן אויפן שניי, איבער וועלכן עס איז נאָך אינדערפרי אַדורכגעלאָפן אַ פעקוואַם, פונקט ווי עמיץ וואָלט אים נאָכגעיאָגט.

„דאָס פעקוואַמל האָט זיך עפּיס היינט אינדערפרי שטאַרק צוגעאיילט. מסתמא האָט ער געטראַכט, אַז קוים האָט זיך ניועל

באַוויזן אין דידאָזיקע קאַנטן, איז גלייכער צו מאַכן פּליטה וואָס שנעלער. וואָרום דער אַלטער ניועל האָט פיינט צו שפּאַסן״,— אַזוי האָב איך מיך אָנגערופן צו מיין באַקאַנטן אינדיאַנער.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער און דעמדאָזיקן פּאַרדינטן שבח פאַר זיין געשיקטקייט און רירעוודיקייט, האָט אַ העלער שמייכל באַלויכטן זיין אַלט שטרייגג געזיכט, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

„נו, ער וועט נאָך אַריינפאַלן אין מיינע הענט״.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

„דאָס איז דער אייגענער חברהמאַן, וואָס לקחנט-אַרויס דאָס עסנוואַרג פון מיינע פּאַסטקעס און נעצן. איצט זוך איך דעם אָרט, וואו ער האָט היינט געשאָלטן אַ באַרג-ציגעלע, ער ליגט מסתמא ערגעץ און פּאָפּט מיט אַ פולן מאָגן, ווי אַ דערהרגע-טער. אָבער איך וועל אים פּאַקן. איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף מיר. אפשר ווילט איר אויך גיין מיט מיר?—האָט ער אויסגע-שטעלט אויף מיר אַ פּאָר גוטע שמייכלענדיקע אויגן.

גיין מיט דעם אַלטן אויף אַזאַ שטיקל אַרבעט, האָט מיר שטאַרק געשמייכלט, און איך בין תיכף מרוצה געוואָרן דערויף, און די הירשן האָב איך פאַרגעסן.

דער אַלטער האָט נישט געהאַט קיין ביקס, נאָר אַ האַק. און מיר האָט זיך זייער געוואָלט וויסן, ווי אַזוי וועט ער עס אָן געווער, מיט אַ בלויזן האַק, פּאַקן די סאַמע געשיקטסטע חיה אין דער וועלט, וואָס איר באַוועגונג איז אַ שאָטן און איר שפּרונג איז אַ בליץ. אָבער איך האָב אים גאָרנישט געפרעגט דעריבער, קיין שום שמועס נישט פאַרפירט אויף דער טעמע, נאָר שווייגנדיק געגאַנגען הינטער אים און מיטביידע אויגן

געקוקט פאָרויס. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז איך וועל פּאַקן פּעקוואַמען זיצן ערגעץ אויף אַ בוים און וועל אויסשיסן אין אים.

גאָט אין הימל, מען מוז דאָך אים אַמאָל פּאַקן, דעמדאָזיקן חברהמאַן!...

פעקוואמס
שפיצלאר



פּעקוואַם דער פישכאַפּער האָט אָבער, קענטיק, פאַרשטאַנען, ווי אַרום אים טומלט זיך אַ ביסל, מחמת ער איז זייער שנעל געלאָפן פאָרויס, הגם ער האָט געמאַכט פאַרשידענע קונצן אין וועג. ניועל אָבער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז פּעקוואַם האָט דאָ גאָרנישט באַמערקט און הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער האָט זיך מסתמא גוט אָנגעפרעסן און איצט לויפט ער וואָס גיכער פּאָפן. מיט אַן איבערגעפילטן מאָגן ציט צו שלאָפן, אָבער פאַר איינוועגס וויל ער צומישן, פאַרדרייען, פאַרפּלאָנטערן זיינע שפּורן: טאָמער וועט אים עמיץ זוכן, זאָל ער אים נישט געפינען. ער איז אַ יונג מיט ביינער און האָט אַ קאָפּ אויף זיך.

אַזוי האָב איך מיך פאַרטייטשט זיין האַלטונג, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז ריכטיק. אָבער ניועל האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג דעריבער און האָט שפּעטער גאָר אַנדערש אויסגע-

טייטשט דעם זין פון דידאָזיקע פאַרדרייטע און פאַרפּלאָנטערטע שפּורן.

די שפּורן האָבן זיך ווידער און ווידער געטאָפּלט דאָרטן, וואו פּעקוואַם האָט זיך אומגעקערט צוריק און איז אַ געוויסע צייט נאָכגעגאַנגען זיינע אייגענע שפּורן און נאָכדעם האָט ער זיך מיט אַ שטאַרקן שפּרונג אַריינגעכאַפּט אין וואַלד, וואו זיינע שפּורן זיינען אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען. ביועל, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט נישט אָפּגעלאָזט פון אויג, האָט אויסגעצייכנט גוט פאַרשטאַנען זיינע קונצשטיק און שפּיצלאַך און האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן. דאָך אָבער האָט ער זיך עטלאַכע מאָל גע-פּלאָנטערט און מיר האָבן נישט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טאָן. זיינען מיר אַוועק פאָרויס און אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז מיר זיינען אומגעריכט געקומען צו דעם לעצטן צייכן פון זיין לאַ-פּע. דעמאָלט האָבן מיר זיך געמוזט אומקערן צוריק און זוכן און נישטערן אין צוויי זייטן, ביז מיר זיינען ווידעראַמאָל אַרויף אויף זיינע שפּורן.

אַמאָל צוויי זיינען די שפּורן איבערגעריסן געוואָרן ביי דעם פוס פון אַ ריזנבוים, אויף וועלכן פּעקוואַם האָט, אפנים, אַרויפ-געקלעטערט און איז אַזוי אַרום נישט געלאָפן פאָרויס אויף דער ערד, נאָר אויף די ביימער, און מיר האָבן געמוזט מאַכן אַ גרויסן אומוועג און אויסגעפינען יענעם אָרט, וואו ער האָט געמאַכט דעם שפּרונג אויף דער ערד און איז אַוועקגעלאָפן ווייטער. איין מאָל האָט ער זיך אונטערגעגראָבן אונטערן שניי און איז אַדורכ-געלאָפן אונטער אים אַ גרויסן שטח. מיר האָבן זיך געמוזט שטאַרק אָנשטריינגען, ביז מיר האָבן ווידעראַמאָל אויסגעפונען זיינע שפּורן, אָבער באַלד דערויף האָט ער זיך ווידער אַוועקגעקערט אין אַ זייט און זיינע שפּורן זיינען פון דאָסניי אַנטרונען גע-וואָרן פון אונז.

אַזוי זיינען מיר געגאַנגען וויאָרסט נאָך וויאָרסט. איצט האָב איך שוין גאָרנישט געטראַכט פונם ביקס און פון דעם, אַז מען קאָן שיסן, ווייל איך האָב מיך שטאַרק אַריינגעצויגן אין דער אויפ־גאַבע, וואָס פּעקוואַמל האָט אונז פאָרגעגעבן. אמת, די אויפגאַ־בע איז געווען זייער אַ שווערע, אָבער עס וואָלט געווען זייער מאוס, אַז איך זאָל זי נישט קאָנען אַדורכברעכן. אָבער ניוועל, וואָס איז די לעצטע צען מינוט געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק און פּאַוואָליע, האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און אַ וויז געטאָן מיטן פינגער אויף עפּיס אַ זאַך, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון אונז.

איך האָב מיך גענומען גנבענען, גענ... דעם סאַמע שטילסטן טריט, אָבער איך האָב בשום-אופן נישט באַמערקט עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל זיין ענלאַך צו אַ נאָרע אָדער צו אַ שטאַם פון אַ בוים, וואָע איז באַדעקט מיט שניי. דעמאָלט האָב איך שטיל אַ שעפּ-טשע געטאָן צו גיועלן:

„וואו איז ער?"

„אָ, איצט איז ער אַריינגעפאַלן אין אונזערע הענט,—האָט גיועל געענטפערט מיט אַ קלוג שמייכעלע.—פּעקוואַם מיינט אודאי, אַז קוים האָט ער פאַרבאָרגן זיינע שפּורן, וועט ער אָנפּייפן אַן אַלטן אינדיאַנער. אָבער אַ טעות, פּעקוואַם! דו ביזט שוין אַ פאַרפאַלענער! או-וואַ, זעט-נאָר, זעט עפּיס!

ביי אַ טריט פּופציק פון אונז איז אַ שוואַרץ פּאַסיקל פּייל פון בויגן אַרויסגעפלויגן פון אַ לאָך פון אַ געפאַלענעם בוים און זיך תיכף-ומיד פאַרבאָרגן אין אַ בערגל שניי.

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז פּעקוואַם אַריינגעקראָכן אין בוים נישט פון שפּיץ, פונוואַנען ער איז אַרויסגעלאָפן, נאָר פון וואָרצל, און צוגעקומען איז ער צום בוים נישט פון אויבן, אויפן שניי, נאָר אונטערן שניי. אונטערן שניי איז

ער געגאַנגען אַן ערך בײַ אַ פופציק טריט און איז אַרײַן אין לאָך פון בוים, װי געזאָגט, דורכן װאָרצל. זײַן חשבון איז געװען אַזאַ: קײן שום באַשעפעניש, װאָס זאָל אים װעלן שלעכטס טאָן, װעט נישט אײַנפאַלן, אַז עמיץ איז אַרײַנגעקראָכן אין בוים, װיבאַלד אױפן שנײ זײַנען נישטאָ קײן שום סימנים פון טריט. דאָס איז געװען זײער אַ געשיקטער פּלאַן. דער שפּיץ פון בוים איז געװען אַן אױפגעדעקטער און אױפן װאָרצל איז געלעגן הױך שנײ און געדיכטע קוסטעס האָבן אים פאַרשטעלט. און אַפילו פון דעם אױפגעדעקטן שפּיץ האָט מען זיך נישט געקאָנט אָנשטױסן, אַז עמיץ איז פאַראַן אינם בוים, װײַל—אַלץ דער־צעלבער תּירוץ—װײַל קײן שום סימנים פון טריט האָבן נישט געפירט צו אים.

װען מיר װאָלטן געקומען מיט אַ שעה שפּעטער, װאָלטן מיר אים זיכער געפּאַקט אַ שלאָפנדיקן אינם אױסגעהוילטן בוים, אָבער מיר האָבן אים צו־האַסטיק פאַרפאָלגט. װי עס שײַנט, האָט ער בלױז באַװיזן זיך אױסצוציִען אין זײַן װאַרימער נאָרע און אױף אַ װײַלע צומאַכן די אױגן. אונזערע טריט האָבן אים אָבער פאַר־יאָגט דעם שלאָף און ער האָט פײַל פון בױגן געמאַכט פּליטה.

טאַקי אױף דעם אײגענעם אָרט האָבן מיר פאַנאַנדערלײגט אַ פײַער און צוגעשטעלט אַ קעסעלע מיט װאַסער. די קעלט אין די צפון־װעלדער פאַרכאַפּט ממש דעם אָטעם, און אױב מען באַ־װעגט זיך נישט, מוז מען עפּטער דערװאַרימען דעם קערפּער דורך עסן און טרינקען, אַנישט איז שװער אױסצוהאַלטען. באַלד דערױף האָבן מיר זיך װידעראַמאָל געלאָזט אין װעג אַרײַן. ביז עס איז צוגעפאַלן דער אָװנט, זײַנען מיר אין דער לײַנג און אין דער ברײט אױסגעגאַנגען און אױסגעקראָכן אַלע דרײדלאַך, קונצשטיק און פּלאָנטערס פון זײַנע פרישע פיס־צײכנס, און צו־

לעצט, זיינען מיר געקומען צו אַזאַ אָרט, וואו דידאָזיקע צייכנס האָבן זיך פּלוצלונג פאַרדרייט אין אַ געדיכטן וואַלד פון נידעריקע סאָסנעס. דאָ אָבער האָבן זיך לחלוטין געענדיקט די צייכנס, פונקט ווי די ערד וואָלט זיך געעפנט און וואָלט איינגעשלונגען פעקוואַמען. אָבער עטוואָס ווייטער פון דעמדאָזיקן אָרט האָט אַ לאַנג בערגל עדות-געזאָגט, אַז אונטער אים ליגט פאַרגראָבן אַ געפאַלענער בוים, און איצט זיינען מיר מאָדנע זיכער געווען, אַז דער חברהמאַן מוז זיכער שלאָפן אין בוים און אַז מיר וועלן אים דאָרט פאַקן.

אַרויסגענומען פון גאַרטל דאָס לייכטע העקעלע, האָב איך מיין פאַוואָליע צוגעגנבעט צום שפּיץ פון בוים און ניועל, ווידער, האָט זיך צוגעזעצט צום וואָרצל און מיטן פוסשליטעלע גענומען אָפּשאַרן דעם שניי. מיין שפּיץ פון בוים איז געווען לחלוטין גאַנץ און פעסט, און אַז איך האָב אים, ווי געהעריק, אָפּגערייניקט פון שניי, האָב איך געפונען אין אים בלויז איין לעכל, אָבער עס איז געווען אַזוי קליין, אַז אַפילו אַ ווערווערקע וואָלט קוים געקאָנט זיך אַריינשפּאַרן אין איר.

ניועל האָט דערווייל אַריינגעשטופּט אַ שטעקן אין דעם צווייטן עק פון בוים, ביים וואָרצל, און האָט אים אַזוי לאַנג געשטופּט און געשטופּט, ביז עמיץ אין בוים האָט אים אַ כאַפּ געטאָן מיט גרויס גרימצאָרן און אים שיער נישט אַרויסגעריסן פון דעם אינדיאַנערס האַנט. דאָס ווילדע ריטשען און דאָס קראַצן מיט אומגעדולדיקע נעגל האָבן אונז דייטלאַך געזאָגט, אַז מיר האָבן זיך נישט גענאַרט און אַז מיר זיינען געקומען צו דעם ריכטיקן אָרט.

דער אַלטער אינדיאַנער האָט פאַוואָליע, נישט געאיילט, אויסגעהאַקט עטלאַכע שטעקנס אין וואַלד און האָט מיט זיי גוט פאַרשפּאַרט און פאַרקלאַפּט די עפענונג אין בוים, ביים וואָרצל, און

איך בין בעת מעשה געשטאַנען אויף דער וואַך, ווי אַ סאָלדאַט. נאָכדעם האָט ער פּאָרזיכטיק פאַרגרעסערט דאָס קליינע לעכל אין שפּיץ פון בוים, און אַז איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, האָב איך דערזען אַ גלאַנציק און אומרוהיק שטיקעלע פעל.

נאָכדעם האָבן מיר אויך דאָס לעכל פאַרהאַקט און פאַרקלאַפּט, און פעקוואַם האָט שוין נישט געקאָנט אַרויס פון בוים. איז ער אַרומגעלאָפן אַהין-און-צוריק, אַהין-און-צוריק, אינם לאַנגן אויסגע-הוילטן בוים, און מיר האָבן פון דרויסן געשפּירט זיין ווילדן גרימצאָרן און זיין צאַפּלדיקע אומגעדולט.

איך בין מיך מודה, אַז פאַר מיר איז עס געווען גענוג, וואָרום אַפילו די כאָמע בלוטדורשטיקע חיה דערוועקט אין מיר גרויס רחמנות צו זיך, בשעת זי ווערט געפאַנגען. איך ווייס, אַז זי האָט פאַרבראַכט אַ פריי און באַוועגלאַך לעבן און עס טוט מיר האַרציק באַנג אויף איר פאַרלאָרענער פרייהייט. אָבער ניועל, דער אַלטער, רוהיקער אינדיאַנער, האָט אַנדערש פאַרשטאַנען די זאַך. ער האָט דאָ געהאַט זיינע רעיונות. פאַר אים איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער האָט געפּאַקט אַ גרויסאַרטיק פעלכל, וואָס איז, לכל-הדעות, ווערט גאַנצע אַכט דאָלער, און אַז נאָר אַ שוטה קאָן אין אַזאַ פאַל זיך דורכדרינגען מיט רחמנות צו דער חיה. דאָס פאַרבאָרגענע פייערל, וואָס נעסטיקט זיך אין אויג פון יעדן אינדיאַנער און וואָס פלאַקערט-אויף העל, ווען עס דערזעט עפּיס אַ חיה מיט אַ פיינעם פעל, האָט זיך אויך שטאַרק צופלאַקערט אין דעם זקנס אויגן. דער אַלטער האָט איצט גע-ברענט מיט זיינע אויגן, און געטאָן האָט ער בלויז איין זאַך: לאַנגע פלעקער האָט ער געדרוקט אין בוים און אַזויאַרום גע-טריבן פעקוואַמען אין איין פונקט, וואו דער קלאַפּ מיטן האַק זאָל אים אומפאַרמיידלאַך טויטן אויפן אָרט...

דער קלאַפּ האָט באַדאַרפט קומען דורכן בוים, אין וועלכן ער

האָט געמאַכט אַ שמאָלן שפּאַלט. דורך דעמדאָזיקן שפּאַלט האָב איך געזען, ווי פּעקוואַמס אויגן שיטן פונקען, ווי עס בליצן זיינע ווייסע ציין, ווי ער וואַרפט זיך פון איין אָרט אין אַ צווייטן און זוכט אַן אויסוועג. ביועל האָט געזוכט זיין טויט און פּעקוואַם האָט זיך געהאַלטן פאַרן לעבן און זיך בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַזאַ הייסן בלוט און מיט אַזויפיל ענערגיע, אַז מיך האָט דורכגענומען אַ שוידער. אין דעם פּרט איז ער לחלוטין נישט ענלאַך צום בער און צום פוקס, וואָס לייגן זיך אַוועק און וואַרטן אויפן לעצטן קלאַפּ, בשעת זיי דערשפּירן, אַז עס איז אומזיסט דאָס ראַנגלען זיך. זאָל זיין, אַז פּעקוואַם איז אַ בלוטדורשטיקער אכזר. זאָל זיין, אַז ער ווייס נישט פון רחמנות. אָבער אין דער מינוט איז געשטאַנען זיין לעבן אין קאָן, און דעריבער האָט ער זיך פאַרוואַנדלט פון אַן אכזר אין אַ חיה, וואָס רירט מיט איר פאַרעקשנטן קאַמף און העלדישקייט. אין דער מינוט זיינען מיר געקומען אויפן זכרון זיינע מעלות, און דידאָזיקע מעלות זיינען באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט שטענדיק אַרויסגעלקחנט פון די פאַסטקעס די אַריינגאַרונגס-שפּייז און אַזויאַרום אַרויסגעראַטעוועט אַ סך אומשולדיקע חיות פון אַ לאַנגן און פּיינלאַכן טויט.

איך האָב ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אינם שפּאַלט פונם בוים: דער שאָטן פון די וועלדער, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט כאַפּן, האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט זיך אַלץ געראַנגלט, געסטראַשעט מיט די ציין און מיט די גרימאַסן פון אַ בלוטדורשטיקן פּאַרצופער, הגם ער האָט זייער גוט איינגעזען, אַז פון דעמדאָזיקן טויט-שטייגל וועט ער שוין נישט אַרויס. דאָס שטאָל פונם העקעלע האָט אַריינגעדרונגען אַלץ טיפער און טיפער און די אַריינגעהאַקטע פלעקער פון די זייטן האָבן אים אַלץ מער און מער פאַרקלענערט דעם שטח אינם בוים, עפּיס

שטאָלצעס און העלדישעס איז געווען דערין, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַנגלט מיטן אינדיאַנער, פונקט ווי ער וואָלט אים געוואָלט דערווייזן, אַז זיין לעבן געהערט אויסשליסלאַך צו אים און מיר האָבן קיין שום רעכט נישט עס איבערצורייסן.

„נו, איצט איז ער שוין אין אייערע הענט“,—האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן צום אינדיאַנער.

„יאָ, אַריינגעפאַלן,—האָט ניועל בייז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפ און נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן מיטן האַק.—ניין, מיין ליבער פעקוואַם האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער פאַלט-אַריין ערשט דעמאָלט, ווען ער אָטעמט שוין נישט... און אַפילו אין אַזאַ פאַל טאָר מען אים אויך נישט טרויען. ער האָט מיר שוין נישט איין מאָל אָנגעפייפט, דער חברהמאַן... ער מאַכט זיך טויט און הערט-אויף צו אָטעמען, אָבער ביי דער קלענסטער מעגלאַכקייט גליטשט ער זיך אַרויס פון די הענט! אָ, די לייט טאָר מען נישט טרויען!... איר האַלט גאָר גרייט דעם ביקס, איך בעט איך... פעקוואַם קאָן נאָך אַרויסווייזן עפיס אַ שפיצל...“

אָבער מען האָט שוין דעם ביקס נישט באַדאַרפט, און איך האָב מיך אומגעקערט: שווער צו קוקן אויף אַ רציחה... און נאָך איידער דער שטילער פאַרנאַכט האָט באַוויזן אַרויפצופאַלן אויפן וואַלד, האָבן מיר שוין באַטאַפט און אָפגעשאַצט זיין גרויסאַרטיק פעלכל און נאָכדעם מיט שנעלע טריט אַוועק צו יענעם קלייניטשקן היימלאַכן הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג ביים טייך. פעקוואַמס שוואַרץ און וואַרים פעלכל האָט זיך הילפלאָז אומגעוויגט אויף דעם אינדיאַנערס רוקן.

אין דער אייגענער נאַכט בין איך געזעסן ביי ניועלן אין הייזל און ער האָט מיר פאַרציילט פאַרשידענע מעשיות פון זיין איינזאַמען לעבן און פון זיין אומצייליקע שטעגעלאַך, אויף וועלכע זיין פוס האָט געטראָטן. אין אויוון האָט פריילאַך געקנאַקט דאָס

בעראָזע-האָלץ און אָט צום לעצטן מאָל געזונגען יענס ליד, וואָס דער פרייער ווינט האָט אים אויסגעלערנט. פּעקוואָמס פּעלכל איז שוין געהאָנגען צוזאַמען מיט אַנדערע פּעלכלאַך פון פוקסן, מאַרדערס און שנייוויזעלאַך און האָט געוואַרט אויף אַ גוטן קונה. דער אינ-יאַנער איז געווען אויפגעלייגט.

איך האָב נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן ניועלס פאַרזיכערונג, אַז פּעקוואָם האָט אים נישט געזען און אים אַפּילו נישט געשפּירט. נאָר ער האָט זיך סתם באַאומרוהיקט, ווייל ער האָט באַמערקט סימנים פון פוס-שליטעלאַך אויפן שניי.

„הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן,—האָט זיך אָנגערופן דער אַל-טער אינדיאַנער,—אַלע חיות האָבן אַ באַזונדער חוש. ווען איר נאָכגיין נאָך אַ חיה אָן עפּיס שלעכטער כונה, וועט זי זיך נישט באַאומרוהיקן און זיך נישט שרעקן. זי וועט אייך נישט הערן און נישט זען און נישט שפּירן. זי וועט עסן און טרינקען און שפּילן און וועט אַפּילו נישט קוקן אין אייער זייט. פּרובט אָבער נע-מען דעם ביקס אין דער האַנט אַריין, וועט זיך די זאַך תיכף ענדערן. די חיה וועט אָנהויבן שפּיצן מיט די אויערן, אַרומ-שמעקן די לופט און וואַרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן. די חיה זעט אייך נישט און שפּירט אייך נישט, אַזוי ווי פריער, אָבער עפּיס אַן אומרוהיקייט באַפאַלט זי, און זי וועט אומפאַר-מיידלאַך מאַכן פּליטה. מיר האָבן אין די היגע קאַנטן אַ סך שוואַרצע קעץ. נעמט און מאַכט אַ פּראָבע מיט זיי, וועט איר אַליין איינ-זען, אַז איך בין גערעכט.״

דאָס איז געווען דאָס אַלטע רעטעניש, איבער וועלכן איך האָב מיך שוין לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ. יעדער יעגער, וואָס האָט נאָר געלעבט אַ ביסל צייט אין וואַלד, איז באַקאַנט מיט דערדאָ-זיקער אייגנשאַפט פון חיות. זיי פילן שטענדיק פאָרויס יעדע סכנה, פּונקט ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ זעקסטן חוש: נישט זען

און נישט הערן און נישט שפּירן, און—דאָך שפּירן אַ סכּנה. אַ סך מאָל בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך פּעקוואַמס שפּורן, זיך באַקענט מיט זיינע יעגער־איינגשאַפטן, מיט זיין אַרט לעבן און געוויינהייטן און איצט מוז איך מודה־זיין, אַז דער אַלטער אינדיאַנער איז גערעכט.

אַז פּעקוואַם פּאַקט אַ גרויסע חיה און פרעסט זיך אָן איבער די כּוחות, גייט ער באַלד אַוועק שלאָפן. ווייט גייט ער נישט—אַ וויאָרסט אָדער צוויי—און שלאָפן לייגט ער זיך, וואו עס מאַכט זיך, אָן באַזונדערע פּאָרזיכטסמיטלען. קומט אָבער אין דער אייגענער צייט אין וואַלד און פרובט אים נאָכגיין—ער מעג אייך נישט זען און נישט פילן—וועט זיך באַלד ענדערן די לאַגע: פּעקוואַם וועט שוין ווערן זייער פּאָרזיכטיק, ער וועט טאָפּלען און פּלאָנטערן זיינע שפּורן און איר וועט אים שוין נישט פּאַקן, סיידן איר וועט פּטרן מי־יודע פיל צייט און אָנשטריינגונג.

ביועל האָט מיר פּאַרציילט, אַ שטייגער, אַזאַ פּאַקט. איינמאָל האָט ער געפונען דעם אָרט, וואו פּעקוואַם האָט געטויט אַ באַרג־ציגעלע. איז דער אינדיאַנער תּיכּף אַוועק מיט פּעקוואַמס פרישע שפּורן און זיך העגדום־פּעגדום אַוועקגעלאָזט נאָך אים. וויאָרסט נאָך וויאָרסט איז ער אויף פוס־שליטעלאַך געפלויגן נאָך פּעקוואַמען, קונציק און שנעל פּאַנאַנדערגעפּלאָנטערט יעדן שפּורפּלאָנטער, יעדן שפּיצל, יעדן שכלדיקן איינפאַל פון דעמדאָזיקן וואַלדשאַטן און אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע. פּעקוואַם, וואָס האָט זיך פריער איבערגעפרעסן איבער די כּוחות, האָט זיך איצט שטאַרק איינגעמאַטערט. אַ מאָל צוויי־דריי האָט אים ביועל דייטלאַך געהאַט פאַר די אויגן, אָבער דער ביקס האָט גראָדע אין דעם מאָמענט שלעכט געשאָסן. פּעקוואַם איז ווייטער געפלויגן און יעדעס מאָל צוגעטראַכט נייע דריידלאַך און קונצן,

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית
F.C. 2498

אַזוי, אַז דער אינדיאַנער האָט ממש געגאַפט פון זייך שכל. פאַרנאַכט האָבן זיך די שפורן פאַרקראָכן אין אַ זייט און זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ זומפּ, פאַרדרייט מיט צעדערבוימער. דאָרט האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ סך לאַמהירשן. די הונגעריקע פרילינגסצייט האָט זיי פאַרטריבן אין דעמדאָזיקן זומפּ. אינדערפרי און אין אָוונט, ווען דער באָדן איז געווען עטוואָס פעסטער, זיינען זיי געגאַנגען מחנותווייז צו דיביימער און אַרומגעגעסן די צווייגן. דער זומפּ איז אָבער געווען נישט קיין זיכערער. ער האָט געלאָזט גיין, אָבער נישט לויפן אָדער שפּרינגען, און טאָמער האָט דער לאַמהירש אַ שפּרונג געטאָן, איז ער באַלד אַריינגעפאַלן אין זומפּ, ווי אין אַ קלעפּיקן טייג, סאַמע ביזן האַלדז און האָט נישט געקאָנט אַרויסקריכן.

פעקוואַם האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן באָדן פון זומפּ און דער אינדיאַנער האָט אים נאָכגעיאָגט. דאָ אָבער האָט דער וואַלדשאָטן דערשמעקט אַ גרויסן דאַמהירש און איז אים באַלד באַפאַלן. מען האָט געקאָנט זען פון זיינע פּוסטייכנס, אַז דאָס איז נישט געווען דער געוויינלאַכער פאָרזיכטיקער כאַראַקטער פון זיין יאַגד, נאָר אַן אָפענער, שנעלער און חוצפּהדיקער אָנפאַל, באַגלייט, וואָרשיינלאַך, מיט אַ שרעקלאַך ריטשען און ברומען, כדי דער אָנפאַל זאָל וואָס שטאַרקער דערשרעקן דעם קרבן. ביי דעם ערשטן אומרוהיקן שפּרונג איז דער געטאָק*) אַריינגעפאַלן אין זומפּ איבער די אויערן. נאָך אַ פּאָר שפּרונגען—און ער איז געבליבן ליגן אָן כוחות אויפן שניי. פעקוואַם איז באַלד צוגעשפּרונגען צו אים, זיך איינגעגעסן אים אין האַלדז און גלייך געטויט אויפן אָרט. נאָך דעמדאָזיקן שטיקל אַרבעט האָט ער-

---

*) געטאָק—אויף אינדיאַניש אַ דאַמהירש.

זיך אַפּילו צוגעזעצט אויפן שניי, אַ ביסל צוגעוואַרט, ביז דער דאַמהירש האָט אויסגעהויכט זיין נשמה און האָט זיך אויפגעהערט צו באַוועגן, און ערשט דעמאָלט איז פּעקוואַם אַוועקגעלאָפן ווייטער, אַז מען דאַרף עסן דעם דאַמהירש—דאָס האָט ער, אפנים פאַרגעסן. ניזעל, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אויף אַ ווייטן מהלך פון פּעקוואַמען, האָט איגגאַנצען נישט געזען דידאָזיקע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אַזוי שנעל אָפּגעשפּילט, אָבער ער האָט ז' נאָכדעם גוט און אויפמערקזאַם איבערגעלייענט אויף די שפּורן' וואָס זיינען פאַרבליבן אויפן שניי...

פּעקוואַם, ווידער, האָט זיך אומגעקערט צוריק און נישט-געאיילט, אָן שום זאָרג, איז ער אַוועק אין די בערג. איצט האָט ער זיך גאָרנישט געסטאַרעט צו פאַרבאָרגן און פאַרפּלאָנטערן זיינע שפּורן, ווי ער האָט עס אַזוי געשיקט און קלוג געטאָן אַ גאַנצן טאָג. ער איז באַלד אַריינגעקראָכן אין דעם ערשטן בעסטן אויסגעהוילטן בוים, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן ליגן אויפן וועג און זיך אַנידערגעלייגט פּאָפן, ווי אַ דערהרגעטער. אָבער ניזעל האָט אים געפונען און האָט אָן שום מי אים געטויט. זיין פּעלכל האָט ער אַראָפּגעשונדן אַקוראַט אין יענעם אָרט, וואו עס איז געלעגן דער דאַמהירש, וואָס איז שוין פאַרגליווערט געוואָרן.

אין דער רציחה פונם דאַמהירש איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דאָס, וואָס פּעקוואַם האָט באַלד געמאַכט פּליטה און גאָרנישט געפּרובט דאָס באַטעמטע פלייש פון זיין קרבן. נאָך פריער האָט ער געטויט אַ דאַמהירש און זיך אָנגעפרעסן איבער די כוחות, און איצט, אַז דער שונא האָט אים פאַרפאָלגט, האָט ער בעסער געוואָלט האָבן אַ לייכטערן מאָגן, ער זאָל זיך קאָנען וואָס שנעלער באַוועגן. נאָך אַזאַ רייכן מיטאָג, וואָס ער האָט היינט געהאַט, האָט זיך אים זייער געוואָלט שלאָפן. נאָך אַ זאַטן מיטאָג קאָן ער בכלל שלאָפן גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד אין זיין אויס-

געהוילטן בוים. אָבער דער פֿאַרגאָלגער איז נישט אָפּגעטראָטן און האָט אים שרעקלאַך דערעסן, און דעריבער האָט ער זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף דעם באַטעמטן דאַמהירש, וואָס ער האָט לויפֿנדיק אַוועקגעלייגט. צי לאָזט זיך אָבער דערקלערן פּעק-וואַמס רציחה בלויז מיט אכזריות און בלוטדורשטיקייט? אויב דאָס זאָל טאַקי זיין אַזוי, טאָ מיט וואָס דערקלערט מען זיין וויטערדיקע זאָרגלאָזיקייט און זיין לייגן זיך שלאָפֿן אָן שום פֿאָרזיכטסמיטלען? לויט זיין טבע איז ער גאָרנישט ענלאַך צו זיין קרוב—דעם שנייוויזעלע, וואָס איז אַפֿילו שנעלער פֿאַר אים, דערפֿאַר אָבער בלוטדורשטיקער. יענער, אַ שטייגער, האָט ליב רציחה צוליב רציחה. ער האָט ליב, אַז עס גיסט זיך בלוט, הגם ער וויל גאָרנישט געניסן פֿון דעמדאָזיקן בלוט. פּעקוואַם איז בטבע גאָר אַן אַנדערער. אויף יאַגד גייט ער גאָר דעמאָלט, ווען ער איז הונגעריק, און אויב ער פּאַקט אַ גרויסע חיה און קאָן זי נישט אויפֿעסן פֿאַר אַ מאָל, לאָזט ער זיך איבער די שיריים אויף שפּעטער. נישט עסן די שיריים און טויטן בעסער אַן אַנדער חיה,—דאָס טוט ער נישט.

דידאָזיקע רעיונות האָבן זיך מיר כסדר אַרומגעפּלאָנטערט אין קאָפּ, און דער אינדיאַנער האָט אַפּיטו איינגעפּונען, אַז איך בין נישט שלעכט באַקאַנט מיט פּעקוואַמען.

צולעצט, אָבער האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן:

„מיין ליבער גיוֹעל, איך וועל אייך שטעלן אַ לעצטע קשיא: צו וואָס האָט פּעקוואַם געטויט דעם צווייטן דאַמהירש?"

און דער אינדיאַנער האָט געענטפֿערט:

„גאָר פּשוט; ער האָט געמיינט, אַז דער אינדיאַנער איז הונגע-ריק און דעריבער האָט ער עס געטאָן..."

אָבער אַז ער האָט דערזען, אַז זיינע ווערטער קלינגען מיר עט-וואָס משונה, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

„ווי מיינט איר, צו וואָס איז פּעקוואָס נאָכגעגאַנגען נאָך די שפּורן פון דאַמהירש, ווי איך בין אַ גאַנצן טאָג נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע שפּורן? דערפאַר, ווייל ער איז געווען הונגעריק און האָט געוואָלט אַ שטיקל פלייש. נו, גייט ער, גייט ער—צאָפּ-צאַ-ראַפּ! געפּאַקט אַ דאַמהירש און שוין אויפן אָרט געפּראַוועט אַ סעודה. זיך אָנגעפּרעסן ווי געהעריק, אַזוי, אַז די זייטן שפּאַרן-אַרויס, זוכט ער שוין מער נישט קיין דאַמהירשן און לייגט זיך בעסער שלאָפן. אָבער איך טו דאָס אייגענע, וואָס פּעקוואָס. פּעק-וואָס זוכט אַ הירש, איך זוך פּעקוואָמען. וואָס-זשע טוט ער? באַהאַלט ער זיך, שפּרינגט-אַרום, קלעטערט אויף ביימער, פאַר-גראָבט זיך אין שניי און מאַכט זיך אַ וועג אונטער דער ערד. וואָס מיינט ער דערמיט? ער וויל אָפּנאַרן דעם אינדיאַנער. אָבער דער אינדיאַנער לאָזט אים נישט אָפּ. וואוהין פּעקוואָס גייט, גייט דער אינדיאַנער. גייט פּעקוואָס אַהער, גייט דער אינדיאַנער אַהער. גייט פּעקוואָס אַהין, גייט דער אינדיאַנער אַהין. נו, פאַלט-איין פּעקוואָמען אַ רעיון: „דער אינדיאַנער איז מסתמא הונגעריק. ער וויל אויך אַ שטיקל פלייש. ער קאָן נאָך אודאי מיך אויפעסן". דערהרגעט ער דעם דאַמהירש און טראַכט בעת-מעשה: „איצט קאָן דער אינדיאַנער זיך גוט אָנפּרעסן מיטן פלייש פון דאַמהירש, וועט ער שוין גיין אַהיים און מיך וועט ער לאָזן צורו".

דידאָזיקע דערקלערונג, וואָס זעט-אויס עטוואָס פאַנטאַסטיש, אַנט-האַלט אָבער אין זיך אַ שטיק אמת, און אַזוי ווי איך ווייס נישט קיין בעסערע באַלייכטונג פון דערדאָזיקער פראַגע, בריינג איך זי דאָ מיט אַ ריינעם געוויסן.

אין עטליכע יאָר אַרום האָב אַ פרעג געטאָן ביי איינעם אַ גע-ביטן יעגער, ווי פאַרשטייט ער, אַ שטייגער, פּעקוואָס האַנדלונג, און הגם דערדאָזיקער מאַן האָט געוואוינט אין אַן אַנדער לאַנד

און קלימאַט, דאָך האָט ער מיר געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס ניועל האָט געזאָגט.

„פאַרשטייט איר מיך,—האָט ער זיך אָנגערופן,--די שוואַרצע קאַץ*) האָט אויף איר שטייגער, וואַרשיינלאַך, פאַרשטאַנען אָדער גע-פילט, אַז אויב זי וועט נישט אָנרירן דעם געטויטן דאַמהירש, וועט זי דערמיט צופרידנשטעלן איר פאַרפאָלגער און ער וועט איר לאָזן צורו".

אָבער אין עטלאַכע טעג אַרום האָב איך אַליין געהאַט אַ מעג-לאַכקייט זיך איבערצוצייגן דערין. איך האָב מיך באַזעצט ביים אינדיאַנער און האָב מיך געטענטלט מיט אים אַרום די אויסגע-שטעלטע פאַסטקעס און קאַפקאַנעס אָדער איך האָב מיך געלאָזט אַליין אין וואַלד אַריין און נאָכגעקוקט דאָרט די פאַרשידענע שפּורן פון חיות.

ניועל האָט געהאַט אויסגעשטעלט אַ גאַנצע שורה פאַסטקעס פאַר מאַרדערס, וואָס האָט זיך געצויגן לייגגאויס דעם באַרג אויף אַ שטח פון צען וויאָרסט. די שורה האָט איבערגעשניטן דעם טייך און זיך באַכדעם געצויגן צוריק צום ברעג. דערביי האָט ער צונויפגעשלאָגן אַ הייזל פון ברעטער, וואו מיר האָבן זיך געקאָנט באַשיצן אין אַ שניישטורם אָדער אין אַ פינסטערער נאַכט.

די פאַסטקעס זענען געלעגן אין אַ געוויסן סדר אָפּגערוקט פון איינאַנדער און זיינען געמאַכט געוואָרן פון דראָט און שטיינער. אינווייניק האָט מען אַריינגעלייגט אַ שטיקל פלייש אָדער פיש. איבער דער שמאָלער פאַסטקע-טיר איז געהאָנגען אַ קלאָץ מיט אַ שווערער משא, און עס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז קוים רירט זיך נאָר צו די חיה צום פלייש, פאַלט איר אַרויף דער

---

*) אזוי הייסט ביי זיי פעקוואַס.

קלאָץ און בּרעכט איר איבּער דעם רוקן. בּשעת ניועל איז גע-
גאַנגען קאָנטראָלירן די פּאַסטקעס, האָט ער עפּטער מיטגענומען
אַ פּאָר צופּליקטע מאַשוסמייז און זיי געשלעפּט אויף אַ שטריקל
איבּערן שניי. אַזויאַרום האָט ער אויסגעלייגט אַ לאַנג שמע-
קעדיק שטעגל, וואָס האָט שטאַרק צוגעצויגן די חיות.

איינמאָל איז אַ גרויסער פּעקוואַם אַריינגעפאַלן אין דער ליניע
פון די פּאַסטקעס און האָט צושטערט אַ גרויסן טייל פּאַסטקעס.
אין פּאַסטקע פלעגט ער אַריינדרינגען אויף צווייערליי אופנים:
אָדער ער פלעגט צעשטערן איר הינטערשטן טייל אָדער ער
פלעגט פאָרזיכטיק אַריבּערשפּרינגען די קלאָץ פון פאָרנט. אויפ-
געגעסן דאָס פליישׁ אין איין פּאַסטקע, פלעגט ער זיך רוהיק
אַריינגיין אין דער צווייטער און אַזוי כּסדר. אין איין פּאַסט-
קע האָט ער געפּאַקט אַ מאַרדער, וואָס האָט דאָרט געפונען זיין
טויט, האָט ער אים אויך אויפגעפרעסן. אַזוי האָט זיך עס גע-
צויגן כּמעט אַ גאַנץ חודש צייט. פון די פּאַסטקעס האָבּן מיר
יעדן טאָג געהאַט אַ מאַרדער, וואָס זיין פעל קאָסט זייער טייער,
אָבּער זינט פּעקוואַם האָט זיך אַריינגעמישט אין אונזער מלוכה,
האָבּן מיר געהאַט צובּראָכענע פּאַסטקעס, דאָס פליישׁ אויפגע-
פרעסן און אַפילו דער פּאַסטקע-קרבּן איז אויך פאַרצוקט גע-
וואָרן. ניועל האָט אַפילו פאַרלייגט פאַרשידענע נעצן אַרום די
פּאַסטקעס, כּדי דער מזיק זאָל אַריינפאַלן צו אונז אין די הענט
אַריין און זאָל זיך בּאַצאָלן מיט זיין לעבּן. אָבּער עס האָט גאָר-
נישט געהאָלפן. ער איז געווען קליגער פאַר אונזערע נעצן און
מיר האָבּן קיין שום עצה נישט געהאַט צו אים. וועגן דעם, אַז
מען זאָל אים כאַפּן—האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין:
גיי פּרובּ כאַפּן דעם אייגענעם שאָטן...

נאָך אַ לאַנגן טראַכטן און קלערן האָבּ איך אויסגעאַרבּעט אַזאַ
פּלאַן: בּיי די טירן פון יענע פּאַסטקעס, וואוהין פּעקוואַם קומט

עפטער צוגאַסט, זאָל מען אַריינגראָבן אין דער ערד עטלאַכע שטאָלענע פּאַסטקעס און פון אויבן פאַרשיטן מיט שניי. די קלע-צער פון די אַלטע פּאַסטקעס באַדאַרף מען איינגאַנצן פּאַראַלי-ליזירן און אַזוי־אַרום גורם זיין פּעקוואַמען, אַז ער איז קליגער פון אונז, אַז מיר האָבן צו אים קיין שום עצה נישט און אַז מיר ווילן שוין מער נישט האַלטן אין אָרדנונג די פּאַסטקעס, ווייל עס איז אומזיסט די אַרבעט. פון די עטלאַכע שטאָלענע פּאַסטקעס, וואָס מיר וועלן אַריינגראָבן אין דער ערד, וועט פונק-ציאָנירן בלויז די מיטלסטע, די זייטיקע—נישט. דער חשבון איז געווען אַזאַ: פּעקוואַם וועט פריער, נאַטירלאַך, צוגיין צו דער זייטיקער פּאַסטקע און וועט זי, ווי זיין טבע איז, באַלד דער-שמעקן. וועט ער זי, אויך ווי זיין טבע איז, פּאַוואָליע אַ פּרוב טאָן, צי עס שטעקט אין איר נישט עפּיס אַ סכנה, אָבער אַז ער וועט איינזען, אַז קיין שום סכנה שטעקט דאָ נישט, וועט ער שוין די מיטלסטע נישט פּרובן און אַזוי־אַרום אַריינפאַלן מיט זיין קלוגן קאָפּ און געשיקטע פיס גלייך צו אונז אין די הענט אַריין.

אויסערדעם, האָבן מיר צוגעטראַכט נאָך אַ מין פּאַסטקע. מיר האָבן גענומען אַ שטעקן, צוגעבונדן צו איין עק אַ טויט קעניגל און דעם צווייטן עק אַריינגעשטעקט אין אַ צופוילטן קאָרטש. אַ שטיק שטח אַרום דעם קאָרטש האָבן מיר פאַרשטעלט מיט שאַרפע שפּיציקע שפּענער, אַזוי, אַז פּעקוואַם האָט געקאָנט צוקומען צום קאָרטש בלויז דורך איין וועגעלע, וואָס מיר האָבן אים געלאָזט אָפן. אָבער אויף דעמדאָזיקן וועגעלע האָבן מיר אָוועקגעשטעלט אַ שטאָלענע קלאַפּפּאַסטקעלע און זי גוט באַדעקט מיט שניי. אויפן קאָרטש, ווידער, האָבן מיר אָוועקגעשטעלט אַ צווייטע שטאָלענע פּאַסטקע, וואָס האָט אומבאַדינגט געמוזט פאַרהאַלטן פּעקוואַמען, ווען ער וועט זיך נאָר צורירן צום שטעקן מיטן קעניגל. דערצו

האָבן מיר גוט אויסגעוועלגערט דעם גאַנצן אָרט מיט צוויי טויטע מאַשוסמייז, וואָס דער ריח פון זיי האָט אים באַדאַרפט שלאָגן אין נאָז אַריין נאָך אויף אַ רעכטן מהלך פונדאַנען.

פאַר דער נאַכט איז אַרויסגעפאַלן אַ קליינער שניי און האָט לחלוטין פאַרבאָרגן אַלע שפורן פון אונזער אָנגעשטרייגטער אַרבעט.

צוויי טעג זייגען אַוועק און מיר האָבן געקאָנט איבערלייענען זייער אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג. פעקוואַם איז, ווי אַלעמאָל, געקומען אויף דעם אָרט פון די פאַסטקעס. אַ שמעקער האָט ער דאָך אַ גוטן, האָט ער באַלד דערשנאַפּט, אַז פון אויבן אין דער ערד ליגט עפּיס גאָר אַ נייער אומבאַקאַנטער אַרטיקל. האָט ער זיך גענומען פאַוואָליע און מיט גרויס שׂכל צו דער אַרבעט. אַ מאָל צען איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום דער פאַסטקע און פאָרזיכטיק גערוקט די נאָז אין שפּאַלט. נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעשאַרט דעם שניי, וואָס האָט אים געשטערט צו דער ערנסטער אויספאָרשונג און זיך גענומען פעסט צו דער מאַשינקע. קודם האָט ער זי לייכט אַ טאַפּ געטאָן מיט דער לאַפּע—פון איין זייט און פון אַ צווייטער זייט. עס איז שטיל. אַז דאָס זאָל וועלן טאָן אַ רעה, זעט מען עפּיס נישט. האָט ער זי גענומען אַ ביסל אומשאָקלען און אומוויגן—ווידער דאָס אייגענע: קיין שום רעה זעט זיך דאָ נישט אַרויס. דעמאָלט האָט ער שוין גענומען שלעפּן די קייט. געשלעפּט אַהער, געשלעפּט אַהין—די קייט שווייגט. האָט ער באַשלאָסן, אַז ער קאָן אַריין אין פאַסטקע און האָט אַזוי געטאָן. פאַר דערדאָזיקער אויספאָרשונג האָט ער דאָרט געפונען אַ פיין שטיקל פעט פלייש, אָפּגעגעסן און זיך גוט אַרומגעלעקט, איז ער מיט אַ פריילאַך געמיט אַוועק צו דער צווייטער פאַסטקע. דאָ האָט מען שוין, קענטיק, קיין אויספאָרשונג נישט באַדאַרפט, דאָס שטאָלענע מאַשינדל מיט דער קייט האָט אים שוין

ווייניק אינטערעסירט און—ער איז אַריין אין פּאַסטקע, פון וועל-
כער ער איז שוין קיינמאָל נישט אַרויס... דאָס צווייטע שטאָ-
לענע מאַשינדל האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אים און ער האָט זיך
באַצאָלט מיטן לעבן.
פּעקוואַם איז זייער קלוג, דער מענטש איז אָבער פאַרט קליגער...

אַ סך בעסער פון דעמדאָזיקן מין יאַגד, וואָס איז דאָך נישט
זייער אַנגענעם פאַר דעם געוויסן, איז—אַוועקלאָזן זיך אין טיפן
וואַלד אַריין און נאָכגיין נאָך די שפּורן פון דעם זשוואַוון וואַלד-
שאָטן, און זען ווי ער לעבט און זען וואָס ער עסט און וואו
ער שלאָפט, און קומען נאָכדעם, ווי עס פאַלט-צו דער אָוונט,
אַהיים, און דאָרט, אינדערהיים, ביי דעם פריילאַכן פייער אין
אויוון, פאַרגלייכן די אייגענע איינדרוקן מיט ניועלס באַאָבאַכ-
טונגען און פאַר איינגוועגס בעטן, ער זאָל מיר דערקלערן דאָס,
וואָס איך פאַרשטיי נישט.
פּעקוואַם, ווי עס שיינט, האַלט נישט ביי זיך די קינדער אַ
גאַנץווינטער, ווי דאָס טוען כמעט אַלע חיות. דער דאַמהירש,
אַ שטייגער, פירט זיך אַרום מיט זיינע קינדער סאַמע ביז פרי-
לינג. ער שלאָגט זיי דורך אַ וועג דורך די טיפע שנייען, זוכט-
אויס דאָס בעסטע עסן פאַר זיי, היט זיי אויס פון סכנות און
לערנט זיי דאָס, וואָס אַ דאַמהירש מוז און דאַרף וויסן און קאָ-
נען. דער יאַגד אויף דאַמהירשן האָט טיילמאָל דעריבער זייער
טרויעריקע פאָלגן, ווייל קוים דערהרגעט מען די מוטער, פאַר-
בלייבן די קינדער אָן אַ וועגווייזער, און אויב זיי טשעפּען זיך
נישט צו צו אַן אַנדער דאַמהירשין, נאָכגייענדיג איר טריט ביי
טריט, ביז זי איז זיך מרחם איבער זיי, שטאַרבן זיי אויס פון
הונגער אין די טיפע קאַלטע שנייען.
אָבער פּעקוואַם, ווי די אַלע מינים פון זיין משפחה, צייכנט

זיך, קענטיק, נישט אויס מיט גרויס ליבע צו זיינע קינדער. באַלד ווי עס ענדיקט זיך דער הערבסט, לאָזט ער זיי איבער אויף זייער אייגענעם גורל און מער וויל ער נישט וויסן פון זיי. און די קינדער, וואָס זיינען געצוואונגען צו פירן אַ זעלב־שטענדיק לעבן, פאַסן זיך ווי־עס־איז צו צו די שווערע באַדינ־גונגען פונם ווינטערוואַלד.

אויב אָבער דער הונגער איז אַזוי גרויס, אַז ער איז שטאַרקער פון דער מעגלאַכקייט צו קריגן עפּיס עסן, האָבן די קינדער אַן אַנדער תּרופה: זיי זוכן־אָפּ די שפּורן פון דער מוטער און גייען איר נאָך אויף אַ געוויסן מהלך. פון דער מאַמען בלייבט שטענ־דיק אַ ביינדל אָדער אַ שטיקל פלייש אויפן וועג, נערט מען זיך דערמיט, און אַזוי־אַרום שטילט מען דעם הונגער.

פּעקוואַם האָט אָבער שטילע נאָכגייער, אויסער זיינע אייגענע קינדער. עס גייט אים נאָך דער פוקס, וואָס איז שטענדיק און אַלעמאָל טויטהונגעריק.

פרילינגצייט, בשעת דער פוקס איז באַזונדערס הונגעריק און פרעסיק, לאָזט ער נישט אָפּ פּעקוואַמען אויף קיין איין מינוט. פּעקוואַם איז דעמאָלט שטאַרק אַריינגעטאָן אינם יאָגד אויף דאַמ־הירשן, און נישט ווייניקער פון דריי פוקסן־שאָטנס באַגלייטן אים ביי דער אַרבעט. נאָך זיין רחבותדיקער סעודה וואַרפן זיי זיך אַרויף אויף די שיריים און פרעסן אַלץ אויף. פּעקוואַם פאַר־גראָבט זעלטן זיין רויב.

אויב דער אָרט איז אַ שטילער און קיין מענטשן זעט מען נישט, לייגט ער זיך אַוועק שלאָפן אין אַ דערבייאיקן בוים, נישט ווייט פון די שיריים. זיין שלאָף איז אָבער נישט קיין רוהיקער, ווייל עפּטער מוז ער אַרויסשפרינגען פון בוים און פאַרטרייבן די פרע־סיקע קבצנים, די פוקסן, וואָס וואָלטן אים זיכער נישט איבער־געלאָזט קיין איין ביינדעלע פון זיין גאַנצן רויב.

נישט זעלטן קאָן אייך דער שניי איבערגעבן אַ גאַנצן באַריכט וועגן דעם, ווי אַזוי פּעקוואַם האָט געוואַכט און געהיט זיין רויב פון די פרעמדע פרעסערס, וואָס זיינען געקומען זיך לאָזן וואוילגיין אויף זיין חשבון. דער שלאָף קלעפּט אים אַפילו די אויגן, דער פולער מאָגן צוגיסט אַ פוילקייט אין די ביינער, אָבער פּעקוואַם איז זיך גובר און היט ווי אַ זעלנער זיין רויב.

אויב אָבער צו די שיריים רוקט זיך צו מיט גרויס הכנעה אַ שאָטן פון אַ יונגן פּעקוואַם, מאַכט זיך דער ערשטער נישט זעענדיק און לאָזט אים געניסן פון דער סעודה. פאַר אייגן בלוט מאַכט ער אַן אויסנאַם, קיין פרעמדע וויל ער אָבער נישט דער־לאָזן. ער וויל נישט אַרבעטן פאַר פרעמדע מיילער.

די עלטערע חיות פון דעמדאָזיקן מין האָבן ליב איינזאַמקייט. יעדער אַרבעט פאַר זיך אויף אַ געוויסן שטח לאַנד. זייער זעלטן טרעפט עס, אַז אַ צווייטער פּעקוואַם, געטריבן פון פיינלאַכן הונ־גער, זאָל זיך אַריינכאַפּן אינם יאַגד־שטח פון זיין שכן. אָבער די יונגע פּעקוואַמלאַך, וואָס האָבן נאָך דערווייל נישט אויסגע־ווילט קיין באַשטימטע ערטער פאַר נאָרעס און יאַגד, בלאָנקען־אַרום, וואו עס פאַלט זיי איין. פּעקוואַם אָנדערקענט עס, ווי עס איז לייכט צו זען לויט די שפּורן אויפן שניי. ער האָט, קענטיק, גאָרנישט געגן דעם, אַז זיינע יונגע ברידער זאָלן זיך לאָזן וואוילגיין מיט די שיריים פון זיין סעודה.

אָבער אַז עס קומען די פוקסן, ענדערט זיך די לאַגע. פּעקוואַם עסט מעשה־שררה און זיי זעצן זיך אויס אין אַ קרייז, מיט די עקן אונטער זיך, און ציילן אים דעם ביסן אין מויל. בעת־מעשה ציען זיי מיט די שאַרפע נעזלאַך, צאַפּלען זיך פון באַטעמטן ריח, וואָס טראָגט זיך פון פּעקוואַמס סעודה, גענעצן פון הונגער, עפענען און פאַרמאַכן די דינגעריקע פּיסקעס און קלאַפּן מיט די שאַרפע ציין.

דאָס זיינען אייגנטלאַך מאוסע אָרימע לייט און בעטלער, אָבער דאָס זיינען אויך שנעלפיסיקע באַנדיטן, רויבער, וואָס באַגלייטן פעקוואַמען אינאייינעם מיט אַ הונגעריקער קראָען-מחנה, ווי דער הייפיש ווערט באַגלייט אין ים פון אַ מיינגע נאָכשלעפער, וואָס וואַרטן אויף די ברעקלאַך פון רייכן טיש. דידאָזיקע נישט-געוואַרטן שטילטע פיסקעס, וואָס רוקן זיך אַרויס פון אַלע אַרומיקע ווען און אַלע זייטיקע שטעגן, פון אַלע וועלדער און היילן, בערג און טאָלן, בעטלען אַ חלק, מאַכן אַן אָנשטעל פון גרויסע אביונים און יעדן באַטעמטן ריח נעמען זיי אַן ווי אַ מין איינלאַדונג.

דער הונגעריקער פוקסנקרייז, וואָס ווייס לחלוטין נישט פון אַמביציע, זיצט און שווייגט און וואַרט, אָבער איינער זעצט זיך הינטער דעם גליקלאַכן באַלעבאָס פונם מאָלצייט און האַקט, אַ בייזער, מיט די קינבאַקן. אויב דער מאָלצייט דויערט שוין זייער לאַנג, הויבן זיך אויף די פוקסן, ווי די שאָטנס, ציען-איין די מאָגנס, בלאָזן מיט די נאָזלעכער און גענעצן פון הונגער און אומגעדולט, און גיבן צו שפירן דעם באַלעבאָס, אַז עס איז שוין צייט, ער זאָל ענדיקן. עפּיס מאַכט ער צו-לאַנגע שהיות. דאָס קוקן אים אין מויל אַריין, דאָס ציילן אים דעם ביסן און איבערהויפט דאָס געגעצן וואַרפט-אַריין פעקוואַמען אין אַ מוראַדיקן גרימצאָרן. דער ביין שטעלט זיך אים אין האַלז פון כעס. די אויגן גיסן זיך אים אָן מיט בלוט. וואַרפט ער זיך אויף דעם נאָענטסטן פוקס. אָבער דער פוקס מאַכט זיך גאָרנישט דערפון. קאָקעטיש שפרינגט ער אָפּ און אַנטלויפט און פעקוואַם בלייבט אָנמעכטיק, וואָרום וויפיל ער זאָל אים נישט יאָגן, וועט ער אים קיינמאָל נישט דעריאָגן, און דער פוקס מאַכט נאָך חוזק פון אים. אַלע ווײלע קערט ער זיך אָפּ מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זאָגן:

„לויף, לויף, איך לאַך פון דיר...“

לויפט פּעקוואַם צוריק הענדום-פּענדום, וואָרום ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט דאָס רויב אָן אַ שמירה און די פוקסן וועלן שוין מאַכן אַ תכלית פון אים.

און פּעקוואַם האָט זיך טאַקי נישט אומזיסט געאײַלט. פאַר דער צײַט, וואָס ער איז נאָכגעלאָפן נאָכן פוקס, זײַנען די איבעריקע צוגעפאַלן צום רײַכן טיש און גרויסע שטיקער פלייש געשלונגען מיט אײַן אָטעם. מען האָט גאָרנישט געקײַט, נאָר געריסן און — געשלונגען. דערזען דעם באַלעבאָס, מאַכט מען פליטה און ווי־דעראַמאָל באַווײַזט זיך דער ערשטער פוקס מיט די קנאַקנדיקע קינבאַקן. די סצענע חזרט זיך איבער פון דאָסניי, אָבער עס ענ־דיקט זיך אַלעמאָל דערמיט: פּעקוואַם שטעלט זיך אַוועק מיט ביידע לאַפּעס אויף זײַן רויב און מיט צאַפּלענדיקן גרימצאָרן צעמט ער שפּײַען אויף די בעטלער, וואָס ווילן בשום־אופן נישט אָפּטרעטן...

נאָכדעם נעמט ער זיך ווידער צום עסן און קוקט שוין נישט מער אויף די פוקסן. זיי זײַנען אים נמאס געוואָרן. די פוקסן, ווידער, זיצן און גענעצן. אין דער בהלה האָט יעדער פון זיי געכאַפּט אַ שטיקל פלייש און דער הונגער פּײַניקט שוין נישט אַזוי. מען קאָן שוין רוהיקער וואַרטן. דאָך הויבט מען זיך אויף ווײַלעווײַז און מען דרייט זיך אַרום אים ווי שאָטנס, מיט גע־נעצנדיקע פּיסקעס.

צולעצט פילט שוין פּעקוואַם, אַז ער קאָן שוין מער נישט עסן. די זײַטן פּלאַצן אים פון זאַטקייט. דאָך קווייקלט ער זיך און ווייס נישט וואָס צו טאָן. אַ שאָד צו לאָזן אַזוינע רײַכע שיריים פאַר דידאָזיקע אומגעבעטענע פרעסער. אָבער שלאָפן ווילט זיך שרעקלאַך. לייגט ער זיך דערווייל בײַ דעם גוף פון זײַן רויב. קאָן ער אָבער לאַנג דאָ נישט שלאָפן. עס ציט צו אַן אויסגע־

הוילטן בוים, וואו עס ווערט באַלד וואַרים פון דעם אייגענעם פעל און פון אָטעם און וואו מען קאָן זיך פאַרבאָרגן פון אַ פרעמדן אויג, ליגט ער און קווייקלט זיך, ביז ער הויבט זיך אויף און שפרייזט-אַוועק צו אַ באַקאַנטן אויסגעהוילטן בוים.

דערהען, אַז דער באַלעבאָס איז אַוועק, ווערט אַ בהלה ביי די בוקסן. דער עולם בעטלער און באַנדיטן נעמט פרעסן אויף דער גיך מיט אַלע ציין. פעקוואַם אָבער, וואָס ליגט ערגעץ נישט ווייט אינם אויסגעהוילטן בוים און הערט זיך צו, ווי מען לאָזט זיך דאָס וואוילגיין אויף זיין חשבון, קאָן בשום-אופן נישט צו-מאַכן מיט אַן אויג. דער פאַרדראָס וואַקסט פון מינוט צו מינוט. דאָס בלוט קאָכט אין אים, ווי ביי אַ גזלן, שפּרינגט ער אַרויס און צוטרייבט די געמיינע חברהלייט מיט אַ שאַרפן קריצן מיט די ציין. די פוקסן צולויפן זיך, אָבער יעדער פון זיי ווייס, אַז באַלד וועט פעקוואַם ווידעראַמאָל אַריינקריכן אין זיין אויסגע-הוילטן בוים און דעמאָלט וועט מען זיכער קאָנען מאַכן אַ סוף מיט די עטלאַכע ביינער, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן...

אַזוי שפּילט זיך אָפּ דידאָזיקע קליינע קאָמעדיע און יעדער אַק-טיאָר פאַרשרייבט זיין ראָל אויפן שניי, אַזוי, אַז מען קאָן זי זייער לייכט אַדורכליינען, דידאָזיקע קאָמעדיע האָט שטענדיק איין און דעמזעלבן סוף: פעקוואַם דרייט זיך צונויף, ווי אַ בויגל, אין בוים און שלאָפט-איין, לכתחילה איז דער שלאָף זייער אַן אומ-רוהיקער. עטלאַכע מאָל מוז ער נאָך אַרויסלויפן פון בוים און צוטרייבן די פרעסערס, וואָס האָבן איצט זאַטע מאָגנס און וואָס לאַכן אים אויס: זיי האָבן שוין סיי-ווי-סיי פאַרענדיקט אַפילו מיט דעם לעצטן ביין, פעקוואַמען איז שוין דעריבער אַלצ-איינס, וואָס צו היטן איז שוין נישטאָ, קריכט ער פון דאָסניי אַריין אין בוים, דרייט זיך צונויף ווי אַ בויגל און שלאָפט-איין מיט אַ טיפן רוהיקן האַרטן שלאָף

עס איז גאַנץ מעגלאַך, אַז דידאָזיקע הונגעריקע גנבים—איך ווייס נישט, צי עס פּאַסט דערדאָזיקער נאָמען פאַר אַ חיה, וואָס איז הונגעריק און זוכט עסן—צווינגען פּעקוואַמען, ער זאָל איבערלאָזן ביי זיין רויב אַ צייכן, אַז דאָס איז זיין אייגנטום. איינמאָל האָב איך געפונען אַ שטעכלשוויין, וואָס פּעקוואַם האָט געטויט און אויפגעגעסן ביז אַ העלפט פון אים. אָבער אָנשטאָט צו פאַרגראָבן אין שניי די שיריים פון זיין סעודה, האָט ער בלויז געמאַכט אַ קרייז אַרום דעם. אַ פינף-זעקס מאָל איז ער אַדורכגעלאָפן אַרום דעם האַלבן שטעכלשוויין און אַזוי־אַרום באַשטימט אַ גרענעץ, וואָס קיינער טאָר זי נישט אַריבערגיין. מיר איז דעמאָלט איינגעפאַלן — אויך איצט ווייזט מיר אויס, אַז דאָס איז ריכטיק,—אַז דאָס איז געווען אַ יונגער פּעקוואַם, וואָס האָט מיט די קרייזן אויפן שניי געוואָלט מתרה-זיין די וואַלד־פאַרצוקערס, אַז זיי זאָלן געדיינקען, מיט וועמען זיי הויבן זיך אָן...

זיינע אַלע חכמות און קונצשטיק ווייזט פּעקוואַם באַזונדערס אַרויס אינם יאַגד אויף די שטעכלשוויינען.

אונק-וואונק*) געהערט אויך צו די גרויסע וואַלדרעטענישן, וואָס האָבן נאָך ביז היינט נישט געפונען קיין באַשייד. ביי זיין גאַנצער נאַרישקייט און אומגעלומפּערטקייט איז ער אָבער שטענדיק זאַט און ווייס גאָרנישט פון הונגער-יסורים, ווי די אַלע אַנדערע חיות. ער איז אַלע מאָל פעט און דיק, בשעת די שטאַרקע און געשיקטע וואַלד-חיות שלעפן זיך אַרום, ווי שאָטנס און מער ווי הויט און ביין זעט מען נישט אויף זיי. זיין פאַנצער פון שאַרפע שטעכעדיקע האָר באַשיצט אים פון זיינע שונאים.

---

*) אונק-וואונק—אויף אינדיאַניש שטעכלשוויין.

דער פוקס, די גרויסע סאָווע און דער לוקס באַפאַלן אים טייל-מאָל אין אַ צייט פון גרויסער נויט און הונגער, ווען עס איז נישטאָ קיין שום אַנדער שפייז אין וואַלד. עס איז אָבער אַ מורא זיך אָנצוהויבן מיט אים. ער שטעכט ווי מיט נאָדלען, און איידער מען לייגט אים אַוועק, פאַלט מען שיער אַליין נישט אום פון זיינע נאָדלען, וואָס קריכן דעם אָנפאַלער אין מויל און אין די אויגן און אין בויך און אין די זייטן... אָבער פון גאַנצן וואַלד ווייס נאָר איין פּעקוואַם אַליין, ווי אַזוי צו באַפאַלן דעם שטעכלשווין און דערביי נישט צו כאַפּן קיין איין שטאָך פון דעמדאָזיקן שוטה. די יעגערס, וואָס האָבן געשונדן פּעקוואַמס פעל, האָבן זעלטן געפונען אַ נאָד לדערין, אָבער די פעלן פון די פוקסן און לוקסן, וואָס ווערן געשונדן סוף ווינטער, באַווייזן קלאָר, ווי האַרב און פיינלאַך זיי זיינען באַשטראָפט געוואָרן פאַר וועלן שטילן דעם הונגער מיטן פלייש פון אַ שטעכלשווין.

ערשט שפּעטער בין איך דערגאַנגען דעם סוד פון פּעקוואַמס ערפאָלג. איך האָב עס דייטלאַך אַרויסגעלייענט פון די אויסטערלישע צייכנס אויפן שניי. אומגעלומפּערט און שווער איז געלאָפן דער שטעכלשווין און נעבן אים איז געלאָפן פּעקוואַם. מיט איין שפּרונג האָט ער אַריבערגעיאָגט דעם שטעכלשווין און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט אים אויך נישט געלאָזט אַרויפקלעטערן אויף אַ בוים, ווייל פּעקוואַם האָט געוואוסט, אַז אויפן בוים איז דער שטעכלשווין שטאַרקער פון אים. דאָרט, אויפן בוים, שלאָגט ער מיטן עק, וואָס איז באַזייט מיט די שאַרפסטע נאָדלען. יעדער קלאַפּ פילט-אָן די גלידער מיט יסורים, ווי אַ קלאַפּ מיט טויזנט שפּיזן.

די צייכנס אויפן שניי האָבן באַוויזן, אַז דער שטעכלשווין האָט צוגעשפּאַרט דעם שטערן צו אַ בוים און אַזוי־אַרום פאַרהיט די מאָרדע זיינע, וואָס איז נישט באַשיצט מיט שטעכיקע האָר. די

מאָרדע איז דער סאַמע אומבאַשיצטער אָרט אין זיין קערפּער. קוים אָבער איז דערדאָזיקער אָרט פאַרשטעלט מיט אַ בוים, ווערט די חיה פערוואַנדלט אין אַ פעסטונג, צו וועלכער מען קאָן זיך בשום-אויפן נישט צוקריגן. וואו מען זאָל זיך נישט צורירן, באַקומט מען אַ שרעקלאַכן שטאָך, אַ שניט אין לייב, ווי מיט אַן אָנגעבּרענטן מעסער.

וואָס טוט פעקוואַם? ער פאַרגראָבּט זיך אונטערן שניי, קריכט-אַרונטער אונטער דער שטעכעדיקער פעסטונג און שטעקט-אַרויס נישט מער ווי אַ שפּיץ נאָז מיט אַ פּאָר ציין אַקוראַט אין יענעם אָרט, וואו עס געפינט זיך דעם שטעכלשווינס האַלז. עס געדויערט בלויז איין רגע און דידאָזיקע ציין שניידן זיך אַריין פון אונטן אינם האַלז. איצט מעג דער שטעכלשוויין קלאַפּן מיטן עק און שטעכן מיט די זייטן, וויפיל ער וויל, ווייל מער ווי די לופט וועט דערפון נישט ליידן. ווארום פעקוואַם אַליין ליגט גוט באַשיצט אונטערן שניי און זיינע ציין זויגן זיך אַלץ טיפער און טיפער אַריין אינם האַלז. אַט קאָנוואולסירט שוין דער נאַרישער שטעכלשוויין, וואָס האָט געמיינט, אַז קוים וועט ער צולייגן דעם שטערן צום בוים, וועט אים שוין קיינער נישט בייקומען, זיין לעצטער אָטעם פערנעבּלט עטוואָס די קאַלטע לופט און ער פאַלט-אַנידער. דעמאָלט קריכט פעקוואַם אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און נעמט זיך פאָרזיכטיק צו דער אַכילה... אָפּגעגעסן, באַלעקט ער זיך געמיטלאַך און גייט-אַוועק, איבערלאָזנדיק די שטעכעדיקע טיילן פאַר די בעטלער—די הונגעריקע פוקסן.

אַזוי האָט פעקוואַם אָפּגעאַרבעט זיין קונציק שטיקל אַרבעט איבער דעם געפערלאַכן שטעכלשוויין, פאַר וועלכן אַלע חיות האָבן אַזוי מורא.

פעקוואַם געהערט בכלל נישט צו יענע מינים חיות, וואָס ליידן עפּטער הונגער. דאָרט, וואו עס מערן זיך פעקוואַמס, ווערט אַלץ

קלענער און קלענער די צאָל פון די דאַמהירשן. דער פּעקוואַם
ווייס נישט פון שוועריקייטן, מגיעות. אַפילו אין דעם ערגסטן
חודש מערץ, בשעת אַלץ איז הונגעריק און שוואַך, איז ער גע-
זונט און זאַט. פון זאַטקייט שלאָפט ער עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד
אין זיין וואַרימען אויסגעהוילטן בוים.

יין גאַנץ לעבן ווערט דערציילט דורך די צייכנס אויפן שניי
און עס איז נישטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן, ווי צו לייענען
דידאָזיקע צייכנס... יענע צייט, ווען איך האָב געלייענט די דער-
ציילונגען פון פּעקוואַמס לעבן, האַלט איך פאַר זייער אַ גוטער
און אַן אָנגענעמער, און קיין שום יאַגד אין דער וועלט האָט
מיר נישט פאַרשאַפט אַזויפיל תענוג, ווי דאָס בלאָנקען צוזאַמען
מיט ניועלן אָן אַ שום יעגער-תכלית, הערן זיינע מעשיות און אין
דער אייגענער צייט לייענען די אייליקע מעשהלאַך פון פּעקוואַמס
קלוגע שפּורן. אָבער אַ גוטע מינוט דויערט נישט לאַנג. צוליב
מיינע באַשעפטיקונגען האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם אָרט. עס
איז מיר דאָך אַנגענעם צו טראַכטן, אַז דער אַלטער איינזאַמער
אינדיאַנער נויטיקט זיך אפשט אין זיין אויסטערלישן חבר, וואָס
אַז ער פלעגט אַוועקגיין אויף יאַגד, פלעגט ער עפטער איבער-
לאָזן דעם ביקס אינדערהיים, און דאָך, נישט-געקוקט דערויף,
פלעגט ער אין אָוונט קומען אין דעם אינדיאַנערס הייזל אַ פריי-
לאַכער און אַ צופרידענער.

איצט איז די טיר, וואָס האָט געפירט אין דעמדאָזיקן הייזל,
אינגאַנצן אויפגעעפנט, און אינוויייניק איז גאָרנישט פאַראַן, אוי-
סער מייז און וועווערקעס. דאָס בעראָזע-האָלץ, וואָס האָט אונז
אַ מאָל געזונגען אַזוינע פריילאַכע וואַלדלידעלאַך, האָט זיך פאַר-
וואַנדלט אין אש, וואָס דער ווינט האָט צוזייט איבערן וואַלד.

אָבער פּעקוואַמס פעלכל איז נאָך אַלץ ווייך און וואַרים און שיין-

מען האָט דערפון געמאַכט אַ גרויסע מופקע פאַר אַ שיין מיי־דעלע. דער ווינטערדיקער ווינט צובלאָזט די גלאַנציקע האָר פון דער מופקע, דאָס פעלכל כאַפּט אַ ציטער, פונקט ווי עס וואָלט געהערט, ווי עמיץ יאָגט עס נאָך אויף פוסשליטעלאָך, אָבער אַז איר פאַרבאָרגט דערין דאָס געזיכט, פונקט ווי פעקוואָם פלעגט עס אַ מאָל טאָן, בשעת ער פלעגט, אַ זאַטער, זיך צונויפדרייען ווי אַ בויגל און כאַפּן אַ דרעמל, דערשפירט איר מיטאַמאָל אַ וויטן וואַלד־אַראָמאַט, וואָס דערמאָנט אויף דעם ריח פון סאָסנעס און דאָס רויכעלע פון בעראָזע־האָלץ. און דערדאָזיקער אַראָמאַט דער־ציילט אויך פון ווייטע ווינטערוועלדער און פון קלוגע חיות און פון געדרייטע חכמהדיקע שפורן, אין וועלכע עס ליגט שטענדיק פאַרבאָרגן דאָס לעבנס־מעשהלע פון יעדער חיה.

אַ קלוג און גוט אויג וועט אָבער שטענדיק אויפדעקן דעם סוד פון דעמדאָזיקן מעשהלע און דאָס האַרץ וועט אָנגעפילט ווערן מיט גרויס תענוג.

דעם בערס
ברודערל





זייער ווייניק מענטשן זיינען באַקאַנט מיט דעם וועג, וואָס פירט צו דעם הייזל צווישן די פעלזן, וואו עס האָט בעוואוינט דאָס קליינע בערעלע אָבער דעם בערס יינגסטער ברודערל.

דאָס הייזל ליגט זייער ווייט פון אַ מענטשלאַכן ישוב, טיף פאַר־רוקט אין אַ גרויסן געדיכטן וואַלד. ווילט איר אָבער גיין צו דעמדאָזיקן הייזל, מוזט איר קודם פאַרלאָזן דעם גרויסן שליאַך און זיך אַרויפכאַפּן אויף די קליינע געדרייטע שטעגעלאַך, וואָס ליגן אַמאָל אין שאָטן, אַמאָל אין זון. איר וועט גיין לאַנג, ביז דידאָזיקע שטעגעלאַך וועלן אייך דערפירן צו אַן אַלטער אויסגע-בויגענער מיל, וואו עס שפּילט זיך אַ טייכל און לאַכט און פייגל בויען נעסטן אונטערן דאַך און שטילע שאָטנס ליגן זיך אין די טאָלן און פון אויבן שמייכלט די זון. דאָ קענט איר זיך אָפּרוען און אָפּציען דעם אָטעם און נאָכדעם זיך לאָזן ווידער אין וועג אַריין.

איצט באַדאַרפט איר שוין נישט גיין אַזוי לאַנג, ווי פריער, ווייל דער וואַלד איז שוין גענוג געדיכט און טיף, און יעדעס שטעגעלע קאָן אייך דערפירן צום ציל. גייענדיק אַזוי מיט אַ שטעגעלע אין וואַלד, וועט איר פלוצלונג אַרויסגיין אויף אַ גרין ווי־זעלע מיט אַ פריילאַך טייכעלע אין דערמיט און מיט אַ טאָל, פאַרוואַקסן מיט הויכע גראָזן.

דאָ דרייט זיך אויס דער וועג, ווי עס טרעפט אַלעמאָל מיט אַ וועג, וואָס לויפט פאַרביי אַ שיינעם אָרט: עס דאַכט זיך, אַז ער קערט זיך אום צוריק און וויל כאַפּן אַ לעצטן קוק אויף יענע ערטער, וואָס ער איז זיי נאָר-וואָס פאַרבייגעלאָפן.

באַלד נאָכן טאָל באַדאַרף מען זיך פאַרנעמען מיט אַ קליין שטעגעלע, קומט מען אַריין אין אַן אָרט, וואָס איז פאַרלייגט מיט שטיינער, מאָך און צווייגן. דערביי, צווישן די פעלזן, וואו עס זעט זיך אַ טיפער גרוב, ווי אַ נאָרע, שטייט אַן אַלטער אויסגעהוילטער בוים מיט אַ לאָך אין דערמיט.

איך קוק מיך אַרום און באַטראַכט דעם בוים. אויף זיין דיקער קאָרע זעען זיך סימנים פון נעגל. חיות זיינען דאָ, קענטיק, אַרומגעקראָכן אַהין און צוריק. דאָס לאָך ליגט אַקוראַט אונטער די אונטערשטע צווייגן.

אַרום איז שטיל און רוהיק און איך האָב מיך אַנידערגעלייגט נישט ווייט אין גראָז און מיט עפּיס אַ האַרצקלאַפּן געוואַרט, אַז אַ חיהלע זאָל אַרויסשפּרינגען פון דער נאָרע.

פאַרנאַכט, אַז די שטילקייט איז געדיכטער געוואָרן, האָב איך דערהערט עפּיס אַ קראַצן אינעם אַלטן בוים און באַלד דערויף אַ קוויטשען פון יונגע חיהשע שטימעלאַך, פונקט ווי מען וואָלט זיך דאָרט געאַמפּערט צווישן איינאַנדער:

„לאָזט מיך, איך באַדאַרף אַרויסגיין... איך... איך... איך..."

אין אַ ווײַלע אַרום איז שטיל געוואָרן און אינעם לאָך פונם בוים

האָט זיך באַוויזן אַ פּיסקעלע, אַ דין שאַרף פּיסקעלע מיט אויסגעשפּיצטע אייערלאַך און מיט פייערדיקע אויגעלאַך, וואָס האָבן זיך טיף פאַרקוקט אין וואַלד אַריין, וואו די שאָטענס האָבן זיך איבערגערוקט ווי צאַפּלענדיקע שלאַנגען. נאָר אָט האָבן אין לאָך זיך באַוויזן נאָך פיר שאַרפע פּיסקעלאַך מיט פאַרשפּיצטע אויגעלאַך, און אַלע, פעסט צוגעלייגט די קעפּלאַך צו איינאַנדער, האָבן זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צום וואַלד, פּונקט ווי קינדער, וואָס קוקן זיך אַרום נאָך אַ לאַנגן שלאָפן אין אַ פינסטער צימער.

סאַמע אונטער די קעפּלאַך האָט זיך אַדורכֿגעשפּאַרט דער קאָפּ פון דער מאַמען, און איין חיהלע, אַ זוואַוס און אַ רירעוודיקס, האָט זיך באַלד אַרויסגעכֿאַפּט אויף דעמדאָזיקן קאָפּ, אַריינגעלייגט דאָס שאַרפע געמבעלע צווישן דער מאַמעס אויערן און געקוקט אין וואַלד אַריין. דאָס איז געווען זייער אַ ליב און קאָמיש גאָמבעלע, מיט אַ ווייס רינגעלע אַרום דעם שאַרפן נעזעלע און מיט שוואַרצע קרייזן אַרום די אויגן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געטראָגען טונקעלע שפּאַקולן, אונטער וועלכע די אויגן האָבן געגלאַצט און געלויכֿטן מיט שמחה אָדער האָבן זיך פלוצלונג אָנגעוואָלקנט, ווען דאָס חיהלע האָט דערהערט דאָס שרייען פון אַ ווילד ענטל.

רירעוודיקע, אומגעדולדיקע, קליינינטשקע מזיקימלאַך. זיי צייכֿענען זיך אויס מיטן שׂכל פון אַ הונט, מיט די שפּיצלאַך פון אַ פוקס און מיט דער שטיפערישקייט פון אַ בער. דער אויסדרוק פון דידאָזיקע ליבע קאָמישע פּיסקעלאַך האָט זיך ווײלעווײז געביטן און אַז איר קוקט אויף זיי, מוזט איר זיך אַליין נישטווילנדיק צעלאַכן, אָבער נישט הויך, ווייל זיי קאָנען זיך דערשרעקן און אַנטרונען ווערן אין נאָרע אַריין.

וואָס זיינען דאָס פאַר אַ חיהלאַך? ווי הייסן זיי? דידאָזיקע חיהלאַך

מיט די זיסע פיסקעלאך זיינען שאָפּנבערעלאך, מוביסו־קעס און ביי נאַטוראַליסטן און אינדיאַנער הייסן זיי — דעם בערס יינגסטע ברידערלאך.

די מאַמע איז די ערשטע אַרויסגעקראָכן פונם לאָך און האָט זיך מיטן הינטן אַראָפּגעלאָזט פונם בוים. בעת־מעשה האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, אַרויף און אַראָפּ און, קענטיק, באַחשבונט, וויפיל זי האָט נאָך צו קריכן ביז דער ערד, פונקט ווי דאָס טוען בערן, בשעת זיי לאָזן זיך אַראָפּ פון אַ בוים.

נאָך איר איז אַרויסגעקראָכן דאָס קליינוואַרג, וואָס האָט זיך אָנ־געהאַלטן מיט די נעגל אין קאָרע, געשאַרכט מיט די נעזלאַך, זיך איבערגעשמועסט צווישן אייגאַנדער, דערקראָכן ביז אַ העלפט פונם בוים און פון דאָרט אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער מאַמעס רוקן. אַזויאַרום איז זיי לייכטער געווען דאָס שפּרינגען. אַרויס פונם בוים בשלום, האָט זיי די מאַמע אַוועקגעפירט אין דער נאָרע צווישן די פעלזן, און זיי זיינען איר בעת־מעשה נאָכגע־גאַנגען, איינס אונטערן אַנדערן, געצויגן מיט די נעזלאַך, געצויגן מיט די פיסקעס און בכלל נאָכגעמאַכט דער מאַמעס אַלע באַ־וועגונגען.

ביי דער נאָרע האָט זיך די מאַמע צוגעשטעלט און חברה קליינ־וואַרג איז איינס נאָכן אַנדערן אַנטרונען געוואָרן אין דעם שוואַרצן גרוב. דעמאָלט האָט זיך די מאַמע אַרומגעקוקט, אויסגעפּאָרשט די לופט מיטן נעזל און איז אַוועקגעלאָפן אין וואַלד אַריין.

אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין געווען ביים טייכל, וואו זי האָט זיך געטראָפן מיט אַ צווייטן שאָפּנבער, וואָס איז געווען גרעסער און דיקער פאַר איר: קענטיק, איר מאַן.ביידע האָבן זיך געלאָזט כאַפּן פיש און פראַשן.

באַלד ווי די מאַמע איז גאָר אַנטרונען געוואָרן פון די אויגן, האָט זיך חברה קליינוואַרג ווידעראַמאָל באַוויזן פון דער נאָרע און מען האָט גענומען שטיפן, ווי עס געהער צו זיין. מען האָט זיך געקוילערט און געראַנגלט און אַרומגעשפרונגען און אויף צו פלייסן איינגעביסן איינאַנדער. בשעתן שטיפן אָבער האָט מען נישט פאַרגעסן צו מאַכן די נויטיקע איבונגען, וואָס זיינען אַזוי וויכטיק פאַרן לעבן פון אַ חיה: מען האָט זיך געשאַרפט די נעגל, געצויגן די מוסקולן און געפרובט דאָס געהער. איינס פונם קליינוואַרג האָט איבערגעלאָזט זיינע ברידערלאַך און איז אַוועק צו דעם אַלטן בוים מיט דעם אייגענעם וועג, איבער וועלכן מען איז פריער געגאַנגען. געקומען צום בוים, האָט ער גענומען קריכן איבער דער קאָרע, און איך האָב געהערט אַ דראַפּן פון שאַרפע יונגע נעגל און אַ שטילן לייכטן קוויטש. אַרויפגעקלעטערט, איז ער פאַרשוואונדען געוואָרן אינם לאָך, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך ווידער באַוויזן און עפּיס האָט אים געשטעקט צווישן די ציין. עס איז געווען פינסטערלאַך און איך האָב שוין נישט געקאָנט באַמערקן, וואָס ער האַלט דאָרט אין פּיסק, אָבער אַז ער איז אַדורכגעגאַנגען ביי אַ צען טריט פון יענעם אָרט, וואו איך בין געלעגן פאַרבאַהאַלטן, האָב איך צוגעטראָגן צו די אויגן מיין פעלד־בינאָקל און דעמאָלט האָב איך דייטלאַך דערזען, ווי ער טראָגט אַ קליין גלאַט שטיקעלע האָלץ מיט אַ סוקל דערין, קענטיק, דאָס איינציקע שטיקל שפּילצייג, וואָס מען קאָן געפינען אין יעדער נאָרע פון אַ שאָפנבער.

געקומען מיטן שפּילצייג צו די ברידערלאַך, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויפן רוקן און גענומען אַרומוואַרפן דאָס שטיקעלע האָלץ פון איין לאַפּקע צו אַ צווייטער, געוואָרפען הויך־הויך און אַמאָל אין דער זייט אָדער פּלוצלונג גאָר פאַרגראָבן עס הינטערן רוקן און געמאַכט אַ מינע, ווי ער ווייס נישט, וואו דאָס ליגט

און געגומען אַרומזוכן נישט בלויז מיט די אויגן, נאָר מיט אַלע אברים, מיטן גאַנצן יונגן פעל... די איבעריקע ברידערלאַך האָבן, ווי געוויינלאַך, זיך מתקנא געווען אין אים מיט זיין שפּילכל, און באַלד איז דאָס שטיקעלע האָלץ געפלויגן אין דער לופט פון איין חיהלע צום צווייטן, פון איין לאַפּקע צו אַ צווייטער, אָדער מען האָט עס געקוילערט איבער דער ערד און זיך נאָכגעיאָגט נאָך דעם, אַריבערגעיאָגט און אומגעוואָרפן איינאַנדער און געשריען, און די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געקאָנט זען אינדערפינסטער, ווי זיי פרייען זיך, ווי גליקלאַכע און געזנטע קינדער.

פונם טייכעל האָט זיך פלוצלונג דערטראָגן אַ גערויש און דער עולם האָט תיכף־ומיד אויפגעהערט צו שפּילן. אין די אייגעלאַך האָבן זיך אָנגעצונדן אומרוהיקע פייערלאַך, די אויערלאַך האָבן זיך אויפגעשטעלט, די נעזלאַך—באַוועגט, די עקן האָבן זיך אויפגעהויבען. פון טייך איז געגאַנגען די מאַמע און געטראָגן עסן פאַר די שטיפער. דער עולם האָט באַלד פאַרגעסן דאָס שפּיל און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער אכילה. עס איז אָבער געווען אַזוי פינסטער, אַז מען האָט שוין נישט געקאָנט זען, וואָס די שאָפּנ־בערין האָט זיי געבראַכט און ווי אַזוי זי האָט זיי איינגעטיילט די חלקים.

נאָכן עסן איז נאָך פינסטערער געוואָרן, די מאַמע איז ווידער אַוועק צום טייכל, די קינדער זיינען איר נאָכגעגאַנגען, ווי שאָטנס.

אַזוי־אַרום בין איך צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיט דידאָ־זיקע פלינקע חברהלייט. ווען מיר וואָלטן, אַ שטייגער, זיך נישט בעפוילט און זיי נאָכגעגאַנגען און נאָכגעקוקט פון דער נאַכט אָן סאַמע ביז דעם חודש חשון, וואָלטן מיר פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער מוביסוק הייסט „דעם בערס יינגסטער ברודערל".

מיטן גוף איז ער ענלעך צו אַ הונט, אָבער מיט זיינע געוויינהייטן איז עס אַן עכֿט בערעלע, אַ קליינער מובין *). די מוטער גייט שטענדיק פֿאָרויס, ווי אַ בעריכע, און די קינדער גייען איר נאָך איינס אונטערן צווייטן, ווי בערעלעך. זיי זיצן אויף די הינטערשטע פֿיס, און אַז זיי ווילן, טרעטן זיי ווייך, מיט דער גאַנצער זויל, אויפֿן בערישן שטייגער, און לאָזן הינטער זיך איבער שפּורן פֿון קלייניטשקע בערישע לאַפּקעלעך.

זיי פֿרעסן אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך און זעען־אויס ווי הונגעריקע פֿרעסערישע וואַנדערער אין שוואַרצע פּעלצעלעך. ביי זיי איז רעכֿט צו פֿרעסן מוראַשקעס, ווערים און זשוקעס. אַז זיי פּאַקן אַ ביסעלע האָניק אין אַ בישטאָק, טונקען זיי איין די לאַפּקע דערין און לעקן זי אַרום מיט גרויס הנאה, ווי דאָס טוט דער בער. זיי פֿרעסן מייז און זיי פֿרעסן יאַגדעס, און פֿיש איז אויך אַ סחורה. איז נישטאָ קיין פֿיש, איז רעכֿט אַ פֿראָש. איז נישטאָ קיין פֿראָש, איז רעכֿט אַ וואַסערגרעזל. אַמאָל פֿאַרקריכֿט מען אין אַ מענטשלאַכן ישוב, לויפֿט מען קודם־כּל אין שטאַל אַריין צו די הינער, צורעכֿט געמאַכֿט אַ פּאָר הינער, כאַפּט מען זיך אַריין אין גאָרטן און מען פֿרעסט זיך אָן מיט גריגוואַרג. אַ דאגה וואָס — אַבי עס איז דאָ אַ מויל מיט ציין. דערזען אינם גאָרטנטייכל אַ קאַטשקע, לאָזט מען זיך צו דער קאַטשקע. אַזוי קומט דורך זיין וועלטל דעם בערס יינגסטער ברודער.

פֿאַראַן נאָך אַ געוויינהייט, וואָס מאַכט אים געוואַלטיק ענלעך צום בער. דער שטח, איבער וועלכֿן ער וואַנדערט און בלאָנקעט אַרום, איז זייער גרויס, אָבער ער האָט ליב זיך צו האַלטן אין באַשטימטע שטעגעלעך, ווי דער מובין און אַז מען זאָל אים נישט

*) מ ו ב י ן — אויף אינדיאניש אַ בער.

שטערן און נישט אָפּשרעקן אויף דידאָזיקע שטעגעלאַך, וועט איר אים שטענדיק קענען זען כמעט אין אַ באַשטימטער שעה אויף אַ באַשטימטן אָרט. ווי דער בער, שטודירט ער אויס דעם וואַלד מיט אַלע זיינע פּרטים. ער ווייס אויסגעצייכנט גוט — טיילווייז פון דער אייגענער פּראַקטיק און טיילווייז פון דער מאַמעס לעקציעס — וואו וואָס עס ליגט, יעדע נאָרע, יעדעס גריבעלע, יעדן אויסגעהוילטן בוים, וואו עס באַגראָבט זיך אַ חיה, וואָס איז דוקא גוט צום עסן. שטענדיק האָט ער גרייט אַ נאָרע נעבן תּבואה, ער זאָל זיך קאָנען צו יעדער צייט אַהין אַריינכאַפּן און זיך צוּלייגן שלאָפן, בשעת דער מאָגן איז איבערגעפּאַקט און די אויגן קלעבן זיך פון זאַטקייט און פוילקייט. ער האָט אויך שטענדיק צו דער האַנט אַן אויסגעהוילטן בוים, וואו צו שלאָפן אין אַ פייכטן וועטער, אין רעגנס און שנייען, און אַ טיפע קילע גרוב, וואו מען קאָן אָפּציען דעם אָטעם אין אַ גרויסער היץ. ער האָט ווידער, ערטער, וואו ער מאַכט זיך באַטורבעדער און שטעלט אויס קעגן דער זון זיין בויך מיט די לאַפּעס, און טיפע, גוט־אַרומגעזוימטע נאָרעס, וואו ער פּאָפּט־אָפּ די לאַנגע שווערע ווינטערצייט. אויסערדעם, האָט ער נאָך רעטונגסנאָרעס, וואוהין ער כאַפּט זיך אַריין אין אַ מאָמענט פון געפאַר און פאַרפאָלגונג.

ער איז אָבער נישט אין אַלץ ענלאַך צום בער. אַזוי, אַ שטייגער, האָט ער ליב פּאַנאַנדערצעוואַרפן און קאַליע צו מאַכן פייגלשע נעסטן. אמת, אויך דער מובין האָט עס נישט פיינט, ווייל אַן איי איז ביי אים גאָר אַ געהויבענער מאכל, אָבער ער מאַכט קאַליע בלויז יענע נעסטן, וואָס ליגן אויף דער ערד אָדער אין אַ נידעריקן אָרט אויף אַ בוים. אויפהויבן זיך העכער אויף אַ בוים אָדער אויף אַ באַרג און דאָרט צעוואַרפן די נעסטן — דאָס טוט ער נישט.

דער מוביסוק אָבער קאָן בכלל נישט פאַרבייגיין אַ לעכל אָדער אַ גריבל, וואו ער זאָל נישט אַריינשטעקן די נייגעריקע נאָז. דערזעט ער אַ בוים, מוז ער אים גוט דורכנישטערן, באַמערקט ער אַ קוסט, מוז ער מאַכן אַ רעוויזיע אין יעדן צווייגעלע, אין יעדן קנייטשעלע פון שטאַם. און לאַפּקעלאַך האָט ער בויגיקע, וויילינקע, קריכנדיקע, וואָס זיינען אַזוי צוגעפּאַסט צו רעוויזיעס פון נעסטן.

איינמאָל בין איך געשטאַנען אין אַ ווינקל פון אַ פאַרלאָזטן פרוכט-גאָרטן און האָב מיך צוגעקוקט, ווי אַזוי מוביסוק האָט געמאַכט אַ תכלית פון אַ נעסט, וואָס האָט געהערט צו אַ געלבן פּיקהאָלץ. די פּיקהאָלציכע איז תיכף, ווי זי האָט נאָר דערהערט אַ קריצע-ריי פון נעגל איבער דער קאָרע פון בוים, אַרויסגעפלויגן פון נעסט, און מוביסוק האָט געקאָנט טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט.

קודם האָט אַריינגערוקט אינם נעסט (אַ טיפע לאָך אין בוים) זיין בויגיקע, קריכנדיקע לאַפּקע, אָנגעטאַפּט אַן איי און גענומען עס קייקלען פון אינווייניק איבערן ווענטל פון בוים. דערקייקלט סאַמע ביזן ראַנד פון נעסט, האָט ער אַריינגעשטעקט זיין פּיסק און געוואָלט, אפנים, אַ קוק טאָן, וויפיל אייער, אַ שטייגער, האָט ער נאָך דאָרט. דערוויייל אָבער האָט זיך אים אויסגעגליטשט דאָס איי פון דער לאַפּקע, איז צוראָפּגעפאַלן אויפ'ן דעק פונם נעסט און זיך דאָרט, קענטיק, צעבראָכן. דאָס האָט אים, ווי עס שיינט, נישט שטאַרק געשמעקט. אָבער פאַרפאַלן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די לאַפּקע נאָך אַ צווייטן איי און האָט עס אַרויסגעשלעפּט און טאַקי דאָ, אויפן אָרט, אויפגעפרעסן. דעמאָלט איז געגאַנגען די לאַפּקע נאָך אַ דריטן איי, אָבער דאָסדאָזיקע איי האָט געהאַט אַזאַ מזל, ווי דאָס ערשטע: עס איז אַרויסגעפאַלן און צעבראָ-כן געוואָרן אין נעסט... האָט מוביסוק אַ קנייטש געטאָן מיט'ן פּיסק:

וואָס טוט מען? שלעפן די אייער איינציקווייז איז אַ ריזיקאַלי־שע זאַך: זיי גליטשן זיך אויס און ווערן צעבראָכן. דער ריח פון די צעבראָכענע אייער רייצט אָבער די נאָז, און די נעגל פון דער לאַכקע, וואָס זיינען אויסגעשמירט מיטן פרישן געלכל, שניידן ווי מיט מעסערס דעם זולל-וסובאדיקן מאָגן. לאַנג טראַכטן קאָן מען דעריבער נישט און ער פאַלט אויף אַ פּלאַן. ער לאָזט־אַריין די לאַפּע אין נעסט און דרייט מיט איר אין אַלע זייטן, דאָס הייסט ער צוברעכט אומישנע אַלע אייער. נאָכדעם שלעפּט ער זי אַרויס — זי איז גראָב אויסגעשמירט מיט געלכל.

טראָגט ער זי צו צום פּיסק און לעקט זי אָרום פּאַוואָליע, רו־היק און זייער שפּאָרזאַם. קיין טראָפּעלע טאָר נישט פאַרפאַלן גיין. דאָס לאַפּקעלע ווערט שוואַרץ אונטער זיין רויט צינגל, לאָזט ער עס ווידער אַריין אין נעסט און שלעפּט ווידער אַרויס אַ געלב לאַפּקעלע. גייט דאָס לאַפּקעלע אַזוי לאַנג פון נעסט צום פּיסק און פון פּיסק צום נעסט, ביז עס ברענגט אים שוין גאָר־נישט, סיידן שטיקעלאַך שאָלאַכטס אָדער פעדערלאַך, וואָס קלעפּן זיך צו צו די נאַסע קלייאיקע האָר פון דער לאַפּקע. דעמאָלט גיט מוביסוק אַ קוק אַהער, אַ קוק אַהין און רוקט זיך אַראָפּ מיטן הינטן פון בוים, און די אָרימע פּיקהאָלציכע, וואָס האָט פון ער־געץ צוגעזען דידאָזיקע טרויעריקע סצענע, גיט אַ פּאָך מיט די פליגלען און פליט צו איר חרוב־געוואָרענעם נעסט.

דער מוביסוק איז אָבער אויך מער בריה אין כאַפּן פיש, ווי דער מובין. דער מובין קאָן כאַפּן פיש מיט דער לאַפּע — דער מובי־סוק קאָן עס אויך, אָבער ער קאָן נאָך, אויסערדעם, פ אַ ר נ אַ ר ן אַ פיש, און דאָס קאָן נישט דער מובין.

פאַרנאַכט, בשעת די שאָטנס צושפּרייטן זיך איבער דער ערד, האָב איך עפּטער געזען, ווי דער מוביסוק זיצט אויף אַ שטיין אָדער אויף אַ האָלץ, ביים ברעג פון אַ טייך און זיין מאָט

פּעלכל איז צוזאַמענגעגאָסן מיט די אַרומיקע פאַרבן און זיין איינגעהאַלטענער אָטעם שטערט נישט די אַרומיקע שטילקייט.

קיין שום פיש אין טייך וועט נישט איינפאַלן, אַז אויפן ברעג זיצט עפּיס אַ חיה־רעה, וואָס לויערט אויף זיין לעבן. מוביסוק זיצט מיט האַלב־אָפענע אויגן, אומבאַוועגלאַך, ווי אַ שטיין, דאָך אָבער טוט ער בעת־מעשה אַ קליינינקע אַרבעט: מיט זיינע צאַרטע ווענסעלאַך פירט ער פּאַוואָליע איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער... דערזען פון אויבן אַ לייכטן וואַסערציטער, הויבן זיך אויף די פיש פון די טיפענישן פון טייך. זיי זיינען זיכער, אַז זיי האָבן דאָ פליגעלאַך, וואָס זיינען אַזוי זיס צו שלינגען און זיי לאָזן זיך גלייך צו מוביסוקס וועסעלאַך. אָבער מוביסוקס בוי־גיקע לאַפּקע איז ג ר יי ט, און דער אָרימער פיש ווערט תּיכּף־ומיד פאַרצוקט... עפּטער האָב איך געזען דידאָזיקע קונצשטיק מוביסוקס און דאָס אייגענע האָבן אויך געזען מאַנכע נאַטוראַליסטן און יעגערס.

אויף דעמדאָזיקן אויסטערלישן שטייגער פון פישפאַנג האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אויפמערקזאַם געמאַכט דער באַרימטער נאַטוראַ־ליסט, דאָקטאָר ש מ ו א ל לאָ ק ו א ו ד. נאָך דעמאָלט איז שוין באַמערקט געוואָרן דידאָזיקע טבע זיינע, און איך האָב מיך דער־ריבער גאָרנישט געוואונדערט, ווען איך האָב געפונען שיריים פון פיש אויף אַ ברעג פון אַ ט י פ ן טייך. איך האָב געוואוסט, אַז מוביסוק איז דאָ געווען און האָט אַ ר ו י ס ג ע נ אַ ר ט די פיש פון זייערע טיפענישן און האָט זיי נאָכדעם אויפגעפרעסן.

דער שאַפּנבער האָט אָבער נאָך אַן איינגנשאַפט, וואָס שיידט אים אונטער פונם בער און פון אַלע אַנדערע חיות: ער האָט ליב אַדורכצעשוועגקען אין וואַסער זיין רויב, איידער ער גייט עס עסן...

וואָס ער זאָל נישט פּאַקן — צי אַ מייזל, צי אַ פעלדהינדל, צי אַ וואָרים, צי גאָר אַ וואָרצעלע — אַלץ מוז ער פריער אָוועקשלעפּן אין וואַסער און עס גוט אַדורכשווענקען און ערשט נאָכדעם נעמט ער זיך צום פרעסן. צו וואָס ער טוט עס — איז שווער צו זאָגן. האַלט ער דאָס אַזוי פון אַ ריינעם און זויבערן טיש, איז דאָך אַלץ, וואָס ער עסט, שטענדיק ריין און זויבער. וויל ער, ווידער, ווייך מאַכן דורכן וואַסער דאָס, וואָס ער באַדאַרף עסן, טאָ צו וואָס ווייקט ער אין וואַסער אַזוינע זאַכן, וואָס זיינען פון נאַטור ווייך, ווי די געדערים פון אַ חיה אָדער מאַנכע ווערים? עס איז מעגליך, אַז מיטן שווענקען אין וואַסער וויל ער צוגעבן דער אכילה אַ טעם פון פיש, וואָס ער האָט זייער ליב. עס איז אָבער נאָך מעגלאַכער, אַז דידאָזיקע געוויינהייט זיינע איז נישט מער, ווי אַ ירושה־זאַך, ווי אַן איבערבלייבעכטס פון די אַלטע צייטן, אַ שטייגער, ווי דאָס דרייען זיך פון אַ הונט אויף איין אָרט, איידער ער לייגט זיך אַנידער שלאָפן אָדער ווי דאָס אַריבערפליען פון מאַכנע פייגלאַך אויף נייע ערטער, ווען זיי האָבן גענוג און גוט צו עסן אויף די אַלטע ערטער. אין חיות לעבט אַ געוויינהייט זייער לאַנג, הגם זי גיט זיי גאָרנישט און אַמאָל שטערט זי זיי נאָך. אָבער עס איז אַ כלל: דער שאָפנבער שווענקט פריער אַדורך אין וואַסער דאָס עסן.

אין שטילע געדיכטע וועלדער האַלט זיך מוביסוק זייער ציטריק, ווי דאָס רוב ווילדע חיות, וואָס פאַרברענגען דאָס לעבן אין אַ שטילשווייגנדיקער ווילדער סביבה. אָבער אַז איר וועט זיך דערנענטערן צו אים פאָרזיכטיק און פאַוואָליע, אָן גערויש און טומל, וועט ער זיך נישט דערשרעקן פאַר אייך און וועט אייך אָנקוקן מיט גרויס נייגיר, פונקט ווי ער וואָלט אייך געוואָלט אַ פרעגטאָן, ווער זענט איר אַזוינס.

איינמאָל האָב איך אים באַמערקט אויפן ברעג פון אַ טייך. ער־

איז געזעסן און מיט גרויס התמדה געשווייגט זיין רויב, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געפּאַקט. האָב איך מיך פאַרזאָבגעלאָזט אויף דער ערד און גענומען קריכען, ווי אַ חיה, צו אַן אַלטער בריק, וואָס איז דערביי געלעגן. צוגעקראָכען צו דער בריק, האָט אָבער אַ סקריפּע געטאָן אַ ברעט, און מוביסוק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט מיך דערזען...

ער האָט באַלד אָפּגעלאָזט זיין רויב און זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, אַ מאָל געשוואומען פון אויבן, אַמאָל זיך אונטערגעטונקט און אַמאָל אַוועקגעלייגט זיינע לאַפּקעלאַך אויף דער צווייטער זייט פון דער נידעריקער בריק און מיך אָנגעקוקט מיט גרויס גיי־גיר. אין עטלאַכע מינוט אַרום איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן און איך בין פּאַוואָליע אַוועקגעקראָכן ווייטער איבער דער בריק: איך האָב געוואָלט זען, וואָס האָט ער דאָרטן געשווייגט.

אַ לייכט קראַצל איז דערשוואומען צו מיין אויער, און איך האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ: מוביסוק האָב ווידעראַמאָל אַוועקגעלייגט זיינע לאַפּקעלאַך אויף דער צווייטער זייט פון דער בריק און האָט געגלאָצט מיט ביידע אויגן אויף דער משונהדיקער באַשע־פעניש, וואָס ער האָט, וואַרשיינלאַך, געזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. נאָכדעם איז ער אַדורכגעקראָכן אונטער דער בריק און האָט מיך געוואָלט זען פון דער צווייטער זייט, ווי דאָס טוט שטענדיק אַ פוקס, אויב איר האַלט זיך אַרטיק און שטיל. דאָס רויב, וואָס מוביסוק האָט געשווייגט אינם וואַסער, ווי אַ העמד, איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ גרויסע פראָש, און איידער איך האָב מיך רעכט אַרומגעקוקט, האָט ער זיך פּאַוואָליע פאַרגנבעט צו זיין איבערגעלאָזטן רויב און איז תיכף־ומיד אַנטרונען געוואָרן דערמיט אין וואַלד אריין.

ווען מוביסוק געפינט זיך נישט ווייט פון אַ שטאָט, ווערט ער זייער ווילד, ווייל מען יאָגט זיך נאָך אים, אָבער אויך דאָ ווייזט

ער אַרויס אַ געוויסן צוטרוי צו אַ מענטשן, באַזונדערס ווען ער איז נאָך יונג. איינמאָל, אַנהויב זומער, האָב איך פלוצלונג דער־זען אַ יונגן שפּאַנבער, וואָס האָט געוואָלט אַרויפקריכן אויף אַ שטיין און האָט נישט געקאָנט. האָט ער געגלאָצט מיט די אוי־געלאַך צום שטיין און ביטערלאַך געיאָמערט. ער האָט, אפּנים, געמיינט, אַז אַ שטיין באַדאַרף אויך זיין אַזוי ווייך, ווי די קאָ־רע פונם בוים, אין וועלכן ער איז געבאָרן געוואָרן. און בשעת איך האָב אים אויפגעהויבן און אַרויפגעזעצט אויפן שטיין, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ נאַטירלאַכע זאַך און האָט מיר קיין שום בייזע אָפּשרעקנדיקע תּנועה נישט געמאַכט ווי דאָס וואָלט גע־טאָן אַן אַנדער חיה אויף זיין אָרט.

און נאָכמער: בשעת איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט גרויס געשריי אַוועקגעלאָזט נאָך מיר, ווי אַ הונט, און האָט בעת־מעשה גאָר פאַרגעסן אין זיינע ברידער און חברים, וואָס האָבן זיך געפונען — איך האָב עס געוואוסט — נישט ווייט, צווישן די פעלזן. און ער האָט זיך נישט באַרוהיקט, ביז איך האָב אים גע־נומען אויף די הענט. דעמאָלט האָט ער זיך צונויפגעדרייט, ווי אַ בויגל און איז זיך מיט גרויס רחבות איינגעשלאָפן. געשלאָפן האָט ער נישט לאַנג. באַלד האָט ער אויפגעהויבן דאָס קעפל, פאַרבויגט אים אין אַ זייט, ווי אַ הונט, און זיך גענומען צוהערן צו עפּיס אַ קלאַנג, וואָס איז געווען צו־שטיל פאַר מיין געהער. נאָכדעם האָט ער גענומען רוקן און שפּאַרן דאָס פּייכטע נעזל אין אַלע זייטן, פּונקט ווי ער וואָלט עפּיס געזוכט און האָט מיר אַפילו אָנגערירט מיט אים ביים האַלז, פּונקט ווי מיט אַ שטיקע־לע אייז. אָבער אַז ער איז מיר אַרונטערגעקראָכן אונטער דער קורטקע און אַריינגעלאָזט דאָס נעזל אין דער וועסטלקעשענע, האָט ער באַלד געפּוּקט דאָס, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ געהיימן קלאַנג.

דאָס איז געווען מיין זייגער... ער האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע און גענומען שפּילן מיט דערדאָזיקער גלאַציקער זאַך, ווי אַ קינד מיט אַ נייער צאַצקע.

איך האָב אים געבראַכט אַהיים און ער איז געוואָרן גאָר היימיש מיט אַלעמען. דאָס איז געווען זייער אַ קאָמיש און זייער אַ שטי־פעריש חיהלע. בשעת די קליינע הינדעלאַך פלעגן גיין קלייבן ברעקלאַך אַרום אים, פלעגט ער זיך מאַכן שלאָפנדיק און אַזוי־אַרום פלעגט ער זיי פּאַקן איינס נאָכן אַנדערן, און אַז ער פלעגט באַגיין עפּיס אַ חטא, פלעגט ער מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער איז טויט און ער אָטעמט שוין נישט... ער פלעגט טרינקען פון אַ פלאַש און פלעגט מיט גרויס הנאה באַגלייטן די קינדער אין וואַלד אַריין, וואו ער פלעגט ממש שפּרינגען פון שמחה און התפּעלות. פאַרנאַכט פלעגט ער קומען מיט די קינדער אַהיים, און קיינער האָט אים נישט געטויט דערצו. געענדיקט האָט ער אָבער דערמיט, וואָס ער איז אַוועק צו זיין היימישן בוים, וואו ער האָט געוואָלט איבערשלאָפן דעם ווינטער, נאָר ווען דעם וועל איך נאָך דערציילן שפּעטער אין אַן אַנדער אָרט.

מוביסוק איז בכלל זייער אַ רוהיקע און אַ געמיטלאַכע חיה. אַזוי ווי דער בער, איז ער שטענדיק אַריינגעטאָן אין זיינע פּערזענ־לאַכע ענינים. ווייטער גייט אים גאָרנישט אָן. זיין רוהיקייט און געמיטלאַכקייט שטאַמט אָבער נישט פון פּחדנות, און מען קאָן זיכער זאָגן, אַז עס איז כמעט נישטאָ נאָך אַזאַ חיה, וואָס זאָל אַזוי מוטיק און דרייסט גיין אַקעגן יעדער סכּנה און זאָל אַזוי קאַלט באַגעגענען דעם טויט, ווי דער שאָפּנבער. אויף איינעם אָדער צוויי הינט קוקט ער זיך גאָרנישט אום אַפילו.

דערהערט ער, אַז מען גייט אים נאָך, קריכט ער בעסער אַרויף אויף אַ בוים: מען באַדאַרף, הייסט עס, אויסמיידן אַ קריג. די טבע פון אַ הונט איז שוין גאָר אַן אַנדערע. ער האָט זיך ליב

צו רייסן, צו פאַרטשעפּען, נישט אַדורכלאָזן, זיך איינעסן אין יע־נעם אומזיסט און אומגעשט, כאָייש עס מעג אים אַפילו קאָסטן דאָס לעבן. מוביסוק ווייס נישט דערפון. ער האָט ליב מנוחה, שטילקייט און אויף יאַגד גייט ער נאָר דעמאָלט, ווען ער איז הונגעריק.

אַז ער ווערט פּלוצלונג באַפאַלן, שפּאַרט ער זיך אָן מיטן רוקן צו אַ בוים אָדער אַ שטיין, דער שונא זאָל אים נישט פּאַקן פון הינטן און ראַנגלט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער פאַלט אַליין טויט אָדער ער לייגט־אַוועק דעם שונא און גייט זיך רוהיק אַוועק ווייטער זיין וועג.

ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די צאָל פון זיינע פיינט און ווי שטאַרק ער זאָל זיך נישט באַצאָקן אינם קאַמף מיט זיי, האָב איך דאָך קיינמאָל נישט באַמערקט, ער זאָל זיך איבערשרעקן פאַר זיי און זאָל מאַכן אַ ויברח, מעשה־פחדן. ווען אים באַפאַלן אַ סך הינט אין אַן אָרט, וואו עס געפינט זיך אַ טייך, סטאַרעט ער זיך אַריינצונאַרן זיי אין טייך אַריין, וואו ער פילט זיך זי־כער, ווי אין זיין נאָרע. אויפן וואַסער האַלט ער זיך פעסט, ווי אַן אויסגעצייכנטער שווימער, און שלאָגט זיך באַזונדערס שיין און שטאַרק. זיין געפעכט אויפן וואַסער פירט ער שטענדיק דורך אויף איין און דעמזעלבן שטייגער. פּלוצלונג, האַסטיק, מיטאַמאָל באַפאַלט ער איינעם פון די הינט, כאַפּט אים אָן מיט איין לאַ־פּע ביים האַלז, מיט די אייזערנע ציין ביים קאָפּ און מיט דער צווייטער לאַפּע פליקט ער אים די אויגן, די נאָז, דאָס מויל. נאָכדעם לייגט ער זיך אים אַרויף מיט דער גאַנצער משא אויפן קאָפּ און טרינקט אים אַרונטער.

אַזאַ פּאָרציע איז גענוג פאַר אַ הונט, און מוביסוק טראָגט זיך רו־היק, לייכט און שנעל צום צווייטן הונט, נאָכדעם צום דריטן הונט און אַז. וו.

אַזאַ קאַמף פאַלט אָבער אויס זייער ווייניק אין זיין לעבן. על־פּי־רוב לויפט־אַדורך זיין לעבן רוהיק, שטיל און לייכט, צווישן עסן, שלאָפן און שפּילערייען. מיט הונגער און נויט איז ער זייער שוואַך באַקאַנט, שטענדיק געפינט ער אויף זיין אויסקומעניש און פילט זיך אַלעמאָל זייער גוט.

אין פרילינג ווערט ער געבוירן. דעמאָלט איז ער אַ קליינטשקער, אַ בלינדער און אַ נאַקעטער, ענלאַך צו אַ מוילוואָרף. וואַקסט ער עטוואָס אונטער, הויבט ער אָן צו קריכן, דערקריגט זיך צו דעם לאָך פון דער נאָרע און זיצט דאָרט שעהנלאַנג, ווי ביי אַן אָפן פענסטערל. זיצט און קוקט אויף גאָטס וועלט, קוקט אויף דיביימער און אויף די פייגל, וואָס פליען־אַדורך פון צייט צו צייט און הערט זיך צו צו די אומפאַרשטענדלאַכע ציענדיקע וואַלד־קלאַנגען, און צו די שטאַרקע וואַלדריחות, וואָס שטראָמען־אַרויס פון די וואַלדגראָזן און ביימער און דאָס יונגע פעלכעלע ציטערט אויף אים פון גרויס תענוג.

נאָכדעם הויבט ער אָן צו גיין מיט דער מאַמען. מען גייט לכתחילה ביי־טאָג, בשעת אַלע פאַרצוקער און בלוטדורשטיקע חיות רוען זיך אויס, נאָכדעם גייט מען פאַרנאַכט, ווען אַלץ ליגט אין שטילע שאָטנס און שפעטער — ביינאַכט, ווען ער באַקומט די בעס־טע לעקציעס פון דער מאַמען. אין די נאַכטלעקציעס לערנט ער, אַז כל־זמן מען ווייסט נישט גוט דעם וואַלד, מען איז נאָך נישט גוט באַקאָנט מיט זיינע אייגנשאַפטן און סודות, באַדאַרף מען שטענדיק גיין מיט באַשטימטע שטעגעלאַך און וועגעלאַך און בשום־אופן נישט אַראָפּקערן פון זיי, ווייל מען קאָן אַריינ־פאַלן צו אַ פאַרצוקער אין מויל אַריין. ווייטער: אומעטום, אין אַלע שפּאַלטן און לעכער באַדאַרף מען תמיד אַריינרוקן די ביי־געריקע נאָז, ווייל פאַר חיות גילט אויך דער באַוואוסטער גע־זעץ: אַז מען זוכט, געפינט מען. ווייטער: מען באַדאַרף

קאָנען כאַפּן אַ דרימל אין רעכטן מיטן גיין, און דאָס קעפּל באַ-
דאַרף זיין אויסגעדרייט צום רוקן, עס זאָל זיך נישט וואַרפן
אין די אויגן דאָס ווייסע רינגעלע אַרום פּיסק און דער פאַרב
פונם פעלכל זאָל זיך צוזאַמענגיסן מיטן פאַרב פון דער סביבה.
ווייטער: מען באַדאַרף זיך אויסלערנען צו שפּרינגען פון די
העכסטעביימער און פעלזן, ווייל אָן דעם קאָן מען גאָרנישט
זיין קיין עכטער חשובער שאָפּנבער. ווייטער: ציט מען זיך
אַריין אין אַ נייער נאָרע, באַדאַרף מען זען, אַז די נאָרע זאָל
זיין באַזאָרגט מיט אַ באַהאַלטענעם אויסגאַנג אין אַ מער זיכערן
אָרט. מען טאָר קיינמאָל נישט אַריין אין דער נאָרע דורך דעם
פאַרבאָרגענעם אויסגאַנג. דער שכל דערפון איז אַ פּשוטער. דער-
שמעקט אַ הונט דעמדאָזיקן אויסגאַנג, דערשמעקט ער אָבער אויך
גלייכצייטיק, אַז די חיה, וואָס באַוואוינט די נאָרע, איז אַוועק-
געגאַנגען און דעריבער איז נישטאָ דאָ וואָס צו בילן און צו
האַווקען. דערשמעקט ער אָבער דעם הויפּט-איינגאַנג פון דער
נאָרע, מיינט ער אַלעמאָל, לויט דעם ריח פון די שפּורן, אַז די
חיה איז נאָר-וואָס אַריין אין דער נאָרע און ער נעמט זיך ערשט
רעכט צו זיינע כלים: בילן, ריטשען און רייסן די ערד אַרום
זיך. מוביסוק האָט דאָ צוויי ברירות: אָדער גוט איינבייסן די
צו-חוצפּהדיקע נאָז פונם העסלאַכן הונט, אויב ער רוקט זי נאָר
טיפער אַריין אין דער נאָרע, אָדער מאַכן פּליטה, אויב די גע-
פאַר איז צו גרויס, דורכן פאַרבאָרגענעם אויסגאַנג. אַלזאָ, זאָלסטו
גוט געדיינקען: זאָלסט קיינמאָל נישט אַריין אין דער נאָרע דורכן
אויסגאַנג, נאָר שטענדיק—דורכן איינגאַנג.

צו יענער צייט, ווען עס פאַלט-אַרויס דער ערשטער שניי, זיי-
נען שוין די קליינטשקע שאָפּנבערלאַך גענוג דערוואַקסן און
שטאַרק, אַזוי, אַז זיי קאָנען שוין פאַרפירן אַ זעלבשטענדיק לעבן.
זיי טוען אָבער דאָס אייגענע, וואָס דער בער: זיי לייגן זיך
שלאָפן אויף גאַנצע פיר אָדער פינף חדשים צייט. צו וואָס האָבן

צו טאָן מיט קעלט און הונגער, אַז מען קאָן בעסער ליגן אין דער וואַרימער מחיהדיקער נאָרע, מיט וועלכער דער שאָפּנבבער האָט זיך נאָך באַזאָרגט אין די שיינע זומערטעג.

פאַרן גיין שלאָפן זייער לאַנגן זיסן ווינטערשלאָף זיינען זיי על-פּי-רוב דיק און פעט און געזונט, אַזוי אַז אין אַזאַ צושטאַנד איז גאָרנישטאָ עפּיס בעסערס צו טאָן, ווי שלאָפן. לייגט מען זיך אַוועק אין דער נאָרע און מען דרייט זיך אויס ווי אַ בויגל און דאָס פילבאַר נעזעלע באַדעקט מען מיט דעם וואַרימען, געדיכט-האָריקן עק. כאַפּט מען זיך אויף אַמאָל און מען דערשפּירט, אַז דער מאָגן מאָנט עפּיס, גיט מען אַ זויג די לאַפּע און מען שלאָפט ווייטער. אין דרעמל איז די לאַפּע זייער באַטעמט און דער מאָגן מיינט, אַז ער געניסט פון אַ גרויסער חיה מיט וואַרימן בלוט.

עס טרעפט אויך, אַז די יונגע שאָפּנבערעלאַך, וואָס געהערן צו איין משפּחה, שלאָפן אַלע צוזאַמען דעם ווינטערשלאָף אין איין נאָרע. די אַלטע שלאָפן באַזונדער און טראַכטן שוין נישט פון די יונגע. און די יונגע קריגן זיך נישט, דרייען זיך צונויף, ווי בויגעלאַך איינע נעבן די אַנדערע און שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן...

דער שאָפּנבער האָט אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלאַכע געוווינהייט, וואָס קיינער קאָן זי נישט דערקלערן און וואָס איז פאַר מיר אַ רע-טעניש ביז צום היינטיקן טאָג. אין אַ לינדן ווייכן ווינטערטאָג שטייט-אויף מוביסוק פון זיין שווערן שלאָף און לאָזט זיך אַרויס פון זיין נאָרע אויף גאָטס ליכטיקער וועלט. איר קאָנט דעמאָלט שעהנלאַנג נאָכגיין נאָך זיין שפּור, אָבער איר וועט בשום-אופן נישט באַמערקן, אַז מוביסוק איז אַרויס פון זיין נאָרע מיט עפּיס אַ באַשטימטער כונה. איך האָב קיינמאָל נישט געפונען אויף זיין דאָזיקן וועג עפּיס אַ צייכן פון עסן. וואוהין גייט ער? וואָס וויל ער? צו וואָס איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין האַרטן ווינטערשלאָף.

טיילמאָל, ווייט פון דער נאָרע, פאַרדרייט זיך זיין שפור אין דער זייט און פירט איך גלייך צו אַן אויסגעהוילטן בוים, וואו עס שלאָפן אַנדערע שאָפנבערן. עס איז גאַנץ מעגלאַך, אַז דידאָזיקע שאָפנבערן געהערן צו זיין משפחה און ער גייט זיי געוואָר ווערן, ווי אַ גוטער פריינט, צי אַלץ איז ביי זיי אין אָרדנונג. טיילמאָל באַהעפט ער זיך אין וועג מיט נאָך אַ פאַרחלומטן שאָפנבער און ביידע גייען צוזאַמען, ווי צוויי חברים. מען גייט געוואָר ווערן די משפחה. מען גייט כסדר פון איין נאָרע צו אַ צווייטער. אַמאָל כאַפּט ער אַפילו אַ דרעמל ביי דער משפחה, וואו ער פאַרברייגנט עטלאַכע טעג, אָבער שטענדיק און אַלעמאָל קערט ער זיך אום אין זיין נאָרע און שלאָפט דאָרט אַזוי לאַנג, ביז דער וואַלד ווערט אָנגעפילט מיט פייגלגעזאַנג און די זון צויאָגט די קאַלטע שנייען.

דער שאָפנבער איז בכלל זייער אַ גרויסער ליבהאָבער פון זיין פאַמיליע. אונטערגעוואַקסענע שאָפנבערעלאַך, וואָס פירן שוין אַ באַזונדער זעלבשטענדיק לעבן, קלייבן זיך ווינטער צוזאַמען און שלאָפן זאַלבעפערט אין איין נאָרע. אַזוינס זעט מען זעלטן ביי אַנדערע חיות. מוביסוק איז בטבע זייער גאַסטפריינטלאַך. יעדער שאָפנבער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַ פרייען בילעט אַריינצוקומען, ווען אים פאַרגלוסט זיך, אין דער נאָרע פון אַ צווייטן שאָפנבער. ער ווערט אַלעמאָל גוט אויפגענומען פון זיין חבר און קאָן זיך אַפילו לאָזן וואוילגיין מיט אַ ביינדל, וואָס ער געפינט דאָרט אין דער נאָרע.

אַלטע שאָפנבערן, וואָס די לאַסט און די יאָרן פון לעבן זיינען זיי שוין נמאס געוואָרן, האָבן ליב צו פירן אַ שטיל, איינזאַם, אָפּגעזונדערט לעבן, דאָך וועלן זיי קיינמאָל נישט אָפּזאָגן אין גאַכטלעגער אַן אָרימן פאַרבלאָנזשעטן שאָפנבער, וואָס האָט זיך נישט

געקאָנט אויסגעפינען עפּיס אַ פּאַסנדיקע נאָרע. פאַר אַ שאָפּנבער איז שטענדיק פריי דער וועג צו אַ צווייטן שאָפּנבער.

עס איז זיך פּשוט צו חדושן, ווי אַזוי די שאָפּנבערן באַהאַנדלען איינאַנדער. די גרעסטע ליבע און די גרעסטע אַכטונג האָט איינער פאַר דעם צווייטן, און יעדער שאָפּנבער איז שטענדיק גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן, ווען דער צווייטער געפינט זיך אין אַ סכּנה. דערהערט זיך נאָר אַ ווייגעשריי פון אַ שאָפּנבער, ווערט תיכּף-ומיד אַן אָנלויפעניש פון זיינע חברים, און יעדער איינער זוכט אויף זיין שטייגער עפּיס אַ וועג, ווי אַזוי מציל צו זיין דעם חבר פון אַ נויט.

איך אַליין, אַ שטייגער, האָב אַמאָל בייגעלעבט אַזאַ מין סצענע. דאָס איז געווען אין אַ חשון-נאַכט. די הינט האָבן אויסגעשפּירט אַ שאָפּנבער, וואָס האָט זיך פאַרבאָרגן אויפן שפּיץ פון אַ בוים. וואָס טוט מען דאָ? האָבן מיר אָנגעצונדן טרוקענע צווייגן און באַלויכטן דעם בוים. דער שיין פונם פייער מוז אומבאַדינגט פאַלן אויף דעם שאָפּנבערס אויגן, וואָס הויבן אויך אָן צו לייכטן ווי צוויי פייערלאַך, און דידאָזיקע פייערלאַך גיבן אים שטענדיק אַרויס. מיר האָבן באַלד געפּאַקט דעם אָרט, וואו ער איז געזעסן. איינער פון אונז האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן בוים און גענומען שטויסן דעם תּכשיט מיט אַ לאַנגן שטעקן, ער זאָל מוחל-זיין און אַראָפּקריכן אויף דער ערד. וואָס האָט ער דאָרט, אייגנטלאַך, צו זיצן?

דערזען אָבער אַזאַ מעשה, האָט מוביסוק נישט געטאָן דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט, דאָס הייסט ער זאָל נעמען און אַראָפּקריכן פון בוים, נאָר ער האָט בעסער אויסגעשטעלט אַ פּאָר בייזע אויגן און בייזע ציין, גענומען ריטשען און מאַכן בלוטדורשטיקע גרימאַסן, ווי אַ חיה, וואָס איז גרייט צו גיין אויף לעבן און טויט.

דעמאָלט האָט מיין חבר אַ וואָרף געטאָן דעם לאַנגן שטעקן, אַרויסגענומען פון קעשענע זיין רעוואָלווער און אויסגעשאָסן צום שאָפּנבער. זעט איר, אַ רעוואָלווער, וואָס קלאַפּט משונה און פייערט און פאַרגיסט די לופט מיט אַ שווערן רויך, האָט אַ שאָפּנבער נישט איבעריקס ליב, אָבער אַזוי ווי פאַרן טויט האָט ער בכלל נישט קיין מורא, און די סכנה איז סיי-ווי-סיי געווען זייער גרויס, האָט מוביסוק דערלאַנגט אַ שפּרונג גלייך פון בוים אויף דער ערד, אַ שפּרונג פון גאַנצע פערציק פוס די הויך, און איז טאַקי אַרויפגעשפּרונגען גלייך אויף די צערייצטע הינט, וואָס האָבן ממש געבערנט פון בייז בלוט, און באַלד אויפן אָרט אָנגעהויבן מיט זיי אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. מען קאָן נישט זאָגן, אַז די הינט האָבן זייער גוט אָפּגעשניטן. זיי זיינען שטענדיק גרויסע שרייער און טומלער, האָבן ליב צו מאַכן אַן אָנשטעל פון געוואַלטיקע גבורים, אָבער אין עצם זיינען זיי נישט קיין גרויסע העלדן. איר הערט נאָר: איין הונט איז באַלד אַוועק אָן אַ נאָז, אַ צווייטער הונט האָט באַקומען מיט מוביסוקס לאַפּע אין די אויגן אַריין און איז תיכף-ומיד בלינד געוואָרן, און אַ דריטער האָט גענומען הינקען אויף גאַנצע צוויי פוס און דער עק איז בעת-מעשה געהאָנגען ווי אַן איבערגעשניטענער. נישט-געקוקט אָבער אויף די אַלע גלענצנדיקע נצחונות מוביסוקס, איז דאָך זיין לאַגע געווען זייער אַ שווערע: די הינט זיינען באַשטאַנען פון אַן אומצייליקער כאַליאַסטרע און יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַריינצולאָזן אַ צאָן אין מוביסוקס פעל. אַ צוויי ריזנהינט האָבן שוין כמעט געהאַלטן מיט די שאַרפע ציין ביי זיין האַלז. קיין אויסוועג האָט זיך נישט געזען. די לאַגע איז פון מינוט צו מינוט ערגער געוואָרן. אַ קלייניקייט, אַן אומצייליקע כאַליאַסטרע הינט, וואָס אַז איינער פאַלט-אַוועק, שטייט-אויף אַ צווייטער. ווער האָט עס אַזויפיל כוח צו ראַנגלען

זיך מיט זיי!

און אָט אין דעם מאָמענט, בשעת קיין שום אויסוועג און קיין שום רעטונג איז שוין נישט געווען, האָט מוביסוק אויפגעהויבן דעם פּיסק צום הימל און אַרויסגעלאָזט אַזאַ שטאַרקן ווייגעשריי, אַז ער האָט דייטלאַך דורכגעשניטן דאָס ווילדע ריטשען פון די הינט. וויל מען איבערזעצן דעמדאָזיקן ווייגעשריי אויף אונזער מענטשלאַכן לשון, באַדייט ער, אַ שטייגער, אַזוי:

„גוטע ברידערלאַך, שאָפנבערעלאַך, קומט אַהער און ראַטעוועט אַרויס אייער אַן אָרימן ברודערל, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו אַ גאַנצער כאַליאַסטרע הינט אין די ציין?!"

און כהרף-עין האָט זיך אויפן שלאַכטפעלד באַוויזן אַ נייער מו-ביסוקל. דער ווייגעשריי איז דערהערט געוואָרן. דער נייער קעמפער איז אַראָפגעשפּרונגען פון אַ הויכן בוים און ווי אַ רוח גענומען אַרבעטן מיט די ציין און נעגל און דערביי אַרויסגע-לאָזט אַ מוראדיקן קאַמפספייף, וואָס האָט דורכגעשניטן די לופט.

אָבער מיר, די יעגער און די גאַנצע אויפטוער פון דערדאָזיקער בהלה, האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז ערגעץ נישט ווייט, אויף אַ דערבייאיקן בוים זיצט זיך נאָך אַ שאָפּנבער און קוקט זיך צו צו דעם גאַנג פונם קאַמף און וואַרט נאָר אָפּ די מינוט, ווען ער וועט גערופן ווערן צו הילף.

אין איין אויגנבליק איז ער באַפאַלן איינעם פון די ריזנהינט, וואָס האָט דוקא געוואָלט צוטרעטן צו מוביסוקס האַלז און האָט אים מיט איין קלאַפּ דורכגעבראָכן די חוט-השדרה. דאָס איז שוין געווען צופיל. אַזויאַרום קאָן מען דאָך די בעסטע הינט צוקאַלעטשען אָדער דערהרגענען אויפן אָרט. איך האָב מיך גע-וואָלט אָננעמען פאַר דעם כבוד פון די הינט און בין אַרויסגע-טראָטן פאָרויס מיט מיין ביקס, אָבער אין דער אייגענער רגע

האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אינם יאַגד באַטייליק איך מיך בלויז אַלס גאַסט, אַ דאַנק דער העפלאַכקייט פון די היגע יעגער, און האָב מיך אָפּגעהאַלטן. נעבן מיר איז געשטאַנען אַ הויכער יע- גער, דער באַלעבאָס פון דידאָזיקע הינט. פאַרן שיין פון די ברענענדיקע צווייגן האָב איך געזען, ווי עס צוקט אים נערוועז איש דאָס בלאַסע געזיכט און ווי עס ברענען אים די אויגן מיט אַ טרוקענעם פייער.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אינם בלוטיקן געראַנגל פון די הינט און די שאָפּנבערן, מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט, דאָך אָבער איז ער פּלוצלונג געבליבן שטיין, פונקט ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַרן שאָפּנבער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל העלדנמוט און מסירת־נפש פאַר זיין חבר.

„שיינקט אים דאָס לעבן,—האָב איך אים אַ שעפּטשע געטאָן אוינ אויער,—ער האָט עס כשר פאַרדינט, דאָס איז דאָך אַ העלדישע חיה. איך בין אַנטציקט.”

דער הויכער יעגער האָט זיך פאַרקרימט, באַלד דערויף אָבער אַרויסגעברומט מיט אַ קויל, וואָס האָט אָפּגעהילכט, ווי אַ דונער:

„שלעפּט־אַוועק די הינט פונדאַנען! נעמט זיי אַוועק!”

מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן די הינט פאַר די עקן און פאַר די הינטערשטע פיס. די הינט האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ געוואַלטי- קע באַליידיגונג, געגען זיך און האָבן זיך געריסן פון די הענט. מען האָט זיי דאָך גובר געווען און אַוועקגעשלעפּט, אָבער דער צווייטער שאָפּנבער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין אָרט מיט ברענענדיקע אויגן, ווי צוויי צוגליטע קוילן און געריטשעט און געקנייטשט די נאָז, ווי אַן עכטער וואָלף אין אַ מינוט פון רציחה און געפּאַטשט מיט דער לאַפּע די ערד, ווי ער וואָלט געזאָגט:

„אַנטלויפט נישט, פּחדנים, דער קאַמף איז נאָך נישט געענדיקט!”

אַ ביסל האָט עס מיר שוין פֿאַרדראָסן: אַז מען טוט דיר אַ טובה און מען נעמט דיר צו די הינט, שטייסטו און צאַפּלסט זיך נאָך אַלץ פֿון רציחה און גרימצאָרן. האָב איך גענומען אַ שטעקן און, ביי דעם אַלגעמיינעם געלעכטער פֿון מיינע חברים-יעגערס, האָב איך אים פֿאַוואָליע אַרויפֿגעטריבן אויפֿן בוים. דערמיט האָט זיך געענדיקט די שרעקלאַכֿע שלאַכט אין אַ מיטן חשון-נאַכט, באַלויכטן מיט דעם ציטריקן און פֿאַנטאַסטישן שיין פֿון די ברעבענדיקע טרוקענע צווייגן.

אַ שטיק צייט איז פֿאַרשוואומען פֿון יענער אומפֿאַרגעסלאַכֿער חשון-נאַכֿט, און אָט וואַנדער איך ווידער אַרום איבער דעם אייגענעם אָרט און קוק מיך צו צו יעדן שטעגעלע און יעדן וועגעלע. אַך, ווי זיי זיינען מיר גוט באַקאַנט, דידאָזיקע שטעגעלאַך און וועגעלאַך! וויפֿיל תענוג האָבן זיי מיר פֿאַרשאַפֿט און וויפֿיל רעיונות און וויפֿיל איבערלעבונגען. אָט איז אַ גרויסער שטיין מיט אַ געלבן האָר פֿון אַ פֿוקס. דעמדאָזיקן פֿוקס האָט מען דעמאָלט פֿאַרפֿאָלגט, איז ער אַריבערגעשפּרונגען איבערן שטיין און האָט איבערגעלאָזט אויף אים אַ האָר, ווי אַ שטומען עדות פֿון יענער צייט. און דאָ, אין דעם ווינקל, האָבן געוואַקסן הויכֿע סאָסנעס, וואָס האָבן געשאָסן מיט די שפּיצן אין הימל אַריין. איצט האָט מען זיי אויסגעהאַקט און קליינע יונגע סאָסנעלאַך רייסן זיך צום הימל.

לאַנג בין איך געשטאַנען אויף דעמדאָזיקן אָרט, וואו עס איז פֿריילאַך פֿאַרלאָפֿן אַ שטיק לעבן מיינס און מיט שטילע טריט בין איך נאָכֿדעם אַוועק איבער יענעם ליבן שטעגעלע, וואָס האָט געפֿירט צו דער נאָרע, וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט דער בערס יינגערער ברודערל.

אויך דאָ האָט זיך אַלץ געענדערט. די טאָלן און גריבער זיינען שוין היינט נישט אַזוי גרין, ווי געווען, דער וואַלד איז שיטערער

געוואָרן, די הויכע פעלזן זיינען פאַרצויגן געוואָרן מיט מאָך. דאָס טייכל זינגט שוין נישט, ווי אַמאָל, ווייל עס איז האַלב אויסגעטריקנט און דער אַלטער אויסגעהוילטער בוים, וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט דער שאָפנבער, איז אַנידערגעפאַלן: אַ שטורעם־ווינט האָט אים אומגעוואָרפן. מוביסוקס נעגל האָבן אַמאָל פאַר־שריבן די גאַנצע קאָרע פונם בוים. היינט איז דידאָזיקע קאָרע באַצויגן געוואָרן מיט מאָך און מען קאָן שוין נישט לייענען מוביסוקס נעגלשריפט.

פון דעם געפאַלענעם בוים בין איך אַוועק צו דער נאָרע פון די שאָפנבערעלאַך מיט דעם אייגענעם שטעגעלע, איבער וועלכן זיי פלעגן גיין אַמאָל.

אויך דאָ זיינען פאַראַן סימנים פון פאַרוויסטונג און טויט. אויך דאָ זיינען יעגערס געווען. די שטיינער אַרום דער נאָרע זיינען צעוואָרפן און די נאָרע גופא—צעלעכערט, צעהאַקט מיט שטעקנס און דראָנגען.

עפּיס אַ שווערע מרה-שחורה איז מיר געפאַלן אויפן האַרצן. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָב איך געקוקט אויף דער נאָרע, וואו פריי־לאַכע קליינינטשקע לעבנס, פאַרוואַנדלט אין קלוגע רירעוודיקע שאָפּנבערעלאַך, האָבן דאָ אַמאָל געשטיפט און געהוליעט. אַ מאַמע מיט קינדער איז דאָ אַמאָל געגאַנגען, און די מאַמע האָט געלערנט די קינדער, ווי אַזוי צו פאַרשטיין דעם וואַלד און דאָס פעלד און דעם טייך און די בערג, ווייל אַט די אַלע פיר—וואַלד און פעלד און באַרג און טייך—האָבן אונטער־געהאַלטן דעם קיום פון די שאָפּנבערעלאַך.

עפּיס האָט אַרויסגעגלאַנצט פון אַ קופּע אַלטע געלבע בלעטער, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון דער נאָרע. איך האָב מיך איינגעבויגן און האָב עס אויפגעהויבן.

דאָס איז געווען יענס סוקל, דאָס גלאַטע שטיקעלע האָלץ, דאָס

שפילכל פון די שאָפּנבערעלאַך.

אין יענעם אָוונט, בשעת איך האָב מיך צום ערשטן מאָל באַ־קענט מיט די שאָפּנבערעלאַך — איך האָב אייך שוין פאַרציילט וועגן דעם—האָט א קליין זוואַו שאָפּנבערעלע אַרויסגעשלעפּט דאָסדאָזיקע סוקל פונם אויסגעהוילטן בוים און האָט זיך לאַנג געשפּילט מיט דעם, און זיינע ברידערלאַך מיט די פלינקע לאַפּ־קעלאַך האָבן עס אַרומגעוואָרפן אינדערהויך און אין גראָז, און זיך געיאָגט נאָך דעם, ווי קלוגע קינדער אין אַ פריילאַכן שפּיל.

היינט איז פאַרבליבן אַ שטומער עדות פון יענע פריילאַכע וואַלד־צייטן—דאָס גלאַטע שטיקעלע האָלץ...

מאַטואָך
פון די אייזבערג



אין אַ נעבלדיקער פרילינגנאַכט איז צום קליינישקן האַפן האָם צוגעשוואומען אויף אַן אייזבארג אַ גרויסער ווייסער צפון־בער, אַ מאַטואָק*).

דער אייזבארג איז געגאַנגען פונם ווייטן אייז־ים, און די האַפנ־פישער זיינען געשטאַנען מיט די לולקעס אין די מיילער, גע־גלאָצט מיט די אויגן און געגאַפט.

לאַנגזאַם איז דער אייזבארג אַריין אין האַפן, וואו דאָס וואַסער איז געווען זייער טיף, און האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויפן גרונט. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט אויפן וואַסער גרויסע שטיקער אייז, וואָס האָבן זיך פריער אָפגעריסן פון באַרג מיט אַ מורא־דיקן פלאַצן און קנאַלן און האָבן אינגאַנצן פאַרשטעלט דעם איינ־גאַנג פון האַפן.

פאַר די פישער איז דאָס געווען אַ גרויס אומגליק, ווייל אפילו

*) מאַטואָק — אויף אינדיאַניש אַ ווייסער בער.

אַ קליין שיפֿל האָט זיך נישט געקאָנט אַדורכקריגן פֿון האַפֿן אין ים אַריין. דער אייז האָט געשטערט.

אין דעם אייגענעם טאָג איז דער אַלטער טאָם געקומען פֿון זיין יעגערהייזל, וואָס איז געלעגן ווייט פֿון ים. דאָס ביבערפֿלייש איז אים שוין לאַנג נמאס געוואָרען, ווי עס איז אים אויך דערעסן געוואָרן די לולקע מיטן קאָרערויך, האָט ער געפּאַקט עטלאַכע מאַרדערפֿעלכלאַך און איז אַוועק מיט זיי אין האַפֿן, טאָמער וועט ער זיי קאָנען אויסטוישן אויף רעכטן טאַבאַק מיט אַ פּאָרציע חזירפֿלייש און אפֿשר נאָך מיט אַ פּאָר וואַרימע זאָקן אַ צולאָג. אָבער די האַנדלסשכונע, אויף וועלכער די אינזללייט האָבן געוואַרט מיט אַזאַ אומגעדולט, ווי אַ פֿאַרבלאָנזשעטער מענטש וואַרט, עס זאָל נעמען טאָגן, איז נאָך אַלץ נישט געקומען, און די פֿישער האָבן געליטן גרויס נויט און הונגער. שוין אַ חודש צייט ווי זיי נערן זיך מיט צופֿוילטע פֿיש און ביטערע קרייטעכצער. גיין אויף יאַגד, ווידער, האָט מען נישט געקאָנט, ווייל אַלע הינט זיינען אויסגעפּגרט און די עטלאַכע ביקסן, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, האָט צוגענומען דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער צום צפֿון נאָך ים־הינט. דערזען, אַז אין האַפֿן איז נאָך ערגער און טריבער, ווי אין וואַלד, האָט טאָם גענומען זיין פּעקל מיט די מאַרדערפֿעלכלאַך און איז אַוועק צוריק אין וואַלד אין זיין יעגערהייזל.

געוויינלאַך, אַז טאָם פֿלעגט קומען אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט, פֿלעגט ער קודם־כּל אַרויפֿקריכן אויף אַ באַרג, און נאָכדעם, ווי ער פֿלעגט זיך גוט אַרומקוקן און באַדאַכטן, פֿלעגט ער באַשליסן, וואוהין ער האָט צוגיין. איצט איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן אייזבאַרג, וואָס האָט אים אויסגעזען משונה און פֿרעמד, אָבער ער האָט אים גוט באַטראַכט מיט דער עקשנות און שטילשווייגן פֿון אַן אינדיאַנער. זיין שאַרף אויג האָט באַלד באַמערקט דעם גרויסן

ווייסן בער, וואָס איז געשטאַנען אין אַן אייזשפּאַלט און גע־קנייטשט די שווארצע נאָז אין דער ריכטונג פון דאָרף. הגם די אינזללייט זיינען אַרומגעגאַנגען מיט ליידיקע מאָגנס, דאָך האָט מען עפּיס יאָ געקאָכט אין די פישער־אויוונס און דער אָרימער ריח פון די מאכלים איז נאָך אַלץ געווען בכוח צו קיצלען די נאָז פון אַ הונגעריקן בער.

טאָם, וואָס איז בטבע געווען אַ סאָלידער מענטש, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אָנצווזאָגן די אינזללייט, זיי זאָלן זיך היטן.

„איר שלאָפט נישט, זייט פאָרזיכטיק,—האָט ער זיך אָנגערופן צו זיי.—דאָרט אויפן אייז זיצט אַ בער, אַ גרויסער־גרויסער בער. ער וועט קומען אַהער באַלד ווי עס וועט נאָר טונקעלער ווערן און וועט נישטערן און זוכן, וואָס אין מויל צו נעמען. ער איז הונגע־ריק, און דעריבער ווייס ער איצט נישט פון שרעק, און קיינער וועט נישט קאָנען אויפהאַלטן זיין אָנפאַל. מיין עצה איז, איר זאָלט טאַקי תיכף־ומיד אַוועקשטעלן אַ גוטן קאַפּקאַן, וועט איר האָבן אַ ביסל פלייש צום עסן.“

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זיך טאָם צוזעגנט מיט די אינזל־לייט און זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין ווייטן וועג.

מאַטואָק, ווידער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג, באַלד ווי עס איז פינסטערלאַך געוואָרן און איז אַוועק גלייך אין דאָרף אַריין, ווי טאָם האָט פאָרויסגעזאָגט. מיט מאַטואָקן האָט אייגנטלאַך פּאַסירט אַזאַ מעשה. פּלוצלונג האָט אים פאַרשמעקט דאָס פלייש פון יונגע ים־הינט. האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אייז־באַרג, וואָס איז געשוואומען אַקוראַט אין יענער ריכטונג, וואו מען האָט געקאָנט באַקומען דאָסדאָזיקע פלייש. דער אייזבאַרג האָט אָבער אינמיטן וועג חרטה־געהאַט און גענומען שווימען אין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: צו דרום. אַ חודש צייט האָט זיך מאַטואָק אַזוי געשלעפּט מיט דעמדאָזיקן פאַרשאָלטענעם אייזבאַרג אין

אָפענעם ים, ווי מען שלעפט זיך אין אַ טיפן זאַמד מיט אַ צרה־דיקער שקאַפע און פאַר דער גאַנצער צייט איז נישט געווען מיט וואָס צו דערקוויקן די פאַרשמאַכטע בערישע נשמה. בינו־לבינו האָט ער געטאָן דאָס, וואָס אַלע בערן טוען אין אַ פאַל פון גרויס הונגער: ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ שפאַלט פון אייז, פאַררוקט די נאָז אין די וואַרימע האָר פון זיין פעל און אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן בערישן שלאָף.

אויפגעוועקט האָט אים דער מאָגערער רויך פון די דאָרפקוימענס און דער ריח פון די האַפנלייט. אַז אַ מענטש קאָן זיין אַ גע־פערלאַכע חיה, האָט ער נישט געוואוסט, ווייל ער האָט אים ביז אַהער קיינמאָל נישט געזען און נישט געקאָנט. אָבער לויטן ריח האָט ער באַשלאָסן, אַז אַ מענטש קאָן דאָך זיין אַ גוטע סחורה צום עסן, און ער איז אויפגעשפרונגען אויף אַלע פיר פיס און זיך געלאָזט גיין אין דאָרף.

געגאַנגען איז ער זיכער און שנעל און בעת־מעשה געשפירט אין די געדערים אַ שאַרפן פיינלאַכן ווייטאָק פון הונגער. אין עק דאָרף האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסן קאַפקאַן, וואָס די דאָרפס־לייט האָבן אַוועקגעשטעלט, לויט טאָמס עצה. עס זיינען געווען צוויי טעמים דערביי: ערשטנס, וועלן זיי אַזוי־אַרום באַקומען אַ שטיקל פלייש, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג אין מויל נישט געהאַט און, צווייטנס, וועלן זיי פטור ווערן פון אַזאַ מוראדיקער רויב־חיה, וואָס קאָן אויגנבליקלאַך פאַרצוקן אַ גרויסן מענטשן. פון קינדער רעדט מען שוין נישט. דאָס אַריינגאַרונגסשפייז פון קאַפ־קאַן איז באַשטאַנען פון אַלטע אַרומגענאָגטע ביינער, פישהייט און טיש־ברעקלאַך און דער קלאַפער איז געמאַכט געוואָרן פון אַ שווערן מאַסטבוים, וואָס איז פאַרבליבן אַלס זכר פון אַן אונ־טערגעגאַנגענער שיף. צו דעמדאָזיקן קלאַפער האָט מען נאָך צו־געבונדן גרויסע שטיינער און שטיקער אייזן.

מיטן ליידיקן מאָגן איז מאַטואָק שנעל אַריין אין קאַפּקאַן און זיך תיכף־ומיד צוגעכאַפּט צו די ארומגענאָגטע ביינער, וואָס דאָס אָרימע דאָרף האָט צונויפגעשאַרט ביי זיך אויף די הויפן, אָבער אין דער אייגענע רגע איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן רוקן דער מאַסטבוים מיט די שטיינער און אייזנס...

אַ שוואַרצער בער וואָלט באַלד אַנידערגעפאַלן אויפן אָרט מיט אַ צוהאַקטער חוט־השדרה, ווי אַ צוהאַקט איי. אָבער אַ ווייסער בער האָט אַנדערע כּוחות און איז אַנדערש געבויט. און דער קלאַפּ פונם מאַסטבוים האָט אים בלויז געמאַכט אַ טיפע וואונד אין רוקן. דאָך איז מאַטואָק אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן: פאַר אַלטע טרוקענע ביינער אַזאַ קלאַפּ? האָט ער קודם צעהאַקט און צע־בראָכן, צעפּיצלט און צעברעקלט דעם קאַפּקאַן און זיך הענדום־פּענדום נאָכדעם אַוועקגעלאָזט אין דאָרף אַריין.

דערהערט עפּיס אַ מאָדנע רוישן און ברילן אין גאַס, האָבן זיך די אינזללייט אַרויסגעכאַפּט פון די בעטן און אַרויסגערוקט די קעפּ אין דרויסן אַרויס, אָבער אַז זיי האָבן דערזען אַ גרויסן ווייסן מוראדיקן בער, וואָס איז געלאָפן משוגענערווייז איבער דער גאַס, מיט אַ געוואַלטיקער רוגזה און גרימצאָרן, האָבן זיי גיך פאַרהאַקט טיר און טויער און זיך פאַרגראָבן אין די הייזער, ווי אין פעסטונגען.

און מאַטואָק איז צוריק אַוועק אויפן אייזבאַרג, בייז ווי טויזנט רוחות, מיט קריצנדיקע ציין פון כּעס. ער האָט, נאַטירלאַך, נישט פאַרשטאַנען דעם שׂכל און דעם סוד פון אַ קאַפּקאַן, וואָס זיין קלאַפּער איז אים מיט אַזאַ אימפּעט און כּוח אַרויפגעפאַלן אויפן רוקן. ער האָט אָבער געפילט, אַז אין דידאָזיקע ערטער באַדאַרף מען זיין אַ סך פאָרזיכטיקער און אָפּגעהיטער, ווי דאָרט, ביי זיך אינדערהיים, וואו אַלץ, וואָס לעבט און באַוועגט זיך אויף די ווייסע טויטע שנייען און אייז, איז אַ סך שוואַכער פאַר אים

און ער קאָן דאָרט טאָן, וואָס ער וויל.

מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויפן בויך, פערבויגט דעם קאָפּ אַהינטער און גענומען אַרומלעקן די וואונד, פון וועלכער עס האָט געטריפט וואַרים בלוט. אין דער אייגענער רגע אָבער האָט ער דערהערט אינם גערויש פון די אומרוהיקע ים־כוואַליעס און אינם פּלאַצן און קנאַקן פונם אייז, אַ באַקאַנט קראַצן און ברילן, וואָס האָט אים מאָדנע זיס באַרירט דאָס אויער. ער איז געשווינט אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און זיך שאַרף און ווייס־בעריש אַרומגעקוקט. אונטן, אויפן אייז, סאַמע ביים ים, זיינען אַרויסגעקראָכן פון וואַסער צוויי ים־הינט: זיי האָבן זיך שווער באַוועגט און האָבן געזוכט אַן אָרט, וואו מען זאָל קאָנען כאַפּן אַ דרעמל אין די מחיהדיקע שטראַלען פון דער אויפגייענדיקער זון.

דער ווייסער בער האָט באַלד דערשפּירט מיט זיין געניטער נאָז, אַז די ים־הינט האָבן זיך אויסגעפונען אַ זיכערן אָרט, וואו מען קאָן זיך ליגן רוהיק און אויסרוען די ביינער, און קיינער קאָן זיי נישט שטערן דערין — נישט פון דער ים־זייט און נישט פון דער אייז־באַרג־זייט. הינטער זיי שטייט דער אייזבאַרג ווי אַ גלאַטע וואַנט פון גלאָז, וואָס קאָן זיי דינען ווי די בעסטע פעסטונג, און ביידע ים־הינט האָבן זיך אויסגעצויגן מיט גרויס רחבות אויפן אייז, געקוקט פויל אין ים אַריין און בעת־מעשה געזשמורעט מיט די אויגן פון דער בלענדנדיקער זון.

דער בער אָבער האָט שטאַרק געוואָלט עסן, אין די געדערם האָט דער הונגער געשטאָכן, ווי מיט טויזנטער קאַלטע שפּילקעלאַך, און דעריבער האָט קיין שום מניעה נישט געקאָנט אים אָפּהאַלטן, און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו די ים־הינט, וואָס זיינען שטענדיק געווען אַזוי באַטעמט אינם בערישן מויל. נאָך אַ סך מי און אָנשטרענגונגען — נאָכדעם ווי ער איז אַריבערגעשפּרונגען ברייטע

אייזשפּאַלטן און משופּעדיקע בערגלאַך, האָט ער זיך דאָך דער־שלאָגן צו יענעם אָרט, וואו דער אייזבאַרג לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַ וואַנט צו די גליקלאַכע ים-הינט. דער בער האָט זיך קודם אַראָפּגעלאָזט אויפן בויך, נאָכדעם אַראָפּגעלאָזט די פאָדערשטע פיס איבער דער אייזוואַנט, דעם קאָפּ צווישן די פיס און מיט די גיריקע אויגן גוט באַטראַכט די ים-הינט און די אייזוואַנט. די נעגל פון די הינטערשטע לאַפּעס האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין אייז און אויפגעהאַלטן דעם בערס קערפּער, ער זאָל אומגע־ריכטערהייט זיך נישט אַראָפּגליטשן פון אַזאַ שווינדלדיקער הויך. דער בער האָט אַ ווילע געטראַכט: וואָס טוט מען? ווי דערקריגט מען זיך צו די ים-הינט? קיין אַנדער עצה איז אָבער נישט געווען. וויל מען עסן, באַדאַרף מען זיין דרייסט, און דער בער האָט זיך, ווי אַ זאַק, אַראָפּגעלאָזט איבער דער אייזוואַנט, אַרויפגע־פאַלן אויף איינעם פון די ים-הינט, אריינגעקאַטשעט זיך מיט אים אין ים אַריין און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. דער ים איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט שוימיקע כוואַליעס, די איבערגעשראָקענע ים-פייגל האָבן זיך גענומען דרייען אין לופטן מיט ווילדע געשרייען, דער אייזבאַרג האָט געפּלאַצט און געקנאַקט אין אייניקע ערטער. אין אַ ווילע אַרום האָט זיך באַוויזן פון די שוימיקע כוואַליעס מאַטואָקס קאָפּ מיט אַ גרויסן באַרג אין זיין מוראדיקן פּיסק.

מאַטואָק האָט געזיגט.

פאַרזיכטיק האָט ער אַרויסגעשלעפּט זיין רויב פון די כוואַליעס און אַנידערגעלייגט עס אַקוראַט אויף יענעם אָרט, וואו דער ים-הונט איז אַ מינוט פריער געלעגן אין גרויס רחבות און געוואַ־רימט זיין פעל אין די מחיהדיקע שטראַלן פון דער באַגינענזון. מאַטואָק האָט זיך ערשט רעכט גענומען צו דער אכילה און דאָס בלוט האָט אין אים געציטערט פון גיריקייט. טיפער און טיפער

האָט ער פֿאַרגראָבן דעם פּיסק אין דעם באַרג פֿלייש פֿונם ים-הונט און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ האָט ער ערשט דעמאָלט, ווען פֿונם באַרג פֿלייש איז געבליבן אַ העלפֿט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אויסגעפֿונען עפּיס אַ גרוב און זיך אַנידערגעלייגט שלאָפֿן.

זאַט און אויסגעשלאָפֿן, האָט ער אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן דעם ישוב מיטן קאַפּקאַן, מיט דער וואונד אין רוקן, און האָט זיך באַזעצט אין דער גרוב, הינטער דער הויכער אייזוואַנט. קיין ים־הינט האָבן נישט געפֿעלט און מען האָט שוין מער נישט באַדאַרפֿט לײַדן קיין הונגער.

עס האָבן דאָ אויך נישט געפֿעלט קיין קליינע יונגע ים־הינטעלאַך. אַ ים־הינטעלע איז שטענדיק דער זיסטער מאכל בײַ אַ בער. מען באַדאַרף עס אָבער קאָנען כאַפּן. די מאַמע לאָזט נישט. זי איז קלוג און ווייס זיך ווי צו היטן פֿאַר אַן איבערפֿאַל. די ים־הינטלאַך ווערן געבוירן ווייס, ווי שניי. דערין האָט שוין אַ יד די צווייטע מאַמע—די נאַטור, וואָס פֿאַרהיט דורך דער פֿאַרב דאָס עופֿעלע פֿון פֿרעמדע נעגלדיקע לאַפּעס און רויבפּיסקעס. אין דער ווייסקייט פֿונם קלייניטשקן ים-הינטעלע זײַנען פֿאַראַן בלויז דריי שוואַרצע פּינטעלעך: די צוויי אויגן און דער שפּיץ נעזעלע. אָבער אַז עס מאַכט זיך אַ סכנה, פֿאַרגראָבן זיי תּיכּף די אייגלאַך און דאָס נעזל אינעם פֿעל און בלייבן ליגן אומבאַוועגלאַך אַזוי, אַז זיי שיידן זיך נישט אונטער פֿונם אייז. אויפֿן אייז זעען זיי אויס, ווי קופּקעלאַך שניי, און אפֿילו אַז מען שטייט האַרט נעבן זיי, קאָן מען נישט אײַנזען דעם טעות. אויב זיי באַוויזן נישט צו פֿאַרגראָבן דאָס שוואַרצע נעזל אינעם פֿעל, שאַדט אויך נישט, וואָרום אייך זעט עס אויס, ווי אַ שוואַרץ שטיקעלע קאָרע אָדער ווי אַ שטיינדעלע, וואָס דער אומרוהיקער צפֿונווינט האָט פֿאַרטראָגן אַהער.

אַז זיי וואַקסן־אונטער און קאָנען שוין זעלבשטענדיק כאַפּן פיש, ווערן זיי ביסלאַכווייז גלאַטער און טונקעלער, ווי די אַלטע ים־הינט, און דידאָזיקע פאַרב גיט זיי אַ מעגלאַכקייט צו לאַווירן און באַמערקטערהייט אין די טונקעלע ים־וואַסערן און צו כאַפּן פיש מיט דער גרעסטער לייכטקייט.

ווי אַלע בערן, האָט אויך דער ווייסער בער אַ שוואַכע ראיה, און בשעת ער גייט אויף יאַגד, פאַרלאָזט ער זיך הויפּטזאַכלאַך אויף דער נאָז, אויפן חוש־הריח, וואָס איז ביי אים באַזונדערס שטאַרק אנטוויקלט. מאַטוואָק האָט געשפּירט, אַז דאָ באַדאַרפן ערגעץ זיין קליינע יונגע ים־הינטלאַך, אָבער ער האָט נישט געוואוסט, וואו זיי ליגן, ווייל דידאָזיקע קלייניטשקע באַשעפענישלאַך האָבן קיין שום ריח נישט. פאַראַן בלויז איין עצה צו זיי: אָדער זיך אַריינוואַרפן אין ים אַריין און שעהנלאַנג שווימען אַרום דעם אייזבאַרג אַזוי, אַז עס זאָל זיך קוים אַרויסזען דער שפּיץ נאָז אָדער ליגן אומבאַוועגלאַך אויפן אייז אין אַ באַשטימטן אָרט און אין א באשטימטער צייט. אינם ערשטן פאַל קאָן מען האסטיק, מיטאַמאָל ארויסכאפּן דאָס ים־הינטל פון זיין מוטער און מאכן פליטה מיט דעם; אינם צווייטן פאַל קאָן מען זיי אָפּהיטן, ווען זיי גייען ארויס פון וואסער אויפן אייז, וואו די מוטער וויל אָנזייגן דאָס קינד. איןביידע פאלן אָבער איז עס אַ שווערער ענין פאר אַ בער, ווייל די מוטער איז זייער פאָרזיכטיק און אַ ליאדע מינוט קאָן זי אַנטרונען ווערן מיטן קינד אין די טיפע ים־וואַסערן.

מאַטוואָק האָט זיך אָבער באדאכט, אז עס לוינט זיך נישט צו פטרן אזויפיל כוחות דערויף, ווייל סיי־ווי־סיי איז דאָ פאראן גענוג וואָס צו עסן, און א בער באדארף נישט זיין אזא אויסקלויבער. פאר דער צייט קאָן מען בעסער ליגן צונויפגעדרייט, ווי בויגל, די נאָז פארשטופּט אין די לאנגע ווארימע האָר פונם פעל

און שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן. איז פאַראַן עפּיס בעסערס פון שלאָפן?

האָט אים נאָר אַ צופּ געטאָן דער מאָגן, איז ער אַוועק צו די ים-הינט. די דאָזיקע חברהלייט באַדאַרף מען לאַנג נישט זוכן און דער קאַמף מיט זיי איז אַ קליינער און אַ קורצער. געוויינלעך, קומט עס פאָר אַזוי: מאַטואָק דערשנאַפּט אַ ים-הונט אויפן ברעג פון אייז. שפּרינגט מאַטואָק אַריין אין וואַסער און שווימט לאַנג-זאַם צום ברעג. זען זעט ער זיך בעת-מעשה נישט אַרויס, נאָר דער שפּיץ נאָז רוקט זיך פּאַוואָליע אויף דער אויבערפלאַך, ווי אַ שוואַרץ רעדעלע. דער ים-הונט האָט ליב די זון, שטעלט ער איר אויס איין זייט, נאָכדעם די צווייטע, נאָכדעם דעם בויך, דעם רוקן, און פון תענוג זשמורעט ער מיט די אויגן און ווערט צו-שמאָלצן פון הנאה. פון קליינעם שוואַרצן רעדעלע וואַקסט דער-ווייל אויס אַ מוראדיקער בערישער קאָפּ, אַ קאַרק מיט צוויי פאָ-דערשטע לאַפּעס און אַ פּיסק מיט ציין, וואָס קאָנען איינשלינגען אַ וועלט. איין מאָמענט — און צוויי פּאָר אויגן טרעפן זיך צוזאַ-מען: איין פּאָר פאַרצוקערישע, ווילד-ברענענדיקע, רויבערישע, מיט אַן אויסדרוק אפילו פון חוזק, ווי ביי אַ קאַץ, וואָס זעט אַ מויז און דאָס צווייטע פּאָר—מבולבלדיקע, גאַפנדיקע, איבערגע-שראָקענע, נישט-פאַרשטייענדיקע, פּונקט ווי די אויגן וואָלטן געפרעגט:

„וואָס איז דאָס? ווי קומסטו אַהער? אַי-אַי, נישט פאָרזיכטיק גע-ווען... וואָס טוט מען אָבער איצט?"

און וואָס צו טאָן איז שוין טאַקי נישטאָ, וואָרום נאָך איין מאָ-מענט—און עס פאַלט אַ מוראדיקער קלאַפּ פון דער בערישער ריזנ-לאַפּע, בלויז איין קלאַפּ איבערן קאָפּ פון ים-הינט, און דער לעצטער איז אַ פאַרטיקער. נאָכדעם קומט די גרויסע לאַנגע אכילה, דער ברייטער פריילאַכער מאָלצייט פונם ווייסן בער, און נאָכ-

דעם—שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן...

אַזוי האָט מאַטואָק געלעבט אַ וואָך צייט אויפן אייזבאַרג, געלעבט אין גרויס רחבות און תענוג, אין פרעסן און שלאָפן, אין פוילקייט און הנאה און בעת־מעשה איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דידאָזיקע גוטע זאַטע טעג זיינען געציילטע און אַז דער הונגער, דער בייזער פיינלאַכער הונגער זוכט שוין ווידער זיין מאָגן.

אין איין טאָג זיינען אַלע ים־הינט אַנטרונען געוואָרן פון אייזבאַרג, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט — מסתמא זיך אַוועקגעלאָזט אין זייערע אומגעריכטע נסיעות נאָך פיש — און מאַטואָק איז געבליבן אָן אַ ביסן אין מויל. אַוועק איין טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער, און דער ווייסער בער שפירט שוין די באַקאַנטע יסורים אין בויך, פונקט ווי דער הונגער וואָלט אים געשטאָכן די געדערם מיט טויזנטער שפילקעלאַך.

איינמאָל, אינאָוונט, בשעת מאַטואָק האָט זיך אומגעקערט אין זיין אייזגרוב אַ טריבער און מרה־שחורהדיקער, מיט אַ פיינלאַכן מאָגן פון הונגער, האָט ער פלוצלונג דערשפירט אַ שאַרפן ריח פון פיש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דאָרף. די אינזלפישער, וואָס האָבן אויך געליטן גרויסע יסורים פון הונגער אַזוי ווי דער בער, האָבן דאָסמאָל געהאַט אַ גוטן גליקלאַכן טאָג. אין די נעצן, וואָס זיי האָבן פאַרוואָרפן אין ים, האָבן זיי געפונען מאַסן שטאָקפיש, און שוין לאַנג האָט דאָס פייער אין זייערע קליינע אויוועלאַך נישט געקנאַקט אַזוי פריילאַך, ווי היינט. דאָס גאַנצע דאָרף האָט געגעסן! דאָס גאַנצע דאָרף האָט געשטילט דעם הונגער! און אָט איז דער בער געשטאַנען אויפן אייזבאַרג, געצויגן מיט דער נאָז די ליפּט, פאַרזשמורעט דעם פּיסק און זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי מען לאָזט זיך דאָרט וואוילגיין אין דאָרף. אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט פון קנאה און פאַרדראָס, און, כאָטש ער איז

געוועזן מיד און דערשלאָגן, איז ער דאַך אַוועק אין האַפּן און פון האַפּן אין דאָרף.

אין דער ערשטער דאָרפגאַס איז ווידער געשטאַנען דער קאַפּקאַן, באַלייגט מיט פרישע שטיקער פיש און ביינער, אָבער דער קלאַ־פּער איז געוועזן דאָסמאָל דיקער, ווי פריער: אַ נייער קלאַפּער מיט אַ געוואַלטיקער משא. דער בער אָבער האָט שוין געהאַט אַ ביסעלע פּראַקטיק, איז ער אַריין אין קאַפּקאַן דורך דעם הינ־טערוועגטל און נישט דורך דעם איינגאַנג און גענומען ברעכן און שטעכן אַלץ, וואָס איז אים געקומען צו די לאַפּעס. דער קלאַפּער איז אַראָפּגעפאלן מיט אַזאַ אימפעט און מיט אַזאַ קנאַל, אַז די ערד האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער דעם בער האָט עס גאָרנישט געשאַדט, ווייל ער האָט זיך נאָך פריער אָפּגערוקט.

נאָכדעם האָט ער שנעל אויפגעפרעסן די קופּע ביינער מיט די שטיקער פיש און איז אַוועק ווייטער אין דאָרף. אין דאָרף האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין איין שפּייכלער און קיין איין שטאַל. אומעטום האָט ער גערוקט דעם פּיסק און די לאַפּע און אומעטום האָט ער אויפגעפרעסן אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר גע־לאָזט פרעסן.

אין דער אייגענער נאַכט איז דער אַלטער טאָם ווידעראַמאָל גע-קומען אין דאָרף אַריין. אויפן רוקן האָט ער געהאַט אַ זאַק און אין זאַק זיינען געלעגן זיינע מאַרדערפעלכלאַך און שטיקער הירשנפלייש. ער איז אַוועק צו דעם אַלטן דעדי קרעמעט, וואָס זיין הייזל איז געשטאַנען אין עק וואַלד, נישט ווייט פון האַפּן.

דעדי קרעמעט האָט אַ גאַנצן ווינטער געליטן פון רעוומאַטיזם און פון הונגער, און דער אַלטער טאָם, וואָס האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיט אים, האָט אויפן וועג, גייענדיק צו דעדין, געקליבן איבדערפינסטער צווייגן און שטיקלאַך האָלץ. זיין חשבון איז גע-

ווען אַ ריכטיקער: ער האָט געוואָלט מחיה-זיין דעם אַלטן מיט אַ רעכט שטיקל הירשנפלייש און פּאָר איינגעוועגס מאַכן פייער אין הייזל.

נאָך פאַרנאַכט האָט אַ פישער — און אַלע פישער זיינען על־פּי־רוב ברייטע, פרייע און גוטע מענטשן — געבראַכט דעם אַלטן עטוואָס פיש. דער אַלטער אָבער האָט עס אַנידערגעלייט אין זיין קליינעם שפייכלערל. ער האָט עס נישט געקאָנט אויפקאָכן: די הענט האָבן אים נישט געדינט. איצט האָט דער אַלטער טאָם זיך געטענטלט אַרום דעדין. ער האָט פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער און דעדי האָט מיט גרויס הנאה געגעסן דאָס הירשנפלייש. ער האָט אפילו גענומען שמייכלען און דערציילן מעשיות. אַרום האַלבע נאַכט האָבן ביידע פאַררויכערט די לולקעס און געקוקט אויפן שטילן פייערל אין אויוון און דערמאָנט די אַלטע גוטע צייטן — די צייטן פון יאַגד אויף קלוגע וועלף און ווילדע נאַרישע קעץ, אויף געשיקטע פעקוואַמען און פריילאַכע שאָפּנבערן, אויף שנעלפיסיקע הירשן און אויף הונגעריקע פיקסן, ביז די לולקעס זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן, די אויגן האָבן זיך גענומען קלעבן, די קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער אַלטער איינגעפאַלענער ברוסט און ביידע זיינען איינגעשלאָפן מיט יענעם האַרטן שלאָף פון זקנים, וואָס איז ענלאַך צו טויט.

אַ שטאַרקער גערויש אין שפייכלערל האָט זיי אויפגעריסן פון פון שלאָף. עמיץ האָט אין שפייכלערל געהאַקט און געבראָכן, ווי מיט טויזנט הענט. דעדי האָט גענומען ציטערן אויפן גאַנצן לייב.

„טאָם, דער מלאך־המות אַליין איז געקומען...“ — האָט ער געקלאָגט און אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט.

טאָם האָט אויפגעהויבן זיין אַלטן צושויבערטן קאָפּ. אין דער איינער רגע האָט עמיץ אַ שליידער געטאָן מיט אַ פעסל אין טיר

און דאָס גאַנצע הייזל האָט אויפגעציטערט, ווי אויף היגערשע פּיסלאַך.ביידע זקנים האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט ברייט־אויפגע־ריסענע אויגן און שטאַרק פאַרקנייטשטע שטערנס. דאָס פייער אין אויוון האָט אַריינגעוואָרפן אין דער שטוב־פינסטערניש איינצל־נע ציטריקע צינגעלאַך. באַלד דערויף האָט זיך דערהערט עפּיס אַ טשאַמקען און אַ פרעסן און אַ סאָפּען און אַ משונה כאָרכלען, פּונקט ווי שדים וואָלטן זיך דאָרט געראַנגלט.

טאַם האָט זיך אָבער געשטאַרקט. דאָס אַלטע יעגערבלוט האָט זיך אָנגעצונדן אין אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָסמאָל האָט ער מיטגעבריינגט זיין ביקס. פּאַוואָליע האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַ נעם געטאָן דעם ביקס פון דער וואַנט, צוגעגאַנגען אויף אַלטע ציטריקע פיס צו דער טיר, עטוואָס אַן עפן געטאָן זי און אַדורכגעשפּאַרט די רער פונם ביקס... אַ מינוט האָט דער זקן דערזען עפּיס ווייסהאָריקס, וואָס האָט זיך פאַנטאַסטיש באַוועגט מיט צוויי פייערן־אויגן. דער אַלטער האָט אויף דער גיך אַ דריק געטאָן דאָס צינגל. עס האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קנאַל. עמיץ האָט באַלד דערויף פאַרהאַקט און אויפגעריסן די טיר מיט אַזאַ געוואַלטיקן כוח, אַז דער אַלטער אינדיאַנער איז אומגעפאַלן אויפן רוקן. דעדי, וואָס האָט גערעכנט, אַז דער מלאך־המות האָט שוין אודאי איבערגעטראָטן די שוועל, האָט זיך פאַרנורעט אין ווינקל אָן אַן אָטעם, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אַרויסגנבנען פון דעם טויטס בלינדע אויגן.

אַ צען מינוט איז טאָם געלעגן אויפן רוקן, פאַרטויבט פונם קנאַל און פאַרשטיקט פונם שאַרפן פּולווערריח. אָבער אַז ער איז גע־קומען צו זיך און זיך אויפגעהויבן אויף די אַלטע פיס, האָט ער דערזען דעם ווייסן בער. מאַטוואָק האָט אַקוראַט אויף דער שוועל פונם הייזל פאַרענדיקט זיין ווייסבערישן לעבנסוועג. די ריזנלאַ־פּעס זיינען געווען אויסגעשטרעקט, דער קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען. אַן

עק פון אַ נישט־דערפּרעסענעם פּיש האָט אים געשטעקט אינם מוראדיקן פּיסק, אָבער די שוואַרצע נאָז האָט ווי אַ גרויס שוואַרץ אויג אָנגעקוקט דעם אַלטן אינדיאַנער מיט איראָניע, ווי איינער זאָגט: „נו, ברודערל, היינט בין איך געפּאַלן, אָבער איך ווייס נאָך נישט, צי דער מאָרגן איז דיינער... פאַראַן נאָך גענוג ווייסע בערן אויף דער וועלט..."

דער אַלטער טאָם האָט זיך אָפּגעקערט, אַ קראַץ געטאָן זיך אין פּאַטילניצע און אויסגעשפּייט:

„טפו זאָלסטו ווערן! צו וואָס האָב איך עס געשלעפּט אויף זיך דאָס הירשנפליייש גאַנצע פערציק וויאָרסט? איצט, שוטה, וואָס דו ביזט, וועסטו דאָך מיר געבן פליייש אויף אַ גאַנצן חודש צייט? איך וועל עסן און דעדי וועט עסן און אַלע וועלן עסן. ווי גרויס דו ביזט, שוטה איינער! ווער האָט עס כּוחות דיך אויפצוהויבן. אויף דער שוועל ביזטו געפאַלן... דעם ווייסן קאָפּ אויף דער שוועל אַנידערגעלייגט... וואָס האָסטו אָבער געקלאַפּט אין שפּייכלערל, האָ? וואָס ביזטו געקומען אַהער? וואָלט נישט גלייכער געווען, דו זאָלסט זיצן אויפן אייזבאַרג און כאַפּן דאָרט יםהינט?... שוטה, וואָס דו ביזט... אַהער, צו טאָמס ביקס, איז ער געקומען... טפו זאָלסטו מיר ווערן!"

דער אַלטער האָט ווידעראַמאָל אויסגעשפּייט און זיך אָנגערופן צו דעדין:

„נו, וואָס האָסטו זיך פאַרהאַקט דאָרט אין ווינקל, אַלטער תּרח? האָסטו מורא פאַרן טויט? וועסטו נאָך לעבן, שרעק זיך נישט... אינדיאַניש בלוט גוססט נישט אַזוי לייכט... ביזט דאָך עפּיס אַן אינדיאַנער, דעדי! שטיי־אויף, מיר האָבן פרישע בערישע פליייש אויף אַ גאַנצן חודש צייט... שטיי־אויף!"

אין שטוב האָט אַ טאַנץ געטאָן דאָס לעצטע פייער־צינגעלע פון

אויוון. אין פֿענסטער האָט בלאַס געטאָגט. דער אַלטער דעדי־
האָט זיך אויפגעהויבן אין ווינקעל, ווי אַ שוואַרצער שאָטן און
זיך לאַנגזאַם גערוקט צו טאָמען.

ער האָט אים געוואָלט אַרומנעמען...


דארט
וואו עס שפרינגען
די לאַקסן

דער שײנער לאַקסטײַך האָט נישט קײן נאָמען, דאָך שטערט עס אים נישט צו קײַקלען זײַנע װאַסערן מיט שׂמחה און געזאַנג איבער װעלדער און פעלדער, בערג און טאָלן, תּהומות און פעלזן, און דעריבער האָט דער טײַך אַ סך װאַסערפאַלן און אַ סך שװעלן.

ערטערװײַז גײט ער מיט שטילע כװאַליעס און שטילן געזאַנג. ערטערװײַז שפּרינגט ער איבער הױכע פעלזן און ערטערװײַז פאַלט ער פּלוצלונג אַראָפּ אין אַ טיפן תּהום און גײט נאָכדעם װידער אַװעק מיט שטילע כװאַליעס און שטילן געזאַנג ביז אַ נײַעם װאַסערפאַל.

זײַנע ברעגן זײַנען רוהיקע און גרינע. אַמאָל ליגן זײ אין אַ פעלד, אַמאָל אין אַ סטעפּ און אַמאָל אין אַ װאַלד. אױף די צװײַגן זיצן פאַרביקע פײגעלאַך און פײַפן פרײלאַכע לידלאַך; אַ מחיהדיק װינטל שפּילט מיט די גרינע בלעטער פון די בײמער;

דער גערויש פונם וואַסערפאַל מאַכט ציטערן די לופט און די
שאָטנס פון די ביימער יאָגן זיך נאָך די שטראַלן־שלענגלאַך...
אַזויפיל קלאַנגען און אַזויפיל באַוועגונג, דאָך אָבער איז אַזוי
שטיל, אַז מען קאָן דאַכט זיך הערן, ווי דאָס בלוט פליסט אין
די אָדערן, ווי עס קלאַפט דאָס האַרץ, ווי די ווייסע וואָלקנ־
דלאַך ציען אויפן בלויען הימל.

דאָרט, נאָכן וואַסערפאַל, וואו דער טייך צעצווייגט זיך אויף איילנדיקע האַסטיקע, מיט שוים באַדעקטע שטראָמען, אויף אַ פלאַכן פעלז, וואָס ליגט אַ העלפט אין וואַסער, אַ העלפט אונטער דער זון, שטייט אַ מענטש מיט אַ לאַקסווענדקעלע אין האַנט. ער שטייט שוין אַזוי דעם גאַנצן זוניקן פרימאָרגן, און די לידער פון טייך פאַלן אים זיס אין אויער און די ברייטע פרייע האָריזאָנטן פאַלן אים העל אין אויג, און זיין האַרץ איז פול מיט גליק און תענוג.

אַ פאָר ביינפונטיקע לאַקסן ליגן נישט ווייט אין מאָך און דער־ביי זיצט דער אַלטער אינדיאַנער ניועל און רויכערט געמיטלאַך זיין ליולקע. פון צייט צו צייט וואַרפט־אַריין דער אינדיאַנער אַ וואָרט, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט צו טוישן דאָס אָרט: ווייטער לאָזט זיך בעסער פאַנגען. דער אינדיאַנער איז בעצם גערעכט־עטוואָס ווייטער, דאָרט, וואו דער טייך פאַרבויגט זיך רעכטס, שווימלט און גריבלט מיט לאַקסן, וואָס זיינען נאָך גאָר אומבאַ־קאַנט מיט דער סכּנה פון אַ ווענדקע. אָבער וועמען גייט עס אָן די צאָל פיש, וואָס מען קאָן כאַפּן? ווער דאַרף עס האָבן אַ סך לאַקסן? איז נישט גלייכער צו שטיין דאָ, אויף דעמדאָזיקן פעלז, קעגן דידאָזיקע האָריזאָנטן און טראַכטן פון דער זון, פון גאָטס ליכטיקע וועלטל און בעת־מעשה לאַנגזאַם, נישט־געאיילט אַרויס־שלעפּן פונם זילבערנעם וואַסער אַ זילבערנעם לאַקס? און דער־דאָזיקער יונגער מענטש האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און

האָט אַלץ געקוקט אויף הימל און ערד און זיך אַלץ צוגעהערט מיט אַ טאַנצנדיק האַרץ צו דער פריילאַכער מוזיק פונם טייך.

זיין אויג האָט זיך שוין אַזוי צוגעוויינט צו דער באַוועגונג פון די וואַסערן, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ לויפט און באַוועגט זיך: עס לויפן די הימלען, עס לויפן די ביימער, עס לויפן די ברעגן. אַלץ לויפט ווייטער, ווייטער, און עס דאַכט זיך, אַז עס לויפט אויך דאָס צאַרטע לידל, וואָס דער קילאָ-ליט—אַ שפערלינג מיט אַ ווייס הערצעלע—פייפט-אויס אויף אַ צווייגל: „זיי מיר געזונט, מיין ליבער פישפאַנגער, מיין ליבער פישפאַנגער, מיין ליבער פישפאַנגער!...״

דער מענטש אויפן פעלד שפירט זיך ווי אין אַ זיסן חלום. עט-וואָס שווינדלט אים דער קאָפּ, ווי פון טייערן וויין, און אים דאַכט זיך, אַז ער וועט באַלד פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און וועט אַריינפאַלן אינם לויפנדיקן זילבער פון די וואַסערן. מאַכט ער צו די אויגן, ווערט אים נאָך זיסער אויף דער נשמה. שטייט ער לאַנג מיט צוגעמאַכטע אויגן און שמייכלט און זעט אין זיך דעם רייץ פון דעם טייך און דעם הימל און דעם וואַלד. אָבער אַז ער עפנט די אויגן, זעט ער אַ שטיק צאַפּלענ-דיק זילבער אויפן שוים פון די כוואַליעס. פון וואַסער שפרינגט-אַרויס אַ ריזיקער לאַקס, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ הויכן רוקן, און דער ניינפונטיקער פיש, וואָס ליגט אין מאָך, זעט אויס קעגן אים, ווי אַ פליג.

„דאָס איז אַ יונג מיט ביינער! שוין איין מאָל אַ יונג!״—רופט-אויס ניועל און הויבט זיך אויף פון אָרט.

זיין וועדקעלע נעמט פלינקער אַרבעטן. דער פאָדים מיט דער פליג פאַלט אַקוראַט אין יענעם אָרט, וואו דער לאַקס איז אַרויסגעשפרונגען פון וואַסער. אין אַ מינוט אַרום אָבער שאָקלט ניועל מיטן קאָפּ:

„נישט געפּאַקט, אַ שאָד, אַזאַ יונג!“

דער אינדיאַנער זעצט זיך ווידער אַוועק אויף זיין אָרט. די האָפנונג האָט ער נאָך נישט פאַרלאָרן. ער רעכנט, אַז ווען דער לאַקס וועט זיך אַראָפּלאָזן אין די טיפענישן פון טייך, וועט ער זיך באַרוהיקן און וועט פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט געזען אויף דער אויבערפלאַך פונם וואַסער, און דעמאָלט וועט מען אים קאָנען פאַקן.

וואַרטן זיי ביידע, אַז דער לאַקס זאָל זיך באַרוהיקן, „זיך אויסרוען“,—ווי עס דריקן זיך אויס די לאַקסנפאַנגער. דער לאַקס מוז קומען אין די אויבערשטע וואַסערפאַכן פונם טייך. אָבער ביז וואַנען ער וועט קומען, ביז וואַנען ער וועט זיך אויפהויבן, איז כדאי אַ קוק צו טאָן אין די טיפענישן פון טייך: וואָס טוט ער דאָרט, דער לאַקס? וואָס פאַר אַ באַוועגונגען מאַכט ער דאָרט?

כאַפּט נאָר רעכט אַ קוק אונטער אייערע פיס, דאָרט, וואו דער טייך לויפט שנעל און קלאָר איבער די אומצייליקע געלבע טייכשטיינדעלאַך. לאָזט־אַראָפּ די אויגן, פאַרזינקט זיי אין וואַסער. וואָס זעט איר? דערווייל זעט איר גאָרנישט. די וואַסער־אויבערפלאַך ציטערט און פלאַטערט און ברעכט זיך אויף מיליאָנען קנייטשעלאַך, און די זון, וואָס פאַלט אויף זיי, ריזלט זיך מיט מיליאָנען גאָלדענע שטראַלאַכלאַך, און מען זעט נישט דעם דנאָ.

איר ווערט אָבער נישט ברוגז אויפן טייך און קוקט ווייטער. נאָך בעסער: פאַרשטעלט אייך מיט די הענט די אויגן פון ביידע זייטן—די זון זאָל נישט שטערן, און קוקט אַראָפּ אין וואַסער. די ציטריקע ריזלדיקע אויבערפלאַך, וואָס שפּילט מיט קנייטשעלאַך און שטראַלאַכלאַך, ווערט ביסלאַכווייז פאַרשוואונדן און איר דערזעט דעם דנאָ, פונקט ווי עמיץ וואָלט אייך גע־

עפנט אַ פענסטער אין טייך.

זעט איר אָבער דעם לאַקס? יאָ, איר זעט אים. ער איז דאָ. די איבערפלאַך ווערט אפילו ווידעראַמאָל באַצויגן מיט ריזלדי-קע קנייטשעלאַך און שטראַלאַכלאַך, אָבער באַלד דערויף ווערט ווידער קלאָר דער דנאָ, ווי אַ פענסטער וואָלט זיך פון דאָסניי געעפנט און איר זעט אים דייטלאַך, דעם חברהמאַן. ער ליגט און רוט זיך אויס אונטערן געריוויש פון די איבערשטע אומרו-היקע וואַסערן. איר זעט אפילו דייטלאַך זיינע פאַרבן: די זייטן— זילבערוויס, דער רוקן—בלוי, אויפן קאָפּ—שוואַרצע פינטעלאַך. דער עק באַוועגט זיך מעסיק אַהין-און-צוריק, ווי אַן אומרו.

דאָס פענסטער ווערט אָבער ווידעראַמאָל צוגעמאַכט און שטראַ-לאַכלאַך און קנייטשעלאַך פאַרטונקלען אייער אויג. איצט מוזט איר וואַרטן אַ לייגגערע צייט, ביז דאָס פענסטער וועט געעפנט ווערן פון דאָסניי. און—עפנט זיך דאָס פענסטער: ליגט דער חברהמאַן אויף דעם אייגענעם אָרט און מאַכט מיטן עק, ווי אַן אומרו. ליגט, ווייזט-אויס, און שלאָפט און מאַכט מיטן עק. אייערע אויגן אָבער פאַרלירן אים באַלד, ווייל איר זייט גע-וווינט צו קוקן מער אויף די זייטיקע זאַכן, ווי אויף דעם נוי-טיקן געגנשטאַנד. אַזוי איז שוין שטענדיק אין לעבן: מען קוקט מער אויף דאָס זייטיקסטע, ווי אויף דאָס וויכטיקסטע. איר בעט אָבער דעם אַלטן ניועלן, וועט ער אייך ווייזן צענדליקער אַנ-דערע לאַקסן, וואָס ליגן דערביי און איר באַמערקט זיי גאָר-נישט. און דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל ער האָט אַ שאַרפערע ראיה פאַר אייך, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קוקן דירעקט אויף דעם נויטיקן געגנשטאַנד דורך אַלערליי שטערענישן און מניעות. דאָס, וואָס ער זוכט—דערויף שטעלט ער אָן דאָס אויג, און קיין שום זאַך אין דער וועלט

גטערט אים נישט דעריין. זיין אויג צופליט זיך קיינמאָל נישט אין אַלע זייטן, ווי ביי אונז. דאָרט, וואו אייער אויג זעט בלויז שטראַלאַכלאַך און קנייטשעלאַך, זעט ער לאַקסן, צענדליקער שלאָפנדיקע לאַקסן, מיט עקן, וואָס באַוועגן זיך, ווי אַן אומרו.

איך האָב פאַר אייך נאָך אַן עצה: איר קריכט-אַרויף אויף דעם אַלטן סאָסנעבוים, וואָס שטייט איבערגעבויגן איבערן טייך און קוקט פון דאָרטן אַראָפּ אינם וואַסער. די זון וועט אייך דע-מאָלט נישט שטערן צו זען דעם דנאָ, און פאַר אייערע אויגן וועלן זיך אַנטפּלעקן צענדליקער לאַקסן, וואָס ליגן צוזייט און צושפּרייט אויבן און אונטן אין וואַסער. אלע רוהען און אַלע מאַכן מיט די עקן. אָט זעט איר, ווי אַ גרויסער לאַקס, וואָס איז פריער רוהיק געלעגן, גיט זיך פּלוצלונג אַ ריס פון אָרט און שפּרינגט-אַרויס פון וואַסער. א שטיק זילבער צעשפּילט זיך אַ רגע אייף דער זון און באלד דערויף פאַרלירט איר אים פון די אויגן. אין אַ מינוט אַרום אָבער איז ער ווידער דאָ. ווידער א שפּרונג פון וואַסער. ער האלט עפּיס אין מויל—מעגלאַך, אַ שוואַרץ זומערפייגעלע מיט געלבע שפּרינקעלאַך. אָט שפּייט ער עס אויס און ווערט תיכף-ומיד פאַרשוואונדן אין די טיפענישן פון טייך. כאַפּט דאָס וואַסער דאָס זומערפייגעלע און דרייט זיך דערמיט אין פארשידענע ריכטונגען. שפּרינגט-ארויס פון וואסער אַן אנדער לאַקס, וואָס פּאקט אין מויל אריין דאָס זומערפייגע-לע, מאכט קונציקע דריידלאַך דערמיט און שפּייט עס אויך אויס, ווי דער ערשטער און ווערט פריילאַך אנטרונען אין די לאַכנדיקע כוואליעס. שפּרינגט-ארויס א דריטער לאקס, און דאָס שפּיל חזרט זיך איבער טויזנטער מאָל...

וואָס איז דאָס אזוינס? וואָס האָבן צו טאָן די לאקסן מיטן זו-מערפייגעלע? איז עס בלויז א שפּיל? יאָ, מיינע ליבע, אזוי

שפּילן זיך די לאַקסן. מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָבן זיי געשלאָפן, גערוט, געלעגן שטיל אונטער די וואַסערן. איצט שטיפן זיי און שפּילן זיך, ווי קליינע קונדסים. איצט לאָזן זיי זיך פאַנגען, און די ווענדקע אין אייער האַנט האָט אַ סך אַרבעט, אויב איר זייט בטבע אַ גיריקער יעגער און קוקט זיך ווייניק אום אויף זייערע שיינע גראַציעזע באַוועגונגען אין די פרייע וואסערן פונם לאַקסטייך...

אָבער זעט־נאָר! אויף דער סצענע האָט זיך באַוויזן דער וואַסערפייגל. איסמאַקוס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טייך מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען.

„טשובי־אי־אי!..״—צוטראָגט זיך איבער די כוואַליעס זיין געשריי און ער וואַרפט זיך, ווי אַ בליץ, פון איין זייט אין א צווייטער.

זיין שאַרף אויג זעט דעם גאַנצן טייך פון אויבן ביז אַראָפּ, אָבער די לאַקסן זיינען צו־גרויס פאַר אים און ער קאָן זיי נישט פּאַקן. שפּעטער, ווען די פיש הויבן אָן צו גיין מאַסנווייז, כאַפּט ער דאָ און דאָרט אַרויס אַ קליין פישל. דערווייל אָבער באַטראַכט ער דעם טייך, ווי אַ לאַנדאייגנטימער זיינע פעלדער און קערט זיך אום צוריק אין זיין נעסט, וואָס ליגט נישט ווייט פון אַן אָזערע.

בינו־לבינו קריכט איר אַראָפּ פונם אַלטן סאָסנעבוים און שטעלט זיך ווידער אויפן שטיין. עפּטער און עפּטער שפּרינגען איצט די לאַקסן, ווי שטיקער צאַפּלנדיק זילבער. דאָ א שפּרונג, דאָרט אַ שפּרונג, רעכטס, לינקס, אין אַלע זייטן. דאָס וואַסער שוימט און מאַכט רעדעלאַך. די כוואַליעס לאַכן. דאָרט, נעבן דעם וואַסערפאַל, שפּרינגען זיי סתם אָן אַ שיער און אָן אַ צאָל.

„וואָס שפּרינגען זיי? איז דאָס אויך אַ שפּיל?״

ניין, דאָס איז שוין נישט קיין שפּיל. איך וועל אייך זאָגן: די לאַקסן

ווילן זיך בעסער באַקאָנען מיט דער הויך פֿונם וואַסערפֿאַל. ייז באַטראַכטן אים. זיי שאַצן־אָפּ זייגע כּוחות. אָבער הערט: אַזוי ווי די ווענדקע האָט אונז שוין היינט אַריינגעבראַכט גענוג פֿיש, טאָ לאָמיר אַראָפּ פֿונם פֿעלז און זיך בעסער לאָזן גיין צו דער אומגעפֿאַלענער סאָסנע, וואָס ליגט דאָרט, ביים וואַסערפֿאַל, אַזוי ווי אַ בריק. פֿאַראַן דאָ גענוג וואָס צו זען.

ווי אַ שוואַרצע מאַסע פֿאַלט פֿון אויבן דאָס וואַסער, און אונטן, אינם קאָכעדיקן שוים, שטעקן־ארויס לאַקסנקעפּ. צענדליקער, הונדערטער קעפּ שטעקן־אַרויס און גלאָצן אויפֿן וואַסערפֿאַל. אָט שפּריגט־אַרויס אַ גרויסער לאַקס. די כּוחות שטייגן אין אים. ער גורט זיך שטאַרק אָן. ער פֿליט אין לופֿטן אַלץ העכער און העכער און דערפֿליט, ווי אַ פֿייגל, צום ראַנד פֿונם וואַסערפֿאַל. זיין ברייטער עק גיט אַ לעצטן, טריאומפֿירנדיקן פּאַך אין לופֿטן און ער ווערט פֿאַרשוואונדן אויבן, אין די האַסטיקע שטראָמען פֿאַרן וואַסערפֿאַל. דער לאַקס האָט געזיגט: בשלום און שיין אַריבערגעשפּרונגען דעם מוראדיקן שרייענדיקן וואַסערפֿאַל.

אַביסל ווייטער רוישן עטלאַכע קלענערע וואַסערפֿאַלן און דאָרט קאָנט איר זען, ווי די לאַקסן קומען זיי אַריבער מיט איין שפּרונג פֿון אונטן אַרויף. דער וואַסערפֿאַל אָבער, ביי וועלכן מיר שטייען, איז זייער הויך און גרויס און פֿאָדערט אומגעהויערע אָנשטריינגונגען פֿונם בידנעם לאַקס. איינער נאָך דעם אַנדערן שפּרינגען די לאַקסן פֿון וואַסער, פֿאַרהאַלטן זיך אַ רגע מיט די עקן אָן דעם שווערן שטראָם און פֿליען העכער, ביז זיי קומען־אַריבער דעמדאָזיקן וואַסער־גיהנם.

עס טרעפֿט אָבער אויך, אַז דער שפּרונג געלינגט נישט, און א איך פֿאַרבלייבט עפּיס אַ נעבעלהאַפֿטער איינדרוק פֿון אַ גרויסן זילבערנעם פֿיש, וואָס איז אָן רחמנות אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ קאָכעדיקן שוים. דידאָזיקע אויסטערלישע בילדער פֿאַר־

כאַפּן אייך אָבער אַלץ מער און מער, און איר קוקט מיט געשפּאַנטע נערוון. אָט ראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות אַ פּעטער אַכטצענפונטיקער לאַקס, וואָס דער שפּרונג איז אים נישט געלונגען. ער האָט אַ גרויסע וואונד אין זייט: דער שטראָם האָט אים פריער, בשעת ער האָט געמאַכט דעם שפּרונג, צוריקגעשליידערט אויף אַ שפּיציקן שטיין און האָט אים פאַרוואונדעט.

אויב דער קאָפּסיפּ*) זאָל דאָ איצט פאַרבלייבן אין דעם אייגענעם וואַסער, איז אַ סוף צו זיין לעבן. ווען ער זאָל אפילו נישט אַריינפאַלן אין די לאַפּעס פונם בער אָדער אין די נעגל פונם אָדלער, וועט ער דאָך אומקומען פון די מיליאָנען וואַסערפּאַראַזיטן אין דער געשטאַלט פון צמחים און קלייניטשקע ברואימלאַך, וואָס וועלן באַפאַלן זיין וואונד און דורך איר אויסזויגן און אויסציען זיין לעבן. געגן זיי האָט ער נאָר איין תּרופה: אַזאַ מין שליים, מיט וועלכן ער באַשמירט זיך די געשעדיקטע זייטן און פאַרהיט זיך אַזויאַרום פון די שעדלאַכע קלייניטשקע ברואים, וואָס שווימלען און גריבלען אין די זיסע טייכוואַסערן. דאָך אָבער זיינען די טייכוואַסערן אַ גרויסע סכּנה פאַר אים און ער מוז וואָס גיכער אַנטרונען ווערן פון זיי. אַ פאַרוואונדעטער לאַקס מאַכט טאַקי תּיכּף־ומיד צוריק זיין נסיעה: אָנשטאָט צו גיין פון ים אין טייך אַריין, וואו ער לאָזט אַרויס זיין רויגן און וואָס עס קאָסט אים אַזויפיל מי און אָנשטריינגונג, גייט ער צוריק פון טייך אין ים אַריין, און דאָס יאָר פאַרבלייבט ער שוין אָן קינדער. אויסערדעם, פאַרענדערט זיך אויך תּיכּף זיין אינערלאַכער צושטאַנד. געוויינלאַך, בשעת אַ לאַקס מאַכט-דורך זיין שווערע נסיעה פון ים אין טייך, פאַרלירט ער דעם אַפּעטיט און ווערט שטאַרק אָפּגע־

*) קאָפּסיפּ — אַזוי הייסט אַ לאַקס אויף אינדיאַניש.

צערט. אַ פֿאַרוואונדעטער לאַקס אָבער הויבט באַלד אָן צו עסן. ער עסט אַ סך, אָן אַן אויפֿהער, כּסדר, און דאָס גיט אים כּוחות אויסצעהאַלטן די געפֿערלאַכע צייט, וואָס ער פֿאַרברענגט אין די זיסע וואַסערן פֿון טייך, ביז ער קומט צוריק אין ים אַריין, וואו דאָס געזאַלצענע וואַסער פֿאַרהיילט אים שנעל די וואונד. דאָס געזאַלצענע ים-וואַסער איז די בעסטע רפֿואה פֿאַר זיין וואונד און אין ים איז ער שוין צוריק זיכער מיט זיין לעבן.

דער לאַקסטייך האָט מערערע וואַסערפֿאַלן. ווייסט איר וואָס? לאָמיר זיך אָפּשטעלן פֿאַר דעם סאַמע העכסטן פֿון זיי. עס איז גענוג בלויז אַ קוק צו טאָן אויף דעמדאָזיקן וואַסערפֿאַל — און איר וועט באַלד באַשליסן, אַז קיין שום לאַקס אין דער וועלט וועט אים נישט קאָנען אַריבערשפּרינגען. אָט שפּרינגען טאַקי לאַקסן. איידער זיי נעמען שפּרינגען, הויבן זיי זיך אַרויס פֿון וואַסער, שטעלן זיך אַוועק אויפֿן עק און באַטראַכטן די הויך פֿונם וואַסערפֿאַל. אָבער איר קוקט זיך גוט צו, וואָס דאָ געשעט. די לאַקסן שפּרינגען, נאָכדעם—אַ פֿלי, און דערביי מאַכן זיי אַ האַלבן קרייז אין לופֿטן, אָבער זיי דערהויבן זיך נישט אפֿילו אויף אַ העלפֿט פֿונם וואַסערפֿאַל און ווערן פֿאַרשוואונדן אינם מוראדיקן שטראָם. איינע נאָך די אַנדערע שפּרינגען זיי אַרויס, דערהויבן זיך ביז אַ געוויסער ליניע און פֿאַלן-אַריין אין שטראָם. אָט טראָגט זיך פֿאַרביי איין אַ טויטער לאַקס — אַ קרבן פֿונם וואַסערפֿאַל; אַ צווייטער קערט זיך איבער אויפֿן רוקן און לאָזט אַרויס דעם לעצטן אָטעם; אַ דריטן האָט אַ טייכהונט אויסגעפֿרעסן אַ שטיק זייט; אַ פֿערטער איז סתּם צעמישט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען שכּור. אַ סך לאַקסן לייגן, קענטיק, אַוועק די דרייסטע קעפּ ביי דעמדאָזיקן וואַסערפֿאַל.

לאָמיר אָבער אַרויפֿגיין אויבן, דאָרט, וואו דער דינער וואַסערפֿאַך גליטשט זיך אַראָפּ פֿון אַ שווינדלדיקער הויך און ווערט צע-

שפּרונגען און צעריבן אויף קליינטשקע מעל־שטויבעלאַך, לאָמיר זען, צי געלינגט כאָטש איין לאַקס זיך אַריבערצוכאַפּן דעם־דאָזיקן גיהנם. שטייט רוהיק און קוקט. אָבער זעט־גאָר, זעט־נאָר! אָט שימערט־אַדורך אינדערלופטן אַ פּאַסיקל זילבער, אַ ברייטער עק גיט אַ פּאָך אַהין און צוריק—און דער פיש ווערט אַנטרונען אין טייך, אין די שטראָמען, וואָס ציען צום וואַסערפאַל. דער לאַקס איז, ווייזט־אויס, בשלום אַדורכגעגאַנגען דעם גיהנם. מעגלאַך, אַז דאָס איז דער אייגענער לאַקס, אויף וועלכן איר האָט פריער געקוקט, בשעת איר זייט געשטאַנען אונטן, ביים וואַסערפאַל. דעמאָלט האָט דער לאַקס נישט דערגרייכט דעם ראַנד אויף גאַנצע צען פוס. ווי אַזוי פאַרט איז ער איצט אַריבערגעקומען בשלום דעם וואַסערפאַל?

צוואַנציק יאָר זיינען שוין פאַרלאָפן, זינט איך האָב מיך צום ערשטן געשטעלט אין סעוואָגל ביים טייך מיט אַ ווענדקע אין האַנט און צוואַנציק יאָר צייט ברעך איך מיר אַלץ דעם קאָפּ און פרעג מיך, ווי אַזוי קריגט זיך אַריבער דער לאַקס איבער דעם וואַסערפאַל, אַ זאַך, וואָס איז לחלוטין אוממעגלאַך פאַר אים. אָבער נישט פאַר מיר אַליין איז דאָס געווען אַ געוואַלטיקע פראַגע אָן אַ שום ענטפער. אויך די ביכער, וואָס איך האָב געלייענט וועגן דעמדאָזיקן ענין, האָבן דאָס אייגענע געפרעגט און אפילו די פישער, וואָס אַרבעטן טאָג און נאַכט ביי דעם טייך, ברעכן זיך שוין צווייהונדערט יאָר דעם קאָפּ און קאָנען זיך נאָך אַלץ נישט דערקלערן דאָסדאָזיקע רעטעניש.

דידאָזיקע פראַגע האָט מיך ממש געפּייניקט און טיילמאָל אפילו נישט געלאָזט שלאָפן. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל האָב איך מיך געוואָרפן צו די וואַסערפאַלן און נאָכאַמאָל האָב איך זיי געפאָרשט און שטודירט מיט יענער עקשנות און פאַרביסנקייט, מיט וועלכער מען גייט אַנטפּלעקן אַ וועלטסוד, און אָט וואָס קאָן איך פאַרציילן.

איינמאָל בין איך געשטאַנען אונטערן וואַסערפאַל און האָב געוואָרפן שטיינער אינם פליוך פון וואַסער, דאָרט, וואו די לאַקסן פלעגן אַנטרונען ווערן. פלוצלונג איז מיר איינגעפאַלן, אַז מען קאָן אייגנטלאך אַליין אַריין אינם וואַסערפליוך און אַ קוק טאָן, וואָס טוען דאָרט, אַ שטייגער, די לאַקסן.

איך האָב אַזוי געטאָן אין צוויי וואַסערפאלן, אָבער אָן ערפאָלג. איך האָב אפילו יאָ געזען, ווי עס זילבערן זיך מאַנכע לאַקסן אויף די שטיינער הינטערן שטראָם, אָבער דאָס האָט מיר נישט קלאָר געמאַכט דעם ענין און, אגב, בין איך שיער נישט אַוועקגעטראָגן געוואָרן פונם שטראָם.

נאָר שפּעטער איז מיר דוקא דאָרט, ביי דעם העכסטן וואַסערפאַל, געלונגען צו מאַכן אַ גרידלאַכע אויספאָרשונג. ערשטנס, פאלט דאָרט דאָס וואַסער גלייך, אין איין ליניע און באַרירט נישט כמעט די וואַנט און, צווייטנס, איז דער שטראָם נישט אַזאַ שטאַרקער. אָבער הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן. צו וואָס זאָל איך אייך לאנג פאַרציילן ווענן אַ זאך, וואָס איר קאָנט זי אליין זען און אליין זיך איבערצייגן דערין? איר גייט מיט מיר אהין צו יענעם וואַסערפאַל און דאָרט ווען מיר ווידעראמאָל מאכן אַ גרינדלאַכע אויספאָרשונג. שרעקט זיך נישט, איר וועט זיך אפילו איינגעצן פון קאָפּ ביז די פיס, אָבער דאָס איז נישט געפערלאך. אין דידאָזיקע ערטער איז די לופט תמיד ריין און קלאָר, קיין מיקראָבן זיינען נישטאָ און פון אַ פארקילונג זייט איר אזוי גוט ווי געזיכערט.

מיר וועלן נאָר אָנטאָן לאנגע גומענע מאַנטלען און זיך לאָזן אין וועג אריין. לאנג גייען מיר נישט. אָט איז שוין דער וואסערפאַל. לאָזן מיר זיך אראָפּ פאוואָליע אונטן, אונטערן וואסערפאל, און שטעלן זיך אוועק מיטן רוקן ביי דער שטיינערנער וואנט. דאָ איז קיל און פייכט. אלע גריבער און גריבלאך זיינען אָנ-

געפילט מיט וואַסער. די לופט איז אָנגעזאַפּ מיט אַ געדיכטן טונקעלן וואַסערשטויב. אָבער דער שטראָם פאַלט איבער אונזערע קעפּ און רירט אונז נישט אָן. מיר געוויינען זיך עטוואָס צו צו דער טונקעלער, מיט וואַסער אָנגעזאַפּטער לופט, צו דעם מוראדיקן גערויש און מיר זעען שוין, ווי דאָ און דאָרט צאַפּלען זיך איינצלנע לאַקסן אויפן גראָען שטיין. לאַנגזאַם שטופּן מיר זיי אַריין מיטן פוס אין וואַסער. אָבער וואָס ווייטער מיר באַוועגן זיך האַרט ביי דער וואַנט, אַלץ מער און מער זעען מיר לאַקסן, צאַפּלענדיקע זילבערנע לאַקסן צווישן די שטיינער, אין די גריבער, הויך איבער אונזערע קעפּ. עטוואָס ווייטער ציט זיך אַ לאַנגער טיפער שפּאַלט פון אויבן ביז אַראָפּ איבער דער גאַנצער לייגג פון דער וואַנט, אָנגעפילט מיט לויפנדיקן וואַסער, ווי אַ קליינינטשקער וואַסערפאַל. דערדאָזיקער שפּאַלט איז אינגאַנצן פאַרלייגט מיט לאַקסן. מאַנכע פון זיי זיינען איינגעשלאָפן, אַנדערע ליגן סתם תמעוואַטע, ווי זיי וואָלטן וועלן קומען צו די קלאָרע רעיונות און די דריטע, ווידער, נאָך פריש און געזונט, פּאַטשן מיט די עקן, קלעטערן העכער, גליטשן זיך צווישן די שטיינער, איבער די קערפּערס פון זייערע חברים און רייסן זיך מיט אַלע כוחות אינדערהויך, אַרויף, אַרויף, צו דער זון, צום טייך, וואו זיי קאָנען אַרויסלאָזן זייערע רויגן.

דאָ, אונטערן וואַסערפאַל, קאָנען מיר מער-ווייניקער, פאַרענטפערן אונזער האַרבע שאלה, ווי אזוי די לאַקסן קריגן זיך ארויף אין טייך. דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע לעקציע און מיר וועלן זי האָפנטלאַך לאַנג-לאַנג געדיינקען, ווי מען געדיינקט אַ העלדישן קאמף, אַ מסירת-נפשדיקע טאַט.

די לאקסן פליען און פליען, אָבער אַז זיי קומען ביז א געוויסער הויך, פאלן זיי אראָפּ אינם ווייסן שוים ביי אונזערע פיסמאנכע פאלן גלייך אויף דער וואנט, שלאָגן זיך אָפּ, שפּרינגען-

אָפּ און ווערן נאָכדעם אַוועקגעטראָגן מיט דעם אונטערשטן שוי-
מיקן שטראָם. אַנדערע פאַלן-אַריין אין די וואַסערגריבלאַך, וואו
זיי רוען זיך אויס, פונקט ווי דערדאָזיקער אָרט וואָלט זיי שוין
געווען גוט באַקאַנט פון פריער, און באַלד דערויף הויבען זיי
אָן פון דאָסניי זיך צו צאַפּלען און צו שפּרינגען אַלץ העכער
און העכער.

אָט איז אַ יונגער געזונטער לאַקס, וואָס האָט אויף יענער זייט
געמאַכט אַ מוראדיקן שפּרונג און איז אַריינגעפאַלן גלייך אינם
שפּאַלט, בײַ אונזערע אַקסלען, וואו עס זיינען געלעגען אַ דריי-
פיר לאַקסן און האָבן קוים געאָטעמט. ער האָט תיכף-ומיד גענו-
מען קלעטערן איבער זיי, געפּאַטשט מיטן ברייטן עק איבער די
שטיינער און דורך איבערנאַטירלאַכע באַוועגונגען געגליטשט און
געשטויסן דעם גוף אַלץ העכער, אָט רוט ער אַ רגע און גליטשט
זיך ווייטער אַרויף, נאָכדעם ווידער אַ רגע מנוחה און ווייטער
אַ שפּרונג, אַ ריס און אַ צי מיטן גאַנצן גוף איבער די חברים
און פעלזן, און אָט מאַכט ער די לעצטע-לעצטע אָנשטריינגונג
אַזוי, אַז אונז שווינדלט ממש אין די אויגן, און מיט אַ ברייטן
פּאָך מיטן עק כאַפּט ער זיך אַריבער דעם ראַנד פונם פאַרשאָל-
טענעם וואַסערפאַל: ער איז שוין אויבן אין טייך!...

איך ווייס נישט, וואָס מיט די לאַקסן געשיט אין אַנדערע טייכן
און אַנדערע וואַסערפאַלן. דאָ אָבער ווערט די האַרבע שאלה
פאַרענטפערט פּשוט און איינפאַך, אָן קונצן. די לאַקסן שפּרינגען
אין וואַסערפאַל און פאַרלאָזן זיך בעת-מעשה אויף זייער אינ-
סטינקט, אָדער, ריכטיקער, אויף דער פּראַקטיק, וואָס זיי האָבן
זיך דערוואָרבן נאָך פריער און פאַלן-אַריין אין די שפּאַלטן פון
דער שטיינערנער וואַנט. פונדאַנען שפּרינגט מען ווייטער אַרויף
אויב דער קלאַפּ האָט זיי נישט פאַרטויבט אָדער צוקאַלעטשעט
אָדער אויב דער שטראָם האָט זיי נישט אונטערגעכאַפּט און

אַוועקגעשלעפּט צוריק. מען שפּרינגט אַזויאַרום אַלץ העכער און העכער איבער דער וואַנט, איבער די שטיינער, ביז מען דערגרייכט דעם אַזוי הייס באַגערטן טייך...

ווי כמעט אין אַלע וואַסערפאַלן, האָט זיך אויך דאָ געשפּירט אַ מעסיקע ריטמישע וואַסערבאַוועגונג. דער שטראָם פאַלט נישט גלייך און כסדר, נאָר ער מאַכט קליינינטשקע הפסקות: אַ שטאַר־קער גאָס, אַ שוואַכער גאָס, פונקט ווי ער וואָלט געאָטעמט. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די לאַקסן מאַכן דעמאָלט דעם שפּרונג, ווען די באַוועגונג פונם שטראָם איז אַ שוואַכער. אַזוי מאַכן זיי פריער דעם ערשטן שפּרונג פונם שוים אין וואַסערפאַל אַריין און נאָכדעם דעם לעצטן שפּרונג פון די שטיינער אין טייך אַריין, איבער דעם וואַסערפאַל.

אויך אין די אַנדערע וואַסערפאַלן, אין אַנדערע טייכן, מאַכן די לאַקסן דורך זייער אויסטערלישע נסיעה אויף דעמזעלבן שטיי־גער, מיט דיזעלבע מיטלען. דאָקטאָר עלוד אוּאָרסטער, פון באָסטאָן, שרייבט מיר, אַז בשעת ער האָט געפאַנגען לאַקסן אינם ווייסן ים-אויסגוס, האָבן אים די באַגלייטער פאַרציילט, אַז די לאַקסן פאַרזאַמלען זיך מאַסנווייז אויף די פעלזן, הינטערן וואַסערפאַל, און דאָרטן פאַלן זיי אַריין צו די פישער, וואָס קאָ־נען זיך קיין עצה נישט געבן מיט אַזאַ שפע פון פיש.

דאָקטאָר אוּאָרסטער איז אַוועק אַהין מיט זיינע באַגלייטער, און עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד האָט ער דאָרט אָבסערווירט די לאַקסן, וואָס האָבן אויך דורכגעמאַכט דיזעלבע באַוועגונגען און שפּרונגען, וואָס מיר האָבן דאָ געזען, אונטערן וואַסערפאַל פונם לאַקסטייך.

דאָרט, ווי דאָ, האָט בלויז איין טייל דערגרייכט דעם טייך, אויף יענער זייט פונם וואַסערפאַל. מאַנכע שלימזלס זיינען נאָכאַנאַנד געשפּרונגען און נאָכאַנאַנד אַראָפּגעפאַלן; אַנדערע, ווידער, זיינען

אַוועק צוריק אין ים אַריין פֿאַרהיילן זייערע וואונדן און די איבעריקע זיינען געלעגען שטיל, ווי פֿאַרמשפּטע, און געוואַרט אויף די פֿישער אָדער דער שטראָם האָט זיי אַוועקגעטראָגן און זיי זיינען אַריינגעפֿאַלן אין די לאַפּס פֿון די טייכהינט, אָדער אין די נעגל פֿון די אָדלערס.

אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום פֿעלז, וואו מיר האָבן איבערגעלאָזט אונזערע ווענדקעס, האָט זיך שוין מער נישט געגלוסט צו כאַפּן פֿיש. מיר האָבן זיך אָנגעזען אַזויפֿיל פֿיש-צרות, אַזויפֿיל לאַקסן־יסורים, אַז די האַנט האָט זיך מער נישט געוואָלט אויפֿהויבן צו דער ווענדקע. געוויס, ניועל איז גערעכט: ער זאָגט, אַז איצט איז די בעסטע צייט צו פֿאַנגען לאַקסן, וואָרום זיי זיינען זייער מיד און הונגעריק. אָבער איך בין עס אים מוחל, דעם אַלטן גוטן אינדיאַנער. סוף־כל-סוף האַנדלט זיך עס דאָך נישט בלויז וועגן דער ווענדקע, נאָר וועגן דעם גרויסן סוד, וואָס דערדאָזיקער מוטיקער פֿיש טראָגט מיט זיך פֿון ים אין טייך אַריין און מאַכט-דורך אַזאַ מאוימדיקע טראַגישע און העלדישע נסיעה...

אפֿילו איצט, ביים פֿעלז, זע איך, ווי הונדערטער, טויזנטער לאַקסן גייען צום וואַסערפֿאַל. אַלע גייען מוטיק, זיכער און דרייסט, הגם נישט אַלע וועלן קומען אויף יענער זייט טייך.

אַנדערע וועלן אומקומען, מאַנכע וועלן צוקאַלעטשעט ווערן, די שטאַרקסטע אָבער וועלן בייקומען דעם וואַסערפֿאַל...

אַזוי געשיט מיט מענטשן אויך.

דאס לעבן
פון אַ לאקס





אײנמאָל, שפּעט אין הערבסט, איז אַ גרױסער לאַקסין בשלום אַריבערגעשפּרונגען דעם לעצטן װאַסערפֿאַל און האָט זיך באַזעצט אין טײַך, װאו זי האָט געקאָנט אָרױסלאָזן איר רױגן. די נסיעה פֿון ים אין טײַך האָט בײַ איר געדױערט אַ גאַנצן זומער. בײַ אַלע שװעלן און בײַ יעדן װאַסערפֿאַל האָט מען פֿריער געמוזט זיך אױסרוען אַ ביסל, כּדי מען זאָל האָבן כּוח דורכצומאַכן דעם נױטיקן שפּרונג, װאָס איז פֿאַרבונדן מיט גרױס סכּנות נפֿשות. אױסערדעם, האָט מען זײער פֿאָרזיכטיק געמוזט אַדורכשװימען די אַלע פֿלאַכע ערטער אין טײַך, מחמת דאָרטן זײַנען געשטאַנען בערן און האָבן געלױערט אױף יעדן פֿיש און דעריבער האָט מען אַזאַ נסיעה געקאָנט דורכמאַכן נאָר אין אַ לבֿנהנאַכט, װען יעדער שאָטן פֿון אַ חיה ציטערט זײער שאַרף אױף דער אױבערפֿלאַך פֿון װאַסער און מען קאָן דײַטלאַך זען דעם שונא און זיך װי־עס־איז אַרױסראַטעװען פֿון זײַנע נעגל.

איצט איז זי שוין אַלע שווערקייטן און אַלע מניעות אַדורכגע־קומען און האָט זיך באַזעצט אין טייך, אין אַ שטיל ווינקעלע, וואו דער שטראָם האָט זיך מעסיק באַוועגט און דער דנאָ איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט קלייניטשקע גאָלדענע שטיינדעלאַך. דאָ האָט זיך געפונען אַן אַלטער לאַקסנגעסט, וואָס האָט שוין דורותלאַנג געדינט די לאַקסן פון איר משפחה. דאָ, אין דעמדאָזיקן נעסט, האָט געוואוינט איר מאַמע און איר באָבע און איר עלטערבאָבע און די נאָך פריערדיקע דורות, און מיט אַ גע־ניטער באַוועגונג האָט די לאַקסין, באַלד ווי זי איז געקומען און זיך עטוואָס אויסגערוט, זיך גענומען מאַכן אַ שטיקעלע סדר און אַן אָרדנונג אין דער אַלטער דירה. קודם האָט זי מיט איר ברייטן עק אַראָפּגעווישט דעם שליים, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף די קלייניטשקע שטיינדעלאַך און מיט ווייכע בלעטלאַך האָט זי אויסגעבעט דאָס שטילע ווינקעלע.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך באַוויזן איר מאַן. דאָס איז געווען אַ מוראדיק גרויסער לאַקס מיט אַ היינגל אויף דער אונ־טערשטער קינבאַק. מעכטיק און שטאָלץ איז ער געשוואומען אַרום זיין ווייב און פון צייט-צו-צייט פאַרטריבן און פאַריאָגט די נמאס־דיקע פאָרעלן, וואָס זייערע הונגעריקע מחנות האָבן מיט גרויס אומגעדולט געוואַרט, די לאַקסין זאָל שוין אַמאָל לייגן איר רויגן— וועט זיין וואָס צו נעמען אין מויל אַריין.

אַז די לאַקסין האָט אויסגעפוצט, ווי געהעריק, דעם נעסט, האָט דער לאַקס, איר מאַן, אַדורכגעפירט לאַנגע בייטן אין אים. צו דערדאָזיקער אַרבעט האָט ער זיך בענוצט מיט זיין היינגל, וואָס איז אים אַרויסגעקוואָקסן אויף דער אונטערשטער קינבאַק באַלד ווי ער האָט נאָר פאַרלאָזט דאָס געזאַלצענע ים-וואַסער און האָט זיך באַזעצט אינם זיסן טייכוואַסער. נאָכדעם האָט מאַן און ווייב די בייטן אויסגעשלייפט און אויסגעגלעט מיט זייערע ברייטע עקן,

און די לאַקסין האָט זיך גענומען צו איר מלאָכה: זי האָט געַ־לייגט איר רויגן, דאָס הייסט צענדליקער טויזנטער אייעלאַך, וואָס אַז פון יעדן אייעלע זאָל אַרויס אַ פיש, וואָלט דער גאַנצער טייך פון אויבן ביז אַראָפּ פאַרלייגט און פאַרשטעלט געוואָרן מיט לאַקסן.

דער מאַן מיטן היינגל אויף דער אונטערשטער קינבאַק האָט איצט געהאַט אַ סך אַרבעט. ערשטנס, האָט ער געמוזט פארשיטן דאָס רויגן מיט זשוויר—דער שטראָם זאָל עס נישט אָוועקכאַפּן און אוועקטראָגן, און, צווייטנס, האָט ער געמוזט פאַרטיליקן די פּאָרעלן און די יונגע לאַקסן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַרום נעסט ווי קליי־נע ווייסע בליצעלאַך און געלויערט אויף זייער רויב מיט דער בלוטדורשטיקייט פון עכטע פאַרצוקער. נישט־געקוקט דערויף אָבער, וואָס ער איז געווען זייער אַ געטרייער שומר און קיין איין מינוט נישט גערוט, נאָר כסדר אַרומגעלאָפן און אַרומגעשמייעט, נישט דערלאָזט, אַז עמיץ זאָל זיך צורירן צו דעם רויגן, איז דאָך די קליינע פארצוקערס עפּטער געלונגען אָנצולאָדעווען אַ פול מויל מיט רויגן און אַנטרונען צו ווערן דערמיט אונטער די אַרומיקע וואסערפעלזן, וואו דער אַלטער לאַקס האָט זיי בשום אופן נישט געקאָנט פאַקן.

פאַרטיליקט איין מחנה פאַרצוקערס, וואָס האָט געארבעט ממש ווי וועלף, איז באַפאַלן אַ צווייטע מחנה, אַ דריטע מחנה, וואָס האָט געלעקחנט דאָס רויגן אפילו אונטער דער מאַמעס בויך, און דער אַלטער לאַקס האָט זיך געמוזט ווארפן אין אלע זייטן, אויף רעכטס און אויף לינקס און פאר דער גאנצער צייט נישט גע קאָנט אָפּציען דעם אָטעם, ווי געהעריק.

דאָך האָט די אלטע לאַקסין אויסגעלייגט בשלום די רויגן, און, נישט־געקוקט אויף די גנבים־פּאָרעלן, זיינען אין נעסט, אונטערן זאַמד, פאַרבאהאלטן געוואָרן הונדערטער טויזנטער לאַקסן־אייעלאַך,

פון וועלכע עס האָט געקאָנק אַרויסקומען אַ גרויסאַרטיקער לאַקסן־דור. וויפיל מען האָט נישט צעגנבעט און פאַרצוקט, איז נאָך אַלץ געבליבן גענוג רויגן, באַזאָרגט און פאַרהיט פון פאַרצוקע־רישע פּיסקעס.

דעמאָלט האָט מאַן און ווייב, ביידע אויסגעצערט און אויסגעמאַ־טערט און אָפּגעשוואַכט פון נישט עסן גאַנצע פינף חדשים צייט, וואָס די נסיעה האָט אַוועקגענומען און פון די מוראדיקע וואַסער־פאַלן, וועלכע מען האָט באַדאַרפט אַריבערקומען און פונם שרעק פאַר די בערן, וואָס האָבן געלויערט אייף די טייכברעגן און פונם לייגן די אייער און אָפּהיטן זיי פון די טייכרוצחים—ביידע האַלב־טויטע זיך אַנידערגעלייגט אין שטילע פלאַכע וואַסערן און אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך אויסגערוט. עס איז זיי באַ־פאַלן אַ מין דרעמל, אַ שלאָף אַזעלכער, אין וועלכן זיי האָבן געהערט און געשפּירט, און געלעגן זיינען זיי אַזוי לאַנג אין די־דאָזיקע פלאַכע וואַסערן, ביז די נעכט זיינען אויסגעפאַלן טויט־שטילע, אָפּגעשטאָרבענע נעכט, און דער טייך איז באַצויגן גע־וואָרען מיט יונגן דינעם אייז. דער ווינטער האָט זיך שטיל און פּאַוואָליע גערוקט...

איבער די פאַרשלאָפענע טייכוואַסערן איז אַזוי ווי אַדורכגעגאַנ־גען אַ מעכטיקער באַפעל, געווענדט צו די לאַקסן: אין ים גייט! און אַלע לאַקסן, ווי איינער, האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די קעפּ אין דער ריכטונג פונם שטראָם און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין—צום ים.

זיי האָבן איבערגעלאָזט זייער רויגן אין די נעסטן, אונטערן זאַמד אונטער אַ שטילן פלאַכן וואַסער, און זיי האָבן געוואוסט, די לאַקסן, אַז די אייעלאַך וועט איצט קיין שום בייז נישט גע־שען. פון די אייעלאַך וועלן ווערן פישעלאַך און פון די פישעלאַך—

גרויסע פיש, וואָס וועלן אַמאָל אויך דורכמאַכן אַזאַ לעבן, ווי זייערע עלטערן האָבן דורכגעמאַכט.

די לאַקסן זיינען אַוועק אין ים אַריין, און אויפן טייך האָט זיך אַרויפגעלייגט דער ווינטער מיט זיין ווייסן פּראָסטיקן גוף. לאַנג און שווער איז ער געלעגן, דער טייך איז אָפּגעשטאָרבן אונטער אים, אָבער אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַ גאָלדענע זון אַראָפּגעשמייכלט פון בלויען הימל און דער אייז האָט מעלאָדיש געפּלאַצט אויפן טייך.

אַ פריילאַכער פרילינג האָט זיך צעגאָסן איבער גאָטס וועלט און דער טייך איז טיפער אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיטן גאָלדענעם שמייכל פון דער זון.

און אָט האָט אויך אויפגעלעבט דער איינגעשלאָפענער לאַקסננעסט. שטיל, ווי אַ סוד, האָבן געפּלאַצט די אייעלאַך און עס האָבן זיך באַוויזן קלייניטשקע גליקלאַכע לאַקסעלאַך...

איין אייעלע, וואָס איז געלעגן צווישן צוויי ווייסע שטיינדעלאַך, האָט אַזוי ווי פאַרבאָרגן אויפגעפּלאַצט און אַ קליינטשיק-קליינטשיק קאָפּסיפּל איז אַרויסגעשוואומען פון אים. באַלד ווי ער האָט נאָר דערזען די פאַרביקע טייכוועלט, האָט ער שוין דערשפּירט, אַז ער איז הונגעריק, און ער האָט זיך גענומען צום פרעסן. קודם האָט ער אויפגעפרעסן אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן אין אייעלע, אויסער זיך אַליין, נאַטירלאַך, און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו דעם שאָלעכטס פונם אייעלע. אין דער אייגענער רגע אָבער האָט ער פלוצלונג דערשפּירט, אַז מען באַדאַרף זיין פאָרזיכטיק, האָט ער זיך תיכף־ומיד פאַררוקט אונטער אַ שטיינדל, אין אַ קליין גריבעלע. דערזען בעת־מעשה אַ שטיקעלע איישאָלעכטס אויפן עק, האָט ער זיך שנעל אויסגעבויגן אין עס אַראָפּגעשלונגען. נאָכדעם האָט ער זיך באַקוועם געמאַכט אינם גריבעלע און צום ערשטן מאָל

זיך אַרומגעקוקט מיט נייגיריקע אויגן אין דער פּאַרבּיקער און באַוועגלאַכער טייכנוועלט.

אומעטום, רעכטס און לינקס, האָט געשווימלט און געגריבּלט מיט קליינ־טשיקע פּיצעלאַך־לאַקסעלאַך, וואָס האָבן זיך, אַזוי ווי ער, נאָר־וואָס באַפרייט פון די אייעלאַך און זיך איינגעאָרדנט אין גריבּעלאַך, הינטער קליינע שטיינדעלאַך. אויפן ערשטן קוק האָט זיך געדאַכט, אַז דער שוואַכער שטראָם האָט זיי צעזייט ווי אַ רויך. אינדערעמתן אָבער האָט זיך יעדער אָפּגעזוכט אַן ערטעלע, אַ קליין לאַקסנהיימעלע, און דער שטראָם האָט זיי לחלוטין נישט געשאַדט. געשאַדט האָבן זיי נאָר די הונגעריקע מחנות פאָרעלן און אונטער־געוואַקסענע לאַקסן, וואָס האָבן זיך געדרייט, ווי סטאַדעס וועלף אַרום די לאַקסנגעסטן.

דערזען, אַז די סכנה איז זייער גרויס, האָט אונזער פּיצעלע־לאַקסעלע פאַרלאָזט זיין גריבּעלע הינטערן שטיינדל און האָט זיך הענדום־פּענדום אַרונטערגעכאַפּט אונטערן וואָרצעלע פון אַ טייכ־פּלאַנץ, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבּן זיין ערשטער קאַמף פאַרן קיום...

אַ גאַנץ יאָר האָט אונזער פּיצעלע־לאַקסעלע, דאָס קליינע קאָפּסיפּל, פאַרבּראַכט, אין דעם אייגענעם אָרט, אין די שטילע פּלאַכע וואַסערן פון טייך, וואו ער האָט זיך גענערט מיט פליגע־לאַך, ווערימלאַך אָדער אַנדערע קליינע שרצימלאַך, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין וואַסער. ער איז אָבּער געווען זייער פאָרזיכטיק און האָט שטענדיק קלוג און געשיקט אויסגעמידן זיינע טויזנטער פיינט, וואָס האָבּן געלויערט אויף אים אויף יעדן שריט און טריט.

בּשעת ער איז אונטערגעוואַקסן און האָט דערשפּירט, ווי עס

שטייגן די כוחות אין אים, איז ער אַליין געוואָרן אַ קליין רוצחל און האָט זיך גענומען יאָגן נאָך קליינע פישעלאַך, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַרויס פון די אייערלאַך אָדער נאָך פליגן, וואָס זיינען אַרומגעפלויגן איבערן וואַסער. אַזוי־אַרום האָט ער זיך אויסגע־לערנט אַרויסצושפּרינגען פון וואַסער אָדער פּייל פון בויגן צוריק זיך אַ כאַפּ טאָן אין וואַסער אַריין און אויפשניידן מיטן שפּיציקן מויל דעם קלייאיקן גרונט.

אָבער יעדע באַוועגונג זיינע איז שטענדיק געווען אַן אויסגע־רעכנטע און אַ באַדאַכטע, ווייל ער האָט אומצייליקע פּיינט, וואָס לויערן אויף אים פון אַלע זייטן, טאָג און נאַכט. זיין רעטונג פלגט ער שטענדיק געפינען אינם גריבעלע אונטערן טייכוואָרצע־לע, וואו קיין שום פיש האָט אים נישט געקאָנט פּאַקן. אָבער אַמאָל, בשעת אַ געשיקטער פּאָרעל פלעגט אים פּאַרפּאָלגן אין אַזאַ אָרט, וואָס איז געלעגן ווייט פונם וואָרצעלע, פלעגט אונ־זער קאָפּסיפּל פּאַלן אויף אַזאַ המצאה: ער פלעגט זיך תיכף־ומיד אַראָפּלאָזן אויפן גרונט און פלעגט אַרום זיך פּאַרשפּרייטן אַ מוראדיקן שטויב פונם קלייאיקן גרונטזאַמד. דער פּאָרעל פלעגט נישט וויסן, וואו איז דאָ אים אַנטרונען געוואָרן דאָס קאָפּסיפּל, און דאָס קאָפּסיפּל פלעגט בעת־מעשה מאַכן פליטה צו זיך אונטערן וואָר־צעלע...

אָבער צופיל באַלעבאַטעווען און קאָמאַנדעווען אין וואַסער האָט דער פּאָרעל אויך נישט געקאָנט. ער האָט אויך געמוזט היטן זיין קאָפּ, ווייל ער האָט אויך געהאַט אומצייליקע שונאים. ערשטנס, זיינען געווען גרעסערע און שטאַרקערע פיש, וואָס האָבן מיט איין שלונג געקאָנט מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן און, צווייטנס, האָט דער שאָטען פון אַ טייכהונט זייער אָפט אַדורכגעשניטן די בוואַליעס. אויסערדעם, זיינען די פישער געקראָכן מיט די נעצן אין טייך אַריין און האָבן אַרויסגעשלעפּט פון דער לעבעדיקער

טייכוועלט טויזנטער פישן. צו די פישער זיינען נאָך צוגעקומען די פאַרשידענע מינים ים-פויגלאַך, וואָס האָבן אַן אָן אויפהער אַרומגעשמייעט איבערן וואַסער און אויסגעקוקס יעדע קלענסטע געלגנהייט, צו פאַקן דאָס אָרימע פישעלע.

אָבער נישט־געקוקט אויף די אַלע סכנות און מניעות, האָט זיך דאָך דער יונגער לאַקס שטאַרק אַנטוויקלט. די כוחות זיינען געשטיגן אין אים פון טאָג צו טאָג. ער איז געוואָרן גרויס און פעט און איז בטבע געווען זייער אַ פריילאַכער חברהמאַן. ער ער האָט ליב געהאַט אַ שפּיל און אַ שטיף און אַ שפרונג פון וואַסער און אַ טאַנץ אויפן עק, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר זיינטוועגן.

הערבסט־צייט, ווען ער איז אַלט געווען אַ האַלב יאָר, האָבן זיך באַוויזן גרויסע מידע לאַקסן אין טייך, און דידאָזיקע לאַקסן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין זייערע נעסטן, וואו זיי האָבן געלייגט זייער רויגן. דאָסדאָזיקע רויגן האָט שטאַרק פאַרשמעקט אונזער קאָפּסיפּ, האָט ער זיך באַהעפט מיט זיינע חברים און איז געקראָכן לקהנען דאָס רויגן. נאַטירלאַך, דאָס איז געווען זייער אַ געפערלאַכע אונטערנעמונג, וואָרום דער אַלטער לאַקס, דער מאַן, האָט געבערענט פון רציחה און איז געשטאַנען, ווי אַ זעלנער, אויף דער וואַך און מיט דעם גרעסטער געטריישאַפט אָפּגעהיט דאָס רויגן. אַריינפאַלן צו אים אין מויל אַריין, איז א גוטן טאָג מיט דער פיש-קאַפּאָטע, דאַרף מען זיך אָפּגעזעגענען מיטן לעבן, אָבער דער קאָפּסיפּ איז געווען יונג און געשיקט און האָט זיך שטענדיק געקאָנט אַרויסדרייען פון אַ סכנה. ווי אַ ווייסער בליץ פלעגט ער שניידן די וואַסערן און דער פאַרפאָלגער פלעגט אים באַלד פאַרלירן פון אויג.

ווילט איר אפשר וויסן, ווי אַזוי ער זעט אויס? אָט האָט איר איין ריכטיק בילד: צוויי אויגן, ווי צוויי קליינינקע שטערנדלאַך,

אויפן לייב — אַ גלאַנציקער טונקעל־זילבערנער מאַנטל, באַשפּרינקלט מיט רויטע שפּרינקעלאַך און באַפּאַסיקט מיט טונקל־בלויעפּאַסיק־לאַך, און באַפּוצט און באַשיינט מיט רויטע זשאַבערלאַך. דאָס זיינען זיינע יוגנט־מלבושימלאַך. אַזוי פּוצט אים אויס די נאַטור אין דער יוגנט.

נאָכן הערבסט איז געקומען דער ווינטער, אַ ווייסער, אַ שטומער און אַ שווערער. קאָפּסיפּ איז די גאַנצע צייט געלעגן אין זיין שטענדיקן גריבל, וואָס איז פון זיך אַליין גרעסער געוואָרן, אונטערן וואָרצעלע, און האָט האַלב געדרעמלט. עפּיס אַ שווערע פוילקייט האָט זיך צוגאָסן אין אַלע זיינע גלידער. ער האָט פאַר־לאָרן דעם אַפּעטיט צום עסן און האָט זיך געפוילט צו שווימען. אגב, וואָס קאָן עס זיין פאַר אַ שווימען אונטערן אייז? און די געפאַר איז אויך גרעסער. דער שטאַרקערער קאָן לייכטער פאַר־צוקן דעם שוואַכערן. נישטאָ וואו צו לויפן, אַנטרונען צו ווערן פון אַ שטאַרקן פיסק: דער אייז שטערט. אין וואַסער איז טונקל און אומעטיק...

אָבער אָט איז אַוועק דער ווינטער און די וועלט איז ווידער באַגאָסן געוואָרן מיטן גאָלד פונם פרילינג. דער טייך האָט זיך געעפנט און די זון האָט אַריינגעקוקט אין די וואַסערן מיט גאָל־דענע אויגן.

קאָפּסיפּ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין גריבל און האָט מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז ער מוז זיך באַוועגן און אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם שווערן ווינטער־דרעמל.

אַ וואָך צייט איז ער אַרומגעפלויגן איבער די וואַסערן, ווי אַ ווייסער בליץ, גענומען פון דאָסניי פרעסן און פאַרצוקן אַלץ, וואָס אים האָט זיך נאָר געמאַכט אויפן וועג און ער איז זייער שנעל געקומען צו די כוחות. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער מיט אַ באַזונדער תענוג דערשפּירט, אַז ער האָט נישט

וואָס מורא צו האָבן פאַר אַ פּאָרעל און באַדאַרף שוין מער נישט אַנטלויפן פאַר אים. פאַרקערט, גיכער דאַרף יענער מאַכן פּליטה פאַר אים, אויב ער וויל זיך נישט באַצאָלן מיטן לעבן.

דעמאָלט האָט זיך קאָפּסיפּ דערוועגט אַרייצושווימען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אינם קליינעם ליכטיקן טייכאַרבעלע, באַגאָסן אינגאַנצן מיט גאָלדענער זון. אין דער ערשטער מינוט איז ער אַביסעל מבולבל געוואָרן: אַזויפיל ליכט און אַזויפיל מנוחה. ער האָט זיך נישט זיכער אַרומגעקוקט. באַלד אָבער איז ער דרייס-טער געוואָרן, און ערשט דעמאָלט האָט ער איינגעזען, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיינע ליבע חנעוודיקע יוגנטמלבושימלאַך מיט די שפּרינקעלאַך און שטרייפעלאַך און אַז ער טראָגט איצט אַן ערנסטן מאַנטל פון שופּן-פּערעלאַך, וואָס אַלע גרויסע פישן טראָגן.

עפּיס אַן אומבאַקאַנטער פּחד איז אים באַפאַלן, אָבער אַ פּחד וואָס מאַכט נישט אָפּהענטיק און נידערגעשלאָגען, נאָר וואָס רופט-אַרויס נייע קוואַלן פון ענערגיע און מוט, און קאָפּסיפּ איז אַרויס פונם ליכטיקן טייכאַרבעלע און איז — אומפּאַשטענד-לאַך פאַר זיך — אַוועק דרייסט און פריי מיטן שטראָם, מיטן וואַסער אַראָפּ...

זיי געזונט, גריבעלע, זיי געזונט, וואָרצעלע.ביידע זייט איר גע-ווען דאָס וויגעלע פונם קליינינטשקן לאַקסעלע. איצט האָט ער אייך פאַרלאָזט אויף אייביק, און אַן אַנדער לאַקסל וועט אודאי געפינען שוץ און מנוחה ביי אייך. זיי געזונט, גריבעלע, זיי גע-זונט, וואָרצעלע!...

אונזער לאַקס, וואָס איז געווען אַ זכרל, איז שוין אַלט געוואָרן אַ יאָר. דאָס איז שוין געווען אַ היבשער און פעסט-געבויטער לאַקס-בחורל, און לויפנדיק מיט די אומבאַקאַנטע וועגן פונם שטראָם, האָט ער געטראָפן אַלע זיינע ברידערלאַך, טויזנטער לאַק-

סעלאַך. וואָס זיינען אַרויסגעקומען מיט אים פון איין נעסט, זיי זיינען אויך געלאָפן מיטן שטראָם.

דאָס איז געווען אַ הערלאַכע, אַ וואונדערשיינע נסיעה פאַר אונזער לאַקס-בחורל, וואָס האָט קיינמאָל די טייכוועלט נישט אָנגעזען. ער האָט זיך געטראָגן אַלץ נידעריקער איבער אומבאַקאַנטע וואַסערן, איבער וואונדערלאַכע קעסלגרובן, וואו דאָס וואַסער האָט זיך פילפאַרביק געדרייט אין די אויגן, איבער טייכשוועלן, וואו דאָס וואַסער איז מיט אַ מאָדנעם געזאַנג געשפרונגען אינדערהויך און איבער שווינדלדיקע וואַסערפאַלן, אין אַ מוראדיקן הור־האַ און געפילדער, וואו דאָס וואַסער איז פאַרלאָפן מיט אַן אומרוהיקן ווייסן שוים, פונקט ווי די גאַנצע ערד וואלט זיך צוטאַנצט אויף דעמדאָזיקן אָרט. דער אָטעם האָט פאַרכאַפּט פון אימה און שפּאַנונג, די שופּן האָבן זיך עטוואָס אויפגעהויבן אויף דער הויט פונם געריש און וואַסער־פּאַטשעריי. אין אַזאַ מינוט האָט זיך קאָפּסיפּ תיכף-ומיד אַראָפּגעלאָזט אויפן גרונט, וואו עס איז געווען רוהיק און שטיל און וואו מען האָט געקאָנט קומען צו זיך פון אַזויפיל איינדרוקן און שפּרונגען...

אויפן גרונט פלעגט קאָפּסיפּ לאַנג נישט פאַרברייגען. עס האָט געצויגן אין וועג אַריין אַלץ ווייטער און ווייטער, און קאָפּסיפּ האָט זיך ווידעראַמאָל געטראָגן איבער די אומבאַקאַנטע פריילאַכע וואַסערן, וואָס זיינען געווען פּאַק און פול מיט יאָריקע לאַקסן און אַנדערע יאָריקע פישן.

אַריבערגעקומען צוויי גרויסע וואַסערפאַלן, האָט קאָפּסיפּ אָנבאַגעגנט גרויסע לאַקסנמחנות, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען זיין טאַטע־מאַמע. דידאָזיקע לאַקסנמחנות זיינען איצט געגאַנגען מיטן שטראָם אַרויף און האָבן באַדאַרפט דורכמאַכן זייער אַ שווערע נסיעה.

קאָפּסיפּ איז ווייטער געפלויגן מיטן שטראָם. דער טייך איז אָבער

בּרייטער און רוהיקער געוואָרן און דאָס וואַסער האָט בּאַקומען גאָר אַן אַנדער טעם און ריח. דאָס איז געווען דער טעם פון ים־וואַסער, וואָס האָט ממש פאַרשכּורט די יונגע לאַקסן. פון גרויס תּענוג און הנאה זיינען זיי איצט געשפּרונגען איבּער דער אויבּערפלאַך פון וואַסער, און קאָפּסיפּ האָט דערשפּירט אַ בּאַזונדער חבריש געפיל צו די אַלע יאָריקע לאַקסן, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געשטאַמט מיט אים פון איין נעסט און אַלע צוזאַמען—פון איין טייך, פון איין ליבּן טייך, וואָס האָט זיי געזונגען איין ליד און געבּערט מיט איין שפּייז. און דאָסדאָזיקע געפיל האָט אים שוין נישט פאַרלאָזט דאָס גאַנצע לעבּן.

נאָך אַ טאָג האָט געדויערט די טייכּנסיעה—און אָט זיינען זיי, מבולבּלע און אַנטציקטע, אַריינגעשוואומען אין די ערשטע שווערע ים־וואַלן...

אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָט זיך ווידעראַמאָל געוואָלט שפּרינגען אויפן עק, פון תּענוג און הנאה, פון די אומבּאַקאַנטע רחבות־דיקע ים־וואַלן, פונם זעלטענעם טעם פון די ים־וואַסערן, וואָס פאַרשכּורן פון קאָפּ בּיזן עק. אָבּער אָנשטאָט דעם האָט מען זיך געמוזט תּיכּף־ומיד אויסבּאַהאַלטן, פאַרגראָבּן ערגעץ אויפן גרונט, ווייל מוראדיק־גרויסע ים־הינט האָבּן זיך, ווי שוואַרצע שדים, געיאָגט נאָך די עלטערע לאַקסן, וועלכע זיינען געגאַנגען פון ים אין טייך אַריין. אַלע יונגע לאַקסן, די דאָזיקע אומצייליקע מחנה, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם וועג מיט אונזער לאַקסל, האָבּן זיך פאַרגראָבּן אויפן גרונט און בּעת־מעשה זיך צוגעהערט, ווי אויבּן, איבּער זיך, אין די אויבּערשטע וואַסערפאַכן קומט־פאָר דער מוראדיקער געיעג פון די ים־הינט נאָך די לאַקסן...

אָבּער אַז עס איז שטיל געוואָרן, זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון די גרונטנאָרעס און ווייטער געשוואומען, ווייטער און טיפער אין ים זיינען זיי געשוואומען, בּיז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די

גרינע מחיהדיקע אָרעמס פון די געשליינגלטע ים־צמחים, וואו זיי האָבן זיך באַלד דערפילט זייער היימיש, רוהיק און באַקוועם.

דאָ, אין דערדאָזיקער גרינער אכסניא, האָבן זיי פאַרבראַכט עטלאַכע טעג, זיך גוט אויסגערוט פון וועג און דערפרישט די כוחות מיט די בעסטע מאכלים. עס איז געווען אַזויפיל צום עסן, אַז יעדער לאַקס האָט געפרעסן פאַר צען און פאַר צוואַנציק לאַקסן, און אַלץ האָט געהאַט אַזאַ וואונדערלאַכן טעם, אַז מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון עסן.

עפּטער האָבן זיי אַרויסגעקוקט אין ים אַריין דורך די גרינע ים־צמחים, ווי דורך גרויסע פּאַלאַצפענסטער. און דעמאָלט האָבן זיי געזען אַן אויסטערליש, אומפאַרשטעלדלאַך ניי לעבן. פאַרביי זיי זיינען פאַרבייגעשוואומען משונהדיקע, פאַנטאַסטישע ים־קרעבסן און ים־שטערן און סקאַטן און דעלפינען, און זיי אלע האָבן זיך משונה באַוועגט, זיך געדרייט אין וואסער מיט אָפענע פיסקעס, און מיט ברענענדיקע אויגן, ווי שדים און רוחות. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שטיק פארכשופט לעבן באַוועגט זיך פאַרביי זייערע צמחים־פענסטער, וואָס קיין שום פיש־פאַנטאַזיע וואָלט זיך עס פריער נישט געקאָנט פאָרשטעלן...

אָבער דער אימפּעט, וואָס האָט זיי פריער געטריבען פון טייך אין ים אַריין, האָט זיי איצט ווידעראַמאָל געיאָגט פאָרויס, און די גאנצע לאַקסנמחנה האָט זיך אויפגעהויבן, ווי איינער, פון די גרינע ים־צמחים און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין. מען איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער אין דעם אומענדלאַכן ים, וואָס האָט פאַרכאַפּט מיט זיין געוואלטיקער עשירות און אומבאַקאַנט לעבן. אויף יעדן שריט און טריט זיינען אויסגעוואַקסן נייע סכנות און מניעות. ווילדע באַשעפענישן, מוראדיקע פאַרזעענישן מיט פייערדיקע אויגן, מיט שטעכעדיקע רוקנס און משונה-גרויסע

פּיסקעס, ווי שוואַרצע תהומות, האָבן געלויערט אויף זייער לעבן פון יעדן ים־קוסט און ים-מאָך, און די סקאָטן און פּלאָנדערקעס האָבן זיך געוואָרפן אויף זיי נישט פון אויבן, נאָר פונם ים־גרונט, וואו זיי זיינען פריער געלעגן, ווי שטיקעלאַך ליים. אָבער דאָס ים־וואַסער און די ים־נאַרונג האָט פאַרוואַנדלט די יונגע לאַקסעלאַך אין באַוועגלאַכע שטיקעלאַך שטאָל, וואָס האָבן זייער געשיקט אויסגעמידן די מוראדיקע ים-פאַרזעניש, וואָס האָבן אויסגעוויזן אַ סך געפערלאַכער, ווי זיי זיינען עס געווען אינדעראמתן. די לאַקסנמחנה האָט זיך נאָך אַלץ באַוועגט פאָרויס און פאָרויס. מיט איר איז נאָך מיטגעגאַנגען דער ריח און דאָס בילד פונם היימישן טייך, אָבער אַז זי האָט דורכגעמאַכט בײַ אַ צוואַנציק מייל אין אָפענעם ים, האָט זיך דער נסיעהפיבער אויסגעוועבט אין די פיש, ווי עס וועבט זיך אויס אַ שכרות. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ים בײַ צוויי הויכע ים-בערג, באַוואַקסן מיט געשליינגעלטע ים־צמחים, און יעדער לאַקס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ באַזונדער אָרט אויפן גרונט, וואו ער האָט זיך געמאַכט אַ שטילן און באַקוועמען נעסט.

פאַר אונזער קאָפּסיפּל האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ נײַ און רײַך לעבן סײַ אויפן גרונט און סײַ אין די וואסערן, וואָס צו עסן איז געווען איבערגענוג. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום זיין קלוג איינגעאָרדנטן נעסטעלע האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט קליינע ברואימלאַך, ענלאַך צו קרעבסן, וואָס זיינען געווען זייער באַטעמט, און דער יונגער לאַקס האָט נאָר באַדאַרפט אַדורכשווימען אַהין און צוריק מיט אַן אָפּן מויל— און ער פלעגט קומען אין נעסט זייער אַ זאַטער און אַ צופרידענער. אין אַ צוויי שעה אַרום פלעגט ער זיך ווידער אַרויסלאָזן אויף דעמדאָזיקן מאָלצייט און ווידער פלעגט ער אָנפּאַקן די זייטן אַזוי, אַז ער פלעגט קוים אַריינפאַלן אין נעסט.

אָבער מיטן ים־אָפּפלוס פלעגן אַנטרונען ווערן דידאָזיקע העלסט באַטעמטע ברואימלאַך, און דעמאָלט פלעגט אונזער קאָפּסיפּ זיך אַרויפהויבן אויפן באַרג און זיך אַראָפּלאָזן אויף דער צווייטער זייט, וואו דער גרונט איז געווען אַ העכערער. דאָ, אויף דעם פלאַכן גרונט, האָט דער שטאָק־פיש געלייגט זיין רויגן, און מיל־יאָנען פיצעלאַך־פישעלאַך האָבן באַדעקט דעם גרונט. קאָפּסיפּ האָט אַזויאַרום געפונען גאָר אַ נייעם מין מאכל און איז נישט־ווילנדיק געוואָרן אַ גרויסער זולל־וסובא. ער האָט געפרעסן אָן אַ שיער און אָן אַן אָפּהאַלט. געפרעסן שעהנלאַנג, אַליין נישט־שפּירנדיק, אַז ער עסט. טיילמאָל האָט ער אָנגעשטאָפּט אַ פול מויל מיט צאַפּלענדיקע פישעלאַך, וועלכע ער האָט בלויז צעקייט און אויסגעשפּייט און באַלד דערויף ווידעראַמאָל אָנגעכאַפּט אַ פול מויל מיט פישעלאַך. ער האָט געגעסן נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט עסן, נאָר דערפאַר, ווייל עס איז געווען זיי־ער אַנגענעם צו קייען אָן אַן אויפהער, אָן אָפּהאַלט דידאָזיקע לעבעדיקע פישעלאַך—צו קייען און אַרויסשפּייען...

ער האָט זייער שנעל געוואַקסן. גרויס, דיק און פעט איז ער געוואָרן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הויט וועט אים פּלאַצן אויף זיין פעטן לייב.

קליין און מאָגער איז ער אַריין אין ים, אָבער אין אַ חדש צייט איז ער אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן און שיינעם פיש, וואָס האָט געוואויגן איבער אַ פונט און אַ גאַנצן פוס די לייננג. און וואָס גרעסער און דיקער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך גע־שטאַרקט דער אַפּעטיט. טאָג און נאַכט האָט ער געפרעסן. ער איז געוואָרן זייער גרויס ביי זיך און אַ יונג שטאָקפישעלע אָדער אַ קליין קרעבסל האָט אים שוין נישט געשמעקט. ער האָט זיך בעסער באַהעפט צו אַ באַנדע פיש, וואָס האָבן געאַרבעט ווי אמתע רוצחים: מען האָט זיך פאַרבאָרגן אין די קוסטעס פון די

ים־שלאָכֿן און מען האָט נישט דורכֿגעלאָזט קיין איין פֿישדורכֿגייער. טויזנטער פֿישן האָבן אויסגעהויכֿט זייער לעצטן אָטעם אין די ציינגיקע מיילער פֿון דערדאָזיקער באַנדע, און קאָפּסיפּ איז געוואָרן איינער פֿון אירע געפֿערלאַכֿסטע אָנפֿירער.

זיינע זילבערנע זייטן האָבן זיך שטענדיק אַריינגעשניטן אין יעדער מחנה פֿיש, וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט, ווי זייער טבע איז, פֿון איין אָרט אין אַ צווייטן, און בשעת דער צופֿלוס פֿון ים האָט געבראַכֿט אַ זילבערנעם וואָלקן פֿון הערינג, האָט זיך קאָפּסיפּ אַריינגעשניטן אין רעכֿטן מיטן און האָט צענדליקער הערינג פֿאַרצוקט, פּונקט ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ טראָפּן וואַסער. איבער אים האָבן זיך געדרייט פֿאַרשידענע ים־פֿייגל, וואָס האָבן געשריען מיט ווילדע אומהדיקע קולות, אָבער קאָפּסיפּ האָט זיי נישט געהערט, נישט געקוקט אויף דער אַרומיקער סכנה און האָט געשלונגען איין הערינג נאָכֿן צווייטן.

אַזויאַרום איז אונזער ליבער שטילער פֿריילאַכֿער לאַקסעלע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים־גזלן.

דריי חדשים זיינען אַוועק, זינט קאָפּסיפּ האָט זיך באַזעצט אין ים. ער האָט איצט געוואויגן פֿיר פֿונט און אויף די זילבערנע זייטן האָט ער געהאַט שוואַרצע שפּרינקעלאַך. צוזאַמען מיט זיין וואוקס זיינען אויך געוואַקסן זיינע כּוחות און זיין שענקייט.

איינמאָל, סוף זומער, זיינען די לאַקסן ווידעראַמאָל אומרוהיק געוואָרן. זיי האָבן אויפֿגעהערט צו עסן און צו מאַכֿן אָנפֿאַלן אויף די שוואַכֿערע פֿישן, און די גאַנצע מחנה, וואָס האָט באַוואוינט די שטילע גריבעלאַך פֿון די ים־בערג, האָט הענדום־פּענדום ווידעראַמאָל זיך געלאָזט אין וועג אַריין—דאָסמאָל נישט ווייטער אין ים, נאָר צוריק צום היימישן טייך.

ביי די ברעגן פֿון ים האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלאַכֿע

טעג און דאָרט אָפּגעוואַרט די לבנהנעכט, און דער אַלטער דעדי קרעמעט, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין לאַקס אין די אויגן, האָט איצט אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער גאַנצע נעצן מיט לאַקסן.

אין אַ טאָג, ווען דער ים-צופלוס איז באַזונדערס שטאַרק געווען, איז די גאַנצע לאַקסמחנה אַרויס פון ים און זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין, וואו זיי זיינען באַלד באַפאַלן געוואָרן פון הונ־דערטער הונגעריקע ים-הינט. דער גאַנצער טייך איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ווייסע בליצן, באַדעקט מיט ווייסן קאָכיקן שוים.

אין דערדאָזיקער מוראדיקער פישבהלה האָט אַ יונגער ים-הונט גענומען נאָכיאָגן אונזער קאָפּסיפּל. נאָך אַ צוויי שטאַרקע באַוועג־גונגען פונם אָנפאַלער—און דאָס לאַקסעלע וועט אים אַריינפאַלן אין מויל אַריין. אָבער אין דערדאָזיקער קריטישער מינוט האָט דער זילבערנער רירעוודיקער פיש זיך אַ קער געטאָן אין אַ זייט, ווי אַ בליץ אויף אַ כמאַרנעם הימל און דער ים הונט האָט אים תיכף פאַרלוירן פון אויג. אַזויאַרום איז אונזער ליבער שטיפערל ניצול געוואָרן פון אַ שווערן טויט.

דער היימישער טייך מיטן באַקאַנטן ריח האָט אים צוגעגעבן פרישע כוחות און ער האָט זיך געלאָזט אַלץ שנעלער און שנע־לער אַרויף מיטן שטראָם. טיילמאָל האָט ער אַפילו געפּרובט שפּרינגען און טאַנצן אויפן עק פון גרויס שמחה און התפעלות. ער האָט זיך פריילאַך אַרומגעקוקט: מיט אים זיינען געגאַנגען טויזנטער לאַקסן, די אייגענע לאַקסן, ברידער און שוועסטער, מיט וועלכע ער האָט פריער מיטגעמאַכט די נסיעה פון טייך אין ים אַריין. דער וועג האָט אים דאָך איינגעמידט, און ערטערווייז איז ער געגאַנגען אַרויף וואַסער צודולט און שלעפעריק, ווי אין אַ פיינלאַכן חלום. דער אַפּעטיט איז אים אויך פאַרפאַלן געוואָרן

און גלייכגילטיק האָט ער געקוקט אויף די קליינע פישלאַך, וואָס האָבן זיך העזהדיק געדרייט אַרום, פונקט ווי ער וואָלט שוין מער נישט געווען קיין סכנה פאַר זיי.

צייטנווייז פלעגט ער אָפּרוען אין אַ שטילן טייכגריבל, אויפן ווייכן זאַמד. אַזאַ גריבל פלעגט אים תיכף באַרוהיקן, און ווידעראַמאָל פלעגט זיך אים וועלן אַ שטיף טאָן מיטן עק אָדער אויסשטעלן די אויגן אין וואַסער און קוקן לאַנג אויף די גייענדיקע פיש און פישלאַך. וואוהין גייען זיי, דידאָזיקע קליינינטשקע זילבערנע פישלאַך? ווי עס זעט-אויס, גייען זיי אין ים אַריין. אָבער צו וואָס גייען זיי אַהין? ער האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז דאָס זיינען געווען זיינע קלייניטשקע שוועסטערלאַך, וואָס איידער ער איז אַוועק צום ערשטן מאָל אין ים אַריין, האָט ער זיי פּיצע-לאַך - ברעקלאַך איבערגעלאָזט אין זיין היים-טייך. איצט האָט ער זיי נישט דערקענט, און האָט מיט גרויס נייגיר זיך צוגעקוקט, ווי זיי לויפן האַסטיק, לייכט און שטיפעריש אין ים אַריין.

זיך אויסגערוט אין טייכגריבל, איז קאָפּסיס פריילאַך צוגעשוואומען צו דעם ערשטן הויכן וואַסערפאַל. דאָ האָט ער קודם אַרויסגע-שטעקט דעם קאָפּ פון שוים און באַטראַכט דעם וואַסערפאַל: ווי הויך איז ער, אַ שטייגער און ווי אַזוי באַדאַרף מען מאַכן דעם שפּרונג. עטלאַכע מאָל האָט ער טיפער אָפּגעאָטעמט, געמאַכט עטלאַכע באַוועגונגען אַהינטער, נאָכדעם אַ שפּרונג געטאָן און זיך אַריינגעוואָרפן אינם פליוך. דער פליוך האָט אים אַראָפּגעשליי-דערט אויף אַ שטיין, און קאָפּסיס האָט דערפילט אַ ווייטאָג און אַ ברעכעניש אין אַלע גלידער. אָבער אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז נאַריש געשפּרונגען, אַז דער שפּרונג באַדאַרף זיך אָנהויבן נישט סאַמע ביים וואַסערפאַל, נאָר עטוואָס פריער, אַז ער דאַרף נישט געמאַכט ווערן רעש און

טעמפּ אַרויף, נאָר אין אַ האַלבן קרייז, נישט ווילד, נאָר מיט שכל, און אַז אַזויאַרום פֿאַרלירט מען אויך ווייניקער כּוחות און מען איז מער געזיכערט ביים אַראָפּפֿאַלן.

און אַזוי האָט קאָפּסיפּ שפּעטער געמאַכט דעם צווייטן שפּרונג ביי דעם אייגענעם וואַסערפֿאַל און איז אים בשלום אַריבערגע־שפּרונגען. אַ גליקלאַכער, הגם עטוואָס צעטרייסלט פֿונם שפּרונג, איז ער אַוועק מיטן וואַסער אַרויף און איז געפֿלויגן וויאָרסט נאָך וויאָרסט אויפֿן גרונט, ווי עס פֿליט אַ גליקלאַכער פֿייגל אַהיים פֿון אַ ווייטן לאַנד. פֿאַר דעם צווייטן וואַסערפֿאַל האָט ער זיך אויסגערוט עטלאַכע טעג און איז אים נאָך געשיקטער און בעסער אַריבערגעשפּרונגען, ווי דעם ערשטן. אַזויאַרום האָט זיך געצויגן זיין נסיה אין טייך גאַנצע צוויי חדשים צייט. פֿאַר דידאָזיקע צוויי חדשים האָט ער געהאַט גענוג וואַסערפֿאַלן און שוועלן און צוימונגען און קעסלגריבער און וואַסערפֿעלזן. אויסערדעם, זיינען געווען אַנדערע סכּנות. איינמאָל, אין אַהעלער לבנהנאַכט, האָט אים עפּיס אַ שוואַרץ בערגעלע פֿלוצלונג פֿאַרשטעלט דעם וועג אין טייך. קאָפּסיפּ האָט נישט געוואוסט, וואָט דאָס איז אַזוינס און האָט זיך רוהיק דערנענטערט צו דעמדאָזיקן שאָטן, אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט זיך באַוויזן פֿון דער זייט אַ גרויסער לאַקס און דאָס שוואַרצע בערגעלע האָט זיך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט. דער לאַקס איז כּהרף־עין אַרויסגעשפּרונגען פֿון וואַסער אויפֿן ברעג און פֿונם שוואַרצן בערגעלע האָט זיך אויסגעשיילט אַ בער, וואָס האָט זיך בליצשנעל אַ וואָרף געטאָן צום לאַקס. אַ פּחד איז באַפֿאַלן אונזער קאָפּסיפּל, וואָס האָט זיך תּיכּף פֿאַר־באָרגן הינטער אַ פֿעלז.

דעמאָלט האָט ער פֿמרשטאַנען, אַז לבנהנעכט זיינען געפֿערלאַך און אַז מען באַדאַרף שטענדיק אויסמיידן עפּיס אַ זאַך, וואָס ליגט ווי אַ שאָטן אין וואַסער, ווייל פֿון דעם קאָן זיך אויסשיילן

אַ בער אָדער אַ טייכהונט אָדער אַן אַנדער פישפאַרצוקער.
ערשט סוף חשון האָט קאָפּכיפּ ווידעראַמאָל דערזען יענס טייכ־
ווינקעלע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. אַ קאַלטע פרייד-ציטער־
ניש האָט אים דורכגענומען, און מיט אַ פריילאַכער עק-פּאַטשעריי
איז ער אַוועק צו יענעם וואָרצעלע, וואָס האָט אים אַמאָל גע־
דינט פאַר אַ שוץ און פאַר אַן אָפּדאַך. אָבער דאָס וואָרצעלע
איז געווען אַזוי קליין און דאָס גריבעלע איז געווען אַזוי קליין,
אַז ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט זיין גרויסן
גוף. אָבער אַלץ, וואָס האָט אים דאָ אַמאָל אויסגעזען אומענד-
לאַך-גרויס, האָט זיך איצט אין זיינע אויגן איינגעשרומפּן, איינ-
געצויגן די גרענעצן, קלענער געוואָרן, פּונקט ווי דער טייך
וואָלט זיך פאַרענדערט. אָבער די היים, די באַקאַנטע טייכווינקע־
לאַך און טייכוועגלאַך, אויף וועלכע עס איז דורכגעלאָפן זיין
קינדהייט, האָט אים אָנגעפילט מיט שמחה און ער האָט זיך גע־
וואָרפן און געטאַנצט אין וואַסער, ווי אַ קליין גליקלאַך פישעלע.

איינגיכן האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ ווייב. דאָס איז געווען אַ
שיינע לאַקסין, וואָס האָט זיך איינגעאָרדנט אַ זויבערן נעסט,
און קאָפּכיפּ איז געשוואומען אַרום איר, ווי אַ זעלנער אויף דער
וואַך. נאָכדעם האָט זיין ווייב געלייגט רויגן און ער האָט גע־
האַלטן אין איין טרייבן און יאָגן די גיריקע פאַרצוקערישע פיש־
מחנות, וואָס האָבן זיך אַלץ געקליגט, ווי אַזוי צופּאַקן דאָסדאָ־
זיקע רויגן. ער איז געווען אַ טרייער מאַן און אַ הייסער טאַטע
און האָט די גאַנצע צייט נישט גערוט, נישט געגעסן און נישט
געשלאָפן, נאָר אַלץ געהיט דאָס רויגן און נישט אָפּגעטראָטן
פון זיין ווייב.
דרויסן איז שוין קעלטער געוואָרן און געל האָט זיך דער הערבסט
צעפּגעשפּיגלט אין די שטילע טייכוואַסערן. ערטערווייז האָט דער

יונגער אייז באַצויגן דעם טייך, ווי מיט אַ דינעם גלאָז.

קאָפּסיפּ האָט גוט פאַרגראָבן דאָס רויגן אין זאַמד און האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין ים אַריין... פון ווייניק עסן, פון נישט רוען און פונם זיסן טייכוואַסער איז אים טונקל געוואָרן די הויט. אָבער ער איז געפלויגן אין ים אַריין מיט דער שנעלקייט פון אַן אָדלער. אין איין טאָג איז ער אַדורכגעפלויגן אַלע וואַסער־פאַלן און וואַסערשווועלן, און אויף מאָרגן האָט ער זיך, אַ גליקלאַכער און אַ פריילאַכער, אַראָפּגעלאָזט אויפן גרונט פון ים. אַרום אים האָבן זיך געדרייט טויזנטער יונגע לאַקסינס, וואָס זיינען געווען אַזוי גרויס, ווי ער, און ער האָט נישט געוואוסט אַז דאָס זיינען זיינע שוועסטער, וועלכע ער האָט נישט לאַנג באַגעגנט אין טייך, קליינטשקע, נאַרישע און מאָגערע, אָבער דער ים האָט זיי פעט און גרויס געמאַכט.

אונזער קאָפּסיפּ האָט ווידער אָנגעהויבן פירן אַ ברייט און רייך לעבן אין ים.

אָבער אָט איז אַדורכגעפלויגן נאָך אַ ווינטער און דער לאַקס האָט ווידעראַמאָל דערשפּירט, אַז ער מוז זיך אויפהויבן אין די זיסע טייכוואַסערן, דאָרט, וואו עס קאָכן די שוועלן און עס רוישן די מוראדיקע וואַסערפאַלן, וואו יעדער שריט און טריט איז פאַר־בונדן מיט סכּנות־נפשות. אויפן וועג פונם ים צום טייך, אָדער צו זיין ליבער היים, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ שווערן קאַמף מיט די ים־הינט, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן, ווי די שוואַרצע שדים אין די זילבערנע פריילאַכע מחנות פון די לאַקסן. קאָפּסיפּ האָט זיך געראַנגלט, ווי אַ העלד און איז לייכט, גאָר אָן שרעק, אָפּגעשפּרונגען פון זיי.

פריילאַך און שטיפעריש איז ער מיט אַ מחנה לאַקסן אַריינגע־שוואומען אין טייך, וואָס האָט זיך ברייט צעגאָסן פאַרן ים. ער־טערוויז האָט זיך דער טייך פאַרוואַנדלט אין קליינע אָזערעס,

און קאָפּסיפּ האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין איינער פֿון דידאָזיקע שטילע קײַלעכיקע װאַסערװינקעלאַך, װאו ער האָט געכאַפּט דעם ערשטן קלאַפּ אין לעבן.

געשען איז עס פּלוצלונג און אומגעריכט.

אין די פּעטע זומפּן, נישט װײַט פֿון דערדאָזיקער אָזערע, האָבן געװױנט אַ פּאָר טונקפֿײגלאַך. אַלע טאָג פֿלעגן דידאָזיקע פֿײגלאַך זיך אַראָפּלאָזן אױפֿן דנאָ און פֿלעגן שטיל און געשיקט אַדורכשנײַדן די אָזערע אין דער לײַנג און אין דער ברײט. בײדע פֿײגלאַך האָבן זיך גענערט מיט פֿיש. איינמאָל האָט זיך איין העקואים *) געיאָגט נאָך עפּיס אַ פֿיש, אָבער דער פֿיש האָט זיך כּהרף-עין פֿאַרגראָבן הינטער אַ שטײן. אין דער אייגענער רגע האָט זיך באַװיזן אונזער קאָפּסיפּ, װאָס האָט ברײט און פֿרײ געפּאָכט מיטן עק. דערזען דעם קאָפּסיפּ, האָט דער העקואים זיך עטװאָס אָפּגערוקט און נאָכדעם אַרײַנגעשטאָכן זײַן לאַנגן שאַרפֿן שנאָבל דעם לאַקס אין זײַט אַרײַן. דער קלאַפּ איז געװען אַ שטאַרקער און אַ שנעלער. אַן אַנדער פֿיש װאָלט באַלד אױפֿן אָרט צעמישט געװאָרן און דער העקואים װאָלט שוין געהאַט אַ געשמאַקע סעודה. אונזער קאָפּסיפּ אָבער איז געװען אַזױ געזונט, אַז ער האָט זיך תּיכּף־ומיד אַרױסגעריסן פֿונעם שנאָבל, זיך אַרױסגעכאַפּט אױפֿן װאַסער, באַלד דערױף געמאַכט אַ מוראדיקן שפּרונג אין דער זײַט און װי אַ בליץ זיך אַראָפּגעלאָזט אױפֿן גרונט.

ער האָט באַלד דערפֿילט, אַז ער איז הונגעריק און האָט פֿאַר איינמאָל אײַנגעשלונגען עטלאַכע קלײנע פֿישלאַך. די סכּנה האָט ער אױסגעמידן און האָט זיך געקאָנט לאָזן מיטן װאַסער אַרױף,

---

*) העקואים — אויף אינדיאניש [illegible]

ווי פֿאַראַיאָרן, אָבער עפּיס אַן אינערלאַכע שטים האָט אים אונ־טערגעזאָגט, אַז ער איז פֿאַרוואונדעט און אַז ער מוז זיך אומ־קערן צוריק אין ים אַריין... די זיסע טייכוואַסערן זיינען גע־פֿערלאַך פֿאַר זיין וואונד. אין דידאָזיקע וואַסערן זיינען פֿאַראַן אַ סך פּאַראַזיטן, וואָס וואָלטן באַפֿאַלן זיין וואונד און ער וואָלט זיכער אומגעקומען דורך זיי.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין ים און האָט זיך באַזעצט צווישן די באַקאַנטע ים־פֿעלזן, וואו ער האָט שוין פֿריער געוואוינט.

פֿון אַלע עקן ים האָבן זיך געצויגן גרויסע לאַקסנמחנות אין טייך אַריין. זיי איז פֿאָרגעשטאַנען אַ שווערער וועג מיט שוועלן און וואַסערפֿאַלן און מיט גרויס סכּנות־נפֿשות. אָבער אונזער קאָפּסיפּ איז זיך בעת מעשה געלעגן צווישן די פֿעלזן און האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין פֿרעסן. ער האָט געגעסן ראַ־קעס און פֿישן און ים־ווערעם. באַזונדערס אָבער האָט ער געפֿרעסן די פֿעטע ראַקעס, אַ מאַכל, מיט וועלכן ער האָט זיך איצט צום ערשטן מאָל בעסער באַקאַנט. איבער אים האָבן זיך געדרייט גאַנצע מחנות ים־הינט און ים־וועלף און פֿאַרצוקערישע הייפֿישן, אַלץ אַזעלכע ים־באַנדיטן, וואָס וואָלטן אים געקאָנט איינשלינגען, ווי אַ טראָפּעלע וואַסער, אָבער אונזער קאָפּסיפּל איז געווען זייער פֿאָרזיכטיק און האָט זיך שטענדיק אַרויסגעדרייט פֿון אַ סכּנה.

סוף זומער, ווען די ערשטע אָפּגעצערטע לאַקסנפּאַרטיעס זיינען געקומען פֿונם טייך אין ים אַריין, איז שוין קאָפּסיפּ אויף אַזוי־פֿיל אויסגעוואַקסן, אַז ער האָט געוואויגן אַ האַלבן פֿונט. דאָס איז געווען אַ גרויסער מעכטיקער קלוגער פֿיש, וואָס איז געווען אַ בקי אין טייך און אין ים. ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו ווערן מיט שטאַרקערע פֿיש פֿון זיך און ווי אַזוי צו באַפֿאַלן

אַ שוואַכערן פיש. דאָס ים-לעבן איז אים איצט געווען אַזוי פאַרשטענדלאַך, ווי אַ פראַקטישן מענטשן דאָס לעבן אין שטאָט.

די וואונד איז אינגאַנצן פאַרהיילט געוואָרן.

צו פריילינג איז אים צוגעקומען נאָך פינף פונט, און פון זיינעם אַ פאַטש מיטן עק האָט אויפגעציטערט דאָס וואַסער אין ים. געזונט, פעט און געשיקט, האָט זיך קאָפּסיפּ געלאָזט מיט דער ערשטער לאַקסנפּאַרטיע אין טייך אַריין, וואו ער האָט ווידער איבערגעלאָזט אַ נייעם דור לאַקסעלאַך...

חדשים זיינען געלאָפן, יאָרן זיינען געגאַנגען און אונזער קאָפּסיפּ איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. דאָס יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ים, האָט אים שטאַרק פאַרענדערט אין פערגלייך מיט זיינע חברים — לאַקסן: ער איז געווען גרעסער, דרייסטער און קליגער פאַר זיי.

איינמאָל, בשעת דער טייך איז אין איין אָרט פאַרשטעלט און פאַרלייגט געוואָרן מיט ברעטער, אַזוי אַז די לאַקסן האָבן נישט געקאָנט בייקומען דידאָזיקע מניעה, איז קאָפּסיפּ מיט נאָך אַ פּאָר שטאַרקע לאַקסן אַוועק צוריק צום ים און פון דאָרט זיך אויפגעהויבן אין אַ נייעם אומבאַקאַנטן טייך. דאָס האָט לחלוטין נישט געשטימט מיטן כאַראַקטער פון אַ לאַקס, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרראַטן זיין היימישן טייך. פאַרן לאַקס איז דער היימישער טייך דאָס אייגענע, ווי פאַר אונז די געבורטשטאָט. ער האָט ליב זיין טייך, מעג ער זיין מיט שוועלן און הויכע וואַסערפאַלן, און ער וועט אים קיינמאָל נישט פאַרבייטן אויף אַן אַנדער טייך, וואָס איז פריי פון צוימען און מניעות, און וואו מען קאָן שווימען פראַנק און פריי אין וואַסער, ווי אַ פייגל אינדערלופטן.

אַ צווייט מאָל, ווען ער איז געוואָרן נאָך גרעסער, שווערער און

פוילער, האָט ער זיך אויפגעהויבן אין טייך און איז דערגאַנגען ביז די ערשטע שוועלן. ער האָט זיך געפּוילט ווייטער צו גיין, דאָ, אויף דעמדאָזיקן אָרט, האָט ער פאַרבראַכט אַ חודש צייט אין דרעמלען, שלאָפן און פרעסן.

דאָסמאָל האָבן מיר אים געוואָלט פאַקן, מיר — איך און דער אַלטער נאָעל. מיר האָבן אַריינגעוואָרפן אונזערע ווענדקעס אין טייך און שעהנווייז געשטאַנען און געהיט דאָס קלענסטע רינצע־לע אויפן וואַסער. עפּטער האָט זיך אונז געדאַכט, אַז מיר האָבן אים שוין, דעם חברהמאַן, אויפן האָק, אָבער אַז מיר האָבן הענ־דום־פענדום אַרויסגעכאַפּט די ווענדקע פון טייך, האָבן מיר איינ־געזען, אַז אונזער קאָפּסיפּל האָט בלויז אויפגעפרעסן דאָס פלי־געלע אָדער דאָס ווערימל, נאָר אויפן האָק איז ער נישט גע־גאַנגען.

צוויי טעג האָבן מיר זיך געמוטשעט מיט אים. איין מאָל האָבן מיר אים דוקא געפּאַקט אויפן האָק, אָבער אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן אים שוין כמעט געהאַט אין די הענט, האָט ער זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן און איז אַנטרונען געוואָרן אין די אומרוהיקע כוואַליעס.

ער איז אַנטלאָפן נישט ווי אַ פּחדן, נאָר ווי אַ העלד! ביז דער לעצ־טער מינוט האָט ער זיך געראַנגלט מיט אונז, אָבער אַז ער האָט איינגעזען, אַז ער פאַרשפּילט דעם קאַמף, האָט ער דרייסט און קלוג געמאַכט פּליטה.

טאָ זיי מיר געזונט, מיין שיינער ליבער קאָפּסיפּל! דו ביזט געווען דער גרעסטער פיש, וואָס איך האָב היינטיקן זומער גע־זען אין דעמדאָזיקן טייך. באַלד וועסטו אַוועק צוריק אין ים אַריין. די ברייטע רחבותדיקע געזאַלצענע וואַסערן, די שטילע ווינקעלאַך צווישן די פעלזן, די פעטע באַטעמטע ראַקעס, וואָס לאָזן זיך לייכט כאַפּן און די טויזנטערליי פישן, וואָס מען קאָן

זיי עסן טאָג און נאַכט און די מחיהדיקע געפאַרן, וואָס שטאַרקן די ביינער און מאַכן קליגער און גיבן־צו מוט און העזה — דאָס אַלץ וועט דיך מאַכן גרעסער, שענער און שטאַרקער, און ווי אַ מעכטיקער מושל וועסטו זיכער שניידן די פריילאַכע אומענד־לאַכע גרינע וואַסערן פון ים...